STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03439

DER YOYVILYOR

Yitshak Dogim

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק דאגים / דער יוביליאר

(דערציילונגען)

יצחק דאגים

דער יוביליאר

(דערציילונגען)

1979

ISAAC DOGIM

THE ANNIVERSARY

Short Stories

צוגעגרייט צום דרוק:

אבא פאסוועל

©
Copyright 1979
by Isaac Dogim, New York

געדרוקט אין ישראל:
דפוס „תרבות", חיפה



אונדזערע עלטערן —
די קדושים —
אנשטאַט אַ מצבה

דער מחבר — יצחק,
זיין פרוי — געניא,
זיין שוועסטער — ראַזאַ.

אינהאלט:

פונ׳ם מחבר 9

דער יוביליאר 11

האשה נקנית 115

דריי עבירות 127

פארברעכער 137

געלע בלעטער 145

דער „נייער" 155

פונ'ם מחבר

מיין נאמען אסאציירט זיך גיכער מיט טעאטער, ווי מיט ליטעראטור. דאס בין איך געמלעך דער שוישפילער יצחק דאגים, באקאנט אין לעצטן יארצענדליק פארן צווייטן וועלט-קריג ווי אן אנטיילנעמער אין בעסערע יידישע טעאטער־אנסאמבלען; נאך דער מלחמה — ווי דער ערשטער קינסט־לערישער לייטער פון באקאנטן ווילנער פאלקס-אנסאמבל (פון וועלכן ס'איז שפעטער ארויסגעוואקסן די היינט אין ישראל באקאנטע יוגנט־גרופע „מיר זיינען דא!"); אין די יארן 1958—1969 — שוישפילער אין פוילישן יידישן מלוכה טעאטער אין ווארשע און זינט 1970 — אין ניו-יארק, באקאנט מיט מיינע ווארט-קאנצערטן, מערסטנס אין קלאסישן רעפערטואר.

איז דער לייענער בארעכטיקט צו פרעגן: מה שמיטה להר סיני? ווי פארט זיך בינע-טעטיקייט מיט חיבור פון בעלעטריסטישע דערציי־לונגען? און איך בין מחויב צו געבן אן ענטפער:

שרייבן האב איך אנגעהויבן אין דער גאר פריער יוגנט. שוין אין 1925 יאר איז אין קינדער-זשורנאל „קלאנגען" געווען געדרוקט מיינס א ליד „אין פלאם".

פארבינדנדיק אבער מיין גורל מיט דער בינע, האב איך אויך אהין געווידמעט מיינע שרייבערישע נטיות: געשריבן לידער סיי פאר יחידים־זינגער און סיי פאר גאנצע פיעסן (די אזוי גערופענע ליריקס), געשאפן בייגאנד מיט כתריאל ברוידא א רעווי־פראגראם א. נ. „טאראראם" און זעלבסשטענדיק — „פריילעכע יאטן".ביידע זיינען געשפילט געווארן אין ווילנע אין דער ערשטער העלפט פון די דרייסיקער יארן; באארבעט א ריי פיעסן און אנגעשריבן דריי אריגינעלע: „ווער איז שולדיק? — גע־שפילט אין דאנציקער יידישן טעאטער אין סעזאן 1936—37, „א מתנה דעם טאטן" פאר שלמה קוטנער און אן אפערעטע „דאס פאבריקס-מיידל", וועלכע איז קיינמאל נישט געשפילט געווארן.

דער שפעטערדיקער פעריאד אין מיין שריפטשטעלערישער טעטיקייט זיינען די 12 יאר (1958—1969) אין יידישן מלוכה טעאטער אין פוילן

א. נ. פון א. ר. קאמינסקי. פאר דער צייט זיינען אין מיין באארבעטונג (דראמאטיזירונג, אדאפטאציע אדער איבערזעצונג) אויפגעפירט געווארן אויף דער בינע פון דעם טעאטער די ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים און שלום עליכם, לייוויק און אפאטאשו, אנסקי און הירשביין, האלקין און באבעל, געבירטיג, קישון און אנדערע. אין דער זעלבער צייט האב איך אויך מיטגעארבעט מיט דער טאג-צייטונג „פאלקס-שטימע" און אין דעם מאנאטלעכן זשורנאל „יידישע שריפטן", ווו איך האב געדרוקט ארטיקלען, עסייען, איבערזעצונגען (פון עברית, פויליש, רוסיש און דייטש), ווי אויך מיינע אריגינעלע דערציילונגען. האבנדיק די געלעגנהייט צו זיין מיטן טעאטער אויף גאסטשפילן אין א ריי לענדער האב איך זי אויסגענוצט אויף דרוקן זיך אין פארשידענע ארטיקע צייטשריפטן.

מען קאן אשטייגער פרעגן, פארוואס פון אלע זשאנרען — דראמאטישע, עסעיסטישע און בעלעטריסטישע — האב איך דווקא די לעצטע אויסגעקליבן ארויסצוגעבן אין בוך־פארם? וואלט מען געקאנט דערויף ענטפערן אויפן יידישן שטייגער: פארוואס נישט? אבער דאס וואלט געווען נישט אויפריכטיק. און יא אויפריכטיק — דער ווילן זיך און אנדערע צו דערוויזן, אז נישט טעאטער האט גורם געווען מיין שריפטשטעלערישע טעטיקייט, נאר פארקערט: מיין אייביקער דראנג צום שרייבן איז עקספלואטירט געווארן דורכן טעאטער.

ווען איך לייען היינט איבער אלע מיינע דערציילונגען צוזאמען, באמערק איך, אז נישט געקוקט אויף זייער פארשידנארטיקייט (אין ארט, צייט, טיפאזש און סיפור המעשה), פארמאגן זיי אלע עפעס אלגעמיינעס, וואס דרינגט משמעות ארויס פונם מחברס געמיט. און דאס איז — דער געראנגל פון יחיד מיט דער אומגעבונג אין וועלכער אים קומט אויס צו לעבן און שאפן. אומאפהענגיק דערפון צי די אומגעבונג מיינט ביאלאגישע אויסווירקונג, ווי עלטער („געלע בלעטער"), דער דורות־קאנפליקט („דער נייער") אדער אנדערע געזעלשאפטלעך־סאציאלע קעגנבאציונגען (אין אנדערע דערציילונגען). אומעטום גייט אן אזא געראנגל און דאס איז משמעות דער ווארעם וואס נאגט מיך אונטערן טלית קטן און באוועגט מיך צו שרייבן.

און אויב דער לייענער וועט טאקע באמערקן דאס אויבנגעזאגטע, קאן נישט זיין קיין גרעסערע באלוינונג פאר מיין מי און קיין העכערע אנערקענונג פאר מיין שאפן.

י. ד.

דער יובילאַר

ערשטער טייל

1.

ווי אין א כישוף-ראד מינערן זיך די קאלירטע שיינען פון דער קעגנאיבערדיקער נעאן-רעקלאמע און דרינגען אריין דורך די שטארן: רויט, בלוי, גרין און געל און ווידעראמאל — רויט, בלוי, גרין און געל, און אזוי אן אויפהער. די רויטע שיין פארבלוטיקט מאניושקאס פנים אויפן פארטרעט אין דער גאלדערנער ראם; די בלויע מאלט אויס א קאפ פון א פאנטאסטיש באשעפעניש — דעם שאטן פון בלומען-קויש אויפן קלאוויר; די גרינע רייצט זיך מיט דער נאטן-ביבליאטעק, זי גיט א לעק דעם רוקן פון בעטהאווענס סאנאטן און פארשווינדט, א לעק — און פארשווינדט; די געלע סודעט עפעס אריין אין אויער פון שלאפנדיקן קאפ אויפן פאטעל. זי באווייזט נישט, מוז אפטרעטן איר ריי, קומט ווידער און באווייזט ווידער נישט... די פאטלעס גרויע האר זענען צעשאטן איבערן פאטעל-אנלען, די געדיכטע שווארצע ברעמען הייגען איבער די אויגן-לעפלעך, די וואנצעס פויזען ארויס פון די גרויסע נאזלעכער און קיצלען די אונטערשטע ליפ... א געדיכטער בלומען-דופט הענגט אין רוים... בלומען, בלומען... אומעטום בלומען... , איין קויש אויפן קלאוויר, צוויי — אויפן דיל און בינטלעך — אויפן שרייב-טיש, אויף די שטולן, אויף דער ביבליאטעק...דער שארפער ריח דרינגט אריין אין האלדז, אין דער נאז, רייצט זיך מיט די שליימהייטלעך און זיי ווערן זיך, ענטפערן אפ מיט א פארביסענעם שנארכן... ליכט, קלאנג און גערוך דרייען זיך אין קאראהאד ארום דעם שלאפנדיקן, שפינען אים אויס א נעץ פון קאשמארע חלומות, אין וועלכע ער זינקט אלץ טיפער און טיפער...

...לאנגע פוזאנען גרייפן אן אויף אים, צילן אין אים מיט זייערע אויטאמאטן. ער אנטלויפט, שפרינגט ארויף אויף א לאנגער ריי ווירבל-פויקן, שפרינגט איבער פון איינער אויף דער צווייטער ווי אויף אייז-קריעס... ער וואקלט זיך, האלט קוים איין דאס גלייכגעוויכט, נישט אריינצופאלן אין שווארצן תהום... אים אנטקעגן שוועבן אין דער

לופטן צוויי מעשענע טאצן... זיי וואקסן, וואקסן... אט־אט וועלן זיי זיך צענויפגיין איבער זיין קאפ און אים צעשמעטערן... ער טוט א ווילדן שפרונג און קוילערט זיך אויפן קלאוויר איבער די קלאווישן. זיי זיפצן אפ מיט א כראמאטישער גאמע... פידלען — אין א שורה — חוזקן פון אים, שטעקן ארויס זייערע לאנגע צונגען — די בויגנס... ער פארמאכט די אויגן און דערשפירט, ווי ער ווערט אפגעשטופט אלץ ווייטער, ווייטער... א מחנה פינגווינען־פאגאטן, מיט קליינע טריטעלעך, פאלגן אים נאך... ער טרעט אפ הינטערווייילעכץ און פארפלאנטערט זיך אין א נעץ פון דער הארפע... ער צאפלט זיך, קאן זיך נישט ארויסבאקומען פון די סטרונעס... מיט פארמאכטע אויגן הערט ער ווי מען פארעט זיך ארום אים, מען אמפערט זיך... עס גייט אן א הייסער וויכוח... עס ברומען די קאנטראבאסן, עס טענהן די פלייטן... א דארער קלארנעט אין שווארצן ראק, פארקנעפלט אויף אלע קנעפלעך, בעט זיך רחמים פאר אים. אים דערווידערט די חוצפהדיקע טראמפייט: „ניין!" — שאלט זי אויס — מען דארף אים משפטן, משפטן!"... „משפטן און פאר־משפטן!" — קרייען אויס די פידלען... עס ברעכט אויס א מוראדיק גערודער, א הו־הא, א מישמאש פון קולות: עס מאנען די וויאלענטשעלן, עס וויינען די פלייטן, עס בייזערן זיך די מעשענע טרויבן און פלוצלונג רייסט זיך אריין די קעסלפויק... עס קנאלט אויף א שאס, א צווייטער א דריטער...

עס עפענען זיך שאמפאניער־פלעשער... די פראבקעס שיסן אין סופיט אריין... אין ברייטע בעכערס ריזלט זיך דער ווייַן... רויטע, צעפלאמטע פנימער פון מענער און פרויען... אלע שטרעקן צו אים די אנגעפילטע גלעזלעך, שמייכלען צו אים... עפעס שטיקט אים אין האלדז... וואס איז עס? אהא! דאס איז דער פארפומען־ריח פון יענער דאמע מיט די געל־געפארבטע האר און נאקעטער פלייצע... זי ציט זיך צו אים מיט אירע אנטבלויזטע פליישיקע ארעמס... אים ווערגט דער הוסט, ער דרייט אפ פון איר זיין קאפ...

...דער געלער שיין איז ענדלעך געלונגען א פיק טאן דעם שלאפנ־דיקן אין אויג. איין מאל, א צווייטן מאל, א דריטן... די אויגן־לעפלעך גיבן א ציטער, א פינטל... ער וואכט אויף...

ער קוקט לאנג פאר זיך מיט א פארווירטן בליק. עס טריקנט אים אין האלדז. ער דערשפירט א ביטערקייט אין מויל. אין קאפ רוישט ביי אים, גלייך א מיל־ראד וואלט זיך דארט געדרייט... ער פארשטייט נישט, וווּ ער געפינט זיך און ווי ער קומט אהער... א קניילכל דריקט אים אונטערן

לעפעלע און צעוואקסט זיך אין א שארפן ווייטיק אין רעכטן ווינקל בויך... וואס שניידט עס אזוי אונטער דער גאמבע? ער טאפט אן דעם שטייפן קראגן, דאס שלייפל. ער בינדט עס פאנאנדער, צעשפילעט דעם קראגן, אטעמט לייכטער אפ און לאזט דעם קאפ ווידער פאלן אויפן פאטעל־אנלען...

ער דערמאנט זיך: היינט האט מען דאך געפייערט זיין יובילײ... ער שליסט ווידער צו די אויגן און טראגט זיך צוריק אריבער אין יענעם העל־באלויכטענעם זאל... מענטשן — קאפ אויף קאפ... מענער — שווארץ געקליידעט, פרויען מיט אנטבלויזטע פלייצעס און ארעמס... רויטער וויין און ווייסער וויין...אלע שטרעקן צו אים זייערע כוסות... מען ווינטשט אים, מען גראטולירט אים און מען טרינקט, מען גראטו־לירט און מען טרינקט... ער מוז מיט יעדן באזונדער אויסטרינקען...

רעדעס... מען לויבט אים, מען דערציילט וועגן אים וואונדער איבער וואונדער...

איינער, א הויכער מיט א שפיציק־באברילטער נאז, רעדט מיט פאטאס, פאכנדיק ווילד מיט די דארע הענט און לאנגע פינגער: „די הערלעכע קלאנגען פון דיין מוזיק זאל פארטויבן און שטום מאכן די קאנאנאדעס פון ביקסן און הארמאטן...״

א דיקער מיט א דרייגארנדיקער גאמבע, שרייט אויס: „שפיל!... זאל דיין שפילן אונדז פארזיסן די ביטערניש אין אונדזער אנגעשטרענגטער מי!...״

און ווידער באגריסונגען און ווידער געטרונקען...

ער געדענקט נישט, ווי ער איז אהיים געקומען... דאס האט מען אים געוויס א מאכטלאזן געבראכט אין זיין צימער אריין, אים איינגע־זעצט אין פאטעל און אוועקגעגאנגען...

ער עפנט די אויגן, דערפילט א פארהאַלצקייט אין די פיס, שטעלט זיך אויף מיט גרויס אנשטרענגונג, הויבט אן ארומצושפאנען, דערשפירט א פרעסטל איבערן לייב. ער נעמט זיך פאר די ארעמס, טאפט אן די ארבל פון העמד... זיי האבן אראפגעצויגן פון אים דעם פראק... ער קרייזט אום מיטן בליק דאס צימער און דערזעט אויף א שטול דעם אוועקגע־שליידערטן פראק און אויף זיין לאץ — דעם נייעם ארדער...

דער מיניסטער אליין האט עס אים אנגעשפילעט און געזאגט דער־ביי: „אונדזער פאלק דערווארט פון אייך נאך פיל שאפונגען, וואס וועלן באַרייכערן אונדזער מוזיקאלישע קולטור״...

א ביטערער שמייכל קרימט אויס זיין פנים... באַרייכערן...

המ... ער געדענקט שוין נישט, ווען ער האט צום לעצטן מאל עפעס געשאפן... זיין הארץ איז אויסגעהוילט. ער איז נישט אומשטאנד אנ־צושרייבן קיין איין מוזיקאלישע פראזע, אפילו פון פיר טאקטן... דער קלאוויר ענטפערט אים אפ מיט א קאלטער פרעמדקייט...

ער זינקט אראפ דעם קאפ אויף דער ברוסט און שפאנט אום פאר־טראכט... דאס קניילכל אונטערן לעפעלע צעוואקסט זיך און דריקט, דריקט...

ער שטויסט זיך אן אויפן בלומען־קויש... ער שטעלט זיך אפ...

בלומען, בלומען... און ארדער... דאס פרעסטל איבערן לייב ווערט שארפער.. בלומען, בלומען... ווי אויף א פרישן קבר... דער קבר פון זיין געשטארבענעם טאלאנט...

2.

זיי האבן אויסגעחשבונט פינף און דרייסיק יאר... דאס ליד וועגן דעם יונגן העלד וואס האט געשאסן אין דעם פראוואקאטאר, איז געווען זיין ערשטע קאמפאזיציע וואס איז באקאנט און פאפולער געווארן, און דאס איז אנגענומען געווארן פאר זיין אנהויבן.

אלץ אין אים שטעלט זיך קעגן אזא באהויפטונג. ער אליין קאן זיך נישט דערמאנען אזא צייט פון זיין פריסטער קינדהייט אן, ווען אין אים זאל זיך נישט עפעס זינגען, ווען אלץ ארום געזעענע, געהערטע און איינגעזאפטע זאל זיך אים נישט גלוסטן איברצוחזרן. נישט איבערחזרן, נאר ארויסזינגען; נישט מיט ווערטער, נאר מיט ניגונים... א, וויפל מאל האט מען אים דערפאר געטאדלט, באשטראפט און וויפל קינדערשע טרערן האט ער צוליב דעם פארגאסן...

נאך אין חדר האט פאסירט די מעשה מיט משהלען און ארעלען.

דער חדר איז געווען בלויז פאר אויסדערוויילטע, פאר קינדער פון רייכע און פיינע לייט. אים האט ר׳ צדוק דער מלמד אנגענומען צוליב זיין טאטן. אמת, ר׳ גבריאל איז געווען א קבצן, אבער א למדן, געהאט סמיכות אויף רבנות און דערפאר געווען פאררעכנט פאר א שיינעם ייד.

משהלען מיט ארעלען האט אין חדר אריין צום ערשטן מאל געבראכט זייער טאטע, ר׳ לייב דער וואלד־סוחר אליין. צוויי ברידערלעך, א צוויי־לינג (שפעטער האט מען אפילו געמורמלט, אז ס׳איז א ליגן: ארעלע איז עלטער, נאר ער האט נעבעך א פארשטאפט קעפל, האט מען, כדי שלא לביש, זיי פארגעשטעלט פאר א צווילינג!) — אבער ווי אנדערש זיי

זענען ביידע געווען סיי אין זייער אויסזען, סיי אין זייער באנעמונג און דער עיקר — מיט די קולעכלעך זייערע. משהלע, א דארינקער, מיט א ברעקל קעפל אויף א לאנגער האלדז און א קנאפ אין דער מיט — האט געברומט ווי א לייב, און ארעלע — אנגעשטאפט ווי א זעקל, מיט פולכנע קורצע הענטעלעך, דיקע פיסקעס און פארגאסענע שמאלע אייגעלעך — האט געפישטשעט ווי א מייזל... ביידע ברידערלעך האט דער מלמד אוועקגעזעצט נעבן זיך, משהלען — ביי זיין רעכטער האנט און ארעלען — ביי דער לינקער.ביים לערנען האבן זיך זייערע שטימעלעך איבערגע־שריען, גלייך זיי וואלטן זיך קריגן מיט אן אנדער. אים האבן זייערע שטימען לאנג געקלונגען אין די אויערן. עס האט זיך אים אויסגעוויזן, אז די קלעזמער חייקל מיט גרונעמען אמפערן זיך דאס אויף זייערע אינסטרומענטן — אויף דער פלייט און אויף דער געדרייטער מעשענער טרויב. אים האט זיך זייער פארגלוסט עס אויסצושפילן.

צומארגנס, אויף דער הפסקה, ווען חברה-חדר-ייִנגלעך האט זיך גע־שפילט אין רבינס הויף, האט ער זיי צוגערעדט צו שפילן זיך אין א קא־פעליע. ער האט זיי צעטיילט אין צוויי שורות — פלייטן און טרויבן — און איינגעחזרט מיט זיי, ווי זיי זאלן זאגן דעם חומש.

ווען מען האט זיך געזעצט צום טיש און דער רבי האט א זאג געטאן:

— נו, שקצים, זאגט ווייטער פון דעם ארט וווּ מיר האבן זיך אפ־געשטעלט. — האט א קוויטשע געטאן א שורה פלייטן:

— ויקץ, און ער האט זיך אויפגעכאפט!...

און די טרויבן האבן געענטפערט מיט א געבריל:

— נח, איינער האט געהייסן נח!...

ר׳ צדוק האט לכתחילה נישט פארשטאנען וואס דא טוט זיך, האט ער אריבערגעקוקט פון איבער די שפאקולן, זיך אבער באלד געכאפט, אומבאמערקט פארלוירן א שמייכל אין די געדיכטע וואנצעס אריין, א פאטש געטאן אין טיש און אויסגערופן:

— שא, שייגאצעס, אן ליצנות! זאגט איינציקווייז. זאג דו, ארעלע.

— ויקץ, און ער האט זיך אויפגעכאפט — האט דאס מייזל א פישטשע געטאן.

— נח, איינער האט געהייסן נח — האט משהלה א ברום געטאן...

חברה האט אויסגעשאסן מיט א געלעכטער. משהלע האט זיך פאר־לארן, זיך אומגעקוקט מיט פינטלענדיקע אויגן און ארעלע האט זיך צעיאמערט און געשמירט מיט די דיקע פויסטלעך די טרערן אויף די פעטע בעקלעך...

און דערנאך האט זיך געטאן חושך. דער וואלד־סוחר האט געזידלט דעם מלמד, געטענהט, אז אין אזא חדר קאן מען נישט לאזן קיין קינדער פון א בעסערן מענטשן. ר׳ צדוק האט חוקר ודורש געווען וועמענס שפיצל דאס איז, נאכדעם געהאט א שארפן שמועס מיט גבריאלן. דער טאטע האט אים, אמת, קיין ווארט נישט געזאגט, איז אבער געזעסן אין שטוב אין זיין ווינקל מיט א תרעומתדיקן בליק און טרויעריק געקנייטשט דעם שטערן. די מאמע האט פאר צער זיך געקנייפט די באקן און אין שטוב איז געווען תשעה באב...

און די מעשה מיטן מגיד:

אויפן באלעמער איז געשטאנען א לאנגער ייד און געדרשנט. צוויי ציצות פון זיין טלית, אין וועלכן דער מגיד איז געווען איינגעהילט, האבן אלעמאל אראפגעפויזעט אויף דער ערד, די אנדערע צוויי ציצות האבן זיך געהוידעט אויפן מגידס בויך. די עטרה איז כסדר אונטערגעשפרונגען איבערן שטערן, וועלכן דער מגיד האט מוראדיק געקנייטשט. די העלפטן פון זיין געלער בארד האבן צוגעטאנצט אין טאקט פון זיין ניגון. פון מויל האט ארויסגעקוקט א שווארצע לאך פון פעלנדיקע ציין, פון וואנען עס האט זיך יעדע רגע ארויסגעריסן א קוויטש. מיט פארגלייזטע אויגן און א פארווארפענעם קאפ האט דער מגיד געשליידערט פון זיך גאנצע שטיקער דרשה, הויבנדיק און אפנידערנדיק דאס קול. דער עולם אויף די בענק האט פון מתיקות גענומען איינדרעמלען. פון ערגעצוו האט זיך אפילו דערטראגן א שטיל שנארכן...

ער איז געשטאנען מיט נאך ייִנגלעך הינטער דער בימה, נישט באַנומען דעם מגידס רייד, אבער איינגעזאפט אין זיך די ארומיקע קלאַנגען... א פליג זשומעט, רייסט זיך אין גאס ארויס, שלאגט זיך אן אין דער שויב, גליטשט זיך אראפ. א רגע בלייבט שטיל. באלד ווידער דאס זשומען און ווידער — א זעץ אין שויב... ער האט פארגעסן, ווו ער געפינט זיך. ער האט גענומען נאכמאכן די פליג: א ברום מיט דער נאז און א טשמאק מיט די ליפן, א ברום און א טשמאק... חברה־ייִנגלעך האט אונטערגעכאפט די שפיל און באלד האט זיך פון דער אונטערשטער וואנט צעטראגן א ברומען פון קינדערשע נעזער און א טשמאקען פון קינדערשע ליפן... עלטערע האבן זיך אומגעקוקט. ס׳האט זיך צעטראגן א פאטשערייַ איבער שטענדערס און א געמורמל: „נו, א, שא, ווער איז דארט? דרך ארץ!" דער מגיד האט זיך פארלוירן, געבליבן שטיין מיט אן אפן מויל און ארויסגעשטארצטע אויגן... א טומל, א מהומה... ער געדענקט נישט, וואס ווייטער איז געווען. ער געדענקט נאר, אז זיין טאטע,

וועלכער האט קיינמאל נישט אים און נישט די איבעריקע קינדער מיט קיין פינגער נישט אנגערירט, האט אים, צום ערשטן און איינציקן מאל אין לעבן, אראפגעלאזט א פאטש...

געווען זענען זיי דריי קינדער ביי די עלטערן: דער עלטסטער — מאטעלע, ער — זעליק און א יינגערע שוועסטערל — אלטעלע. מאטעלען טאר מען נישט מבטל זיין פון לערנען. ער גייט אין דער ישיבה אריין און לערנט שוין א בלאט גמרא מיט פוסקים און אלטעלען קאן מען אליין אין שטוב נישט איבערלאזן — זי איז נאך א קליינטשינקע. מוז ער, זעליק, מיט איר בלייבן, ווען די עלטערן גייען אוועק. אוועקגיין מוזן זיי. זיי וועלן דארט נעבן דער אכסניה העלפן צוטראגן א פעקל, פאלגן א גאנג. וועלן זיי אינאווונט ברענגען א בינטל האלץ, א ברייטל, א ביסל קארטאפל, א הערינג. וועט מען איינהייצן אין אייוועלע, מעט זיך אלע ארומזעצן ביים פלאם און מען וועט עסן קארטאפל „אין פעלצלעך" מיט הערינג, וועט מען שטילן דעם הונגער און זיך דערווארעמען. דערווייל איז אין שטיבל קאלט — עס פארגייט אזש אונטער די נעגל און אין בויך קראמפט און קראמפט...

אלטעלע איז היינט קראנק, ליגט זי אויפן טאפטשאן איינגעהילט אין דעקעס און הוסט און הוסט פון שלאף. ער זיצט אויף א בענקל ביים פענצטער און קוקט ארויס אין דרויסן. די פינגער האלט ער פארשטעקט אונטער די ארעמס זיך אביסל צו דערווארעמען. ער הויכט אויף דער פארפרוירענער שויב און דערזעט א שפעלטעלע וועלט...

נאקעטע געפרוירענע שנייעלעך אנטלויפן פון דעם בייזן ווינט. זיי קוילערן זיך איינס איבערן צווייטן, טוליען זיך, שטיקן זיך, און דער ווינט יאגט זיך אלץ ווייטער און ווייטער. די שנייעלעך בעטן זיך ביים ווינט. זיי שעפטשען שטיל, שטיל. ער הערט דייטלעך זייער געשארך:

„לאז אונדז גוטער ווינט, מיר האבן שוין מער קיין כוחות נישט. לאז אונדז אביסעלע רויק ליגן, אפרוען".

און ער הערט דייטלעך דעם ווינטס בייזערדיקן געהויל:

— ניין, טראגט אייך אפ מיר פון וועג! אז נישט, וועל איך צעטראגן, צעבלאזן אויף טויט!

אלטעלע צעהוסט זיך שטארק און וועקט זיך אויף מיט א געוויין. ער גייט צו איר, זעצט זיך צו אויפן טאפטשאן און פרוווט זי איינשטילן, פארוויגן, אבער זי צעהוסט זיך ווידער און צעוויינט זיך נאך שטארקער.

— עסן! — יאמערט זי.

— עסן? — ער דערשפירט א שטעכעניש אין בויך — נאך א ביסעלע,

אלטעלע, שלאָף נאָך אביסעלע, אלטעלע, די מאמע וועט באַלד קומען, וועט מען שוין עסן.

אבער אלטעלע לאָזט זיך נישט איינשטילן. זי פאַרגייט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. א שאַרפער יאמערדיקער „אוּ־ו־ו!" רייסט זיך ארויס פון אלטעלעס איינגעווייד און צעטראָגט זיך אין דער לופט. דאָס שטיבל ווערט פול מיט איר געוויין. עס דערשפּירט אן ענגשאַפט אין די פיר ווענט און זוכט זיך ארויסצורייסן אין דרויסן דורך די שפּאַרונעס פון די פענצטער, פון די טירן, דורכן קוימען... דער ווינט אין דרויסן ווערט מלא חימה פון אזא העזה, וואָס עמעצער וויל אים איבערשרייען, און ער צעוואָיעט זיך נאָך בייזער מיט א שאַרפן „פּיו־ו־ו!" עס הויבט זיך אָן א געראַנגל צווישן די ביידע קולות. ער פּילט, אַז דעם ווינטס „פּיו־ו־ו!" איז גובר אלטעלעס „אוּ־ו־ו!", אָט־אָט וועט עס אינגאַנצן דערשטיקן. אים באַהערשט א רחמנות צום שוועסטערל. ער מוז איר העלפן...

— אוּ־אוּ־ו! — מאַכט ער נאָך אלטעלעס שטימעלע

דאָס רייסט ביי איר ארויס נאָך א שטאַרקערן געוויין. ער הויבט אויך זיין קול. דער טאָפּלטער „אוּ־ו־ו!" ווערט אַלץ הילכיקער, שטאַרקער, אימהדיקער... זאָל דער ווינט פּרוּוון זיי איבערשרייען...

ער געדענקט נישט, ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט. אין שטיבל איז שוין געווען גוט טונקל, ווען די מאמע האָט א פּליעסק געטאָן מיט די הענט:

— פינצטער איז מיין וועלט! וואָס איז דאָ?

און ער געדענקט, ווי די מאמע האָט נאָך געזאָגט:

— נאַ אַט האָסטו אים, דעם פיינעם שומר! אזא גרויסער בחור און האָט זיך צעכליפּעט ווי א ברעקל קינד... האָט גאָר קיין חרפה נישט אין זיך...

און זי האָט מיטן פאַרטעך אים אויסגעווישט די טרערן.

3.

צו די יאַקאָבסאָנס האָט מען אים געבראַכט, ווען ער איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר. אייגנטלעך, דאָס אַלט ווערן דרייצן יאָר האָט טאַקע דערצו גורם געווען. וואָרום דעם שבת, ווען מען האָט אים צו זיין בר־מצווה אויפגערופן צו מפטיר, איז גראָד יאַקאָבסאָן געקומען צום דאַווענען. יאַקאָבסאָן איז געווען פאַר אַלעמען א רעטעניש. קיינער האָט ריכטיק נישט

געוווסט, פונוואַנען ער שטאַמט און וואָס איז זיין טועכץ. אַ געפּאַקטער גוף, אַ קײַלעכדיק גלאַנצנדיק פּנים מיט אַ צוגעפּוצטער שוואַרץ־גרויל־עכער באָרד, געקליידט האַלב יידיש און האַלב פּריציש: שטיוול, רייט־הויזן, אַ שוואַרצער סורדוט מיט אַ קאַשקעט אויפן קאָפּ. פון יידן איז ער געווען אָפּגעפרעמדט. יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך באַוויזן אין שולכל, האָט ער אויף לאַנג איבערגעלאָזט נאָך זיך חקירה ודרישהס און סברות. מען האָט דערציילט פלאַי־פלאַים וועגן זיין מאַיאַנטעק הינטער קיראַבישקער וואַלד, וועגן דעם אַז ער איז זיך מתנהג אויפן פּריצישן שטייגער — נישט אַזוי ער ווי זיין ווייב און די צוויי טעכטער, וועלכע פירן זיך אויף ווי אמתע פּריצהטעס און חברן זיך טאַקע נאָר מיט פּריצים און אָפיצירן — פאָרן אויף יאַגד, רייטן אויף פערד און פּראַווען בעלער. קיינער איז דערביי פאַרשטייט זיך, קיינמאָל נישט געווען, אָבער אַלעמאָל האָט עמעץ געהאַט צו דערציילן מעשיות וואָס האָבן געררייצט די נייגעריקייט ביי די אָרעמיקע.

איינמאָל איז יאַקאָבסאָן פאַרפאָרן אויף זיין בריטשקע צום רבס הויז. אין אַ האַלבער שעה אַרום, ווען ער איז פון דאָרט אַרויס, זיך אויפגעזעצט אויף זיין בריטשקע און אָפּגעפאָרן, האָבן שוין אַלע געוווסט, אַז יאַקאָבסאָנס ווייב איז געשטאָרבן און דאָס איז ער געקומען צום רב אָפּריידן וועגן ברענגען זי צו קבר ישראל. צו דער לויה איז זיך צענויפגעלאָפן קינד און קייט. יעדערן האָט זיך געגלוסט אָנקוקן מיט די אייגענע אויגן יאַקאָבסאָנס טעכטער. יענע זענען אָבער געשטאַנען מיט שוואַרצע וואַלן אויף די גלייכגילטיקע פּנימער און באַלד ווי מען האָט פאַרשאָטן דעם קבר, האָבן זיי זיך אַריינגעזעצט אין דער בריטשקע און אָפּגעפאָרן. אָבער ווען יאַקאָבסאָן האָט מיט זיינע שאַרפע „רישן" געבראַקט דעם קדיש, האָט דער עולם פּלוצלונג דערזען נעבן אים אַ הויכן קנאַכיקן בחור מיט לאַנגע הענט ביז די קני און מיט אויסגעגלאָצטע פּוסטע אויגן וואָס קוקן אין דער ווייט, און דאָ האָט מען זיך דערוווסט די בייעס, אַז יאַקאָבסאָן האָט אויך אַ זון און אַז דער זון איז בלינד.

פון דעמלט אָן פלעגט זיך יאַקאָבסאָן אָפּט באַווייזן אין שולכל. ער פלעגט אָפּבראַקן מיט זיינע האַרטע „רישן" דעם קדיש און אַוועקגיין. יענעם שבת אָבער האָט ער זיך נאָכן דאַוונען פאַרהאַלטן לענגער און פאַרפירט אַ שמועס מיט ר' גבריאלן. דעם זעלבן טאָג האָט מען שוין אין אַלע הייזער ביים שבת־טיש גערעדט פון דעם גרויסן גליק, וואָס אַ ייד אַן אָרעמאַן האָט געטראָפן: יאַקאָבסאָן נעמט גבריאלס ייִנגערן ייִנגל, זעליקן, אין זיין מאַיאַנטעק אַריין. ער זאָל דאָרט לערנען דעם בלינדן בחור תפילין לייגן און דאַוונען.

דרייצן יאר איז ער אלט געווען, ווען מען האט אים געבראכט צו די יאקאבסאנס, מען האט אים פון חושכדיקן איינצימערדיקן שטיבל מיטן איינציקן קרומען פענצטער אריינגעפירט אין גרויסן הויז מיט פיל סאליעס און ליכטיקע פענצטער; פון ענגן בלאטיקן געסל — אין א רחבות פון גרינס: פעלדער, לאנקעס, סעדער און א וואלד אויפן היגלדיקן האריזאנט.

דער טרוים נאך א שטיקל הערינג מיט קארטאפל איז פארווירקלעכט געווארן אין זאטע מאלצייטן ביי א שיין געדעקטן טיש; אנשטאט אויפן הארטן געלעגער אויפן דיל איז ער געשלאפן אין א ציכטיק ווייך בעט; דער כסדרדיקער הארמידער, קינדערשער געוויין, מאמעס ווארטשעגישן און טאטעס זיפצענישן האבן זיך אומגעביטן אויף א שטענדיקן שטיל־שווייגן.

די שטילקייט אין גרויסן הויז איז געווען געדיכט מיט די הענט אנצוטאפן. יאקאבסאן אליין איז זעלטן געווען אינדערהיים. אין זיין אפוועזנהייט האט מען זיך נישט צענויפגעזאמלט ביי די מאלצייטן צום טיש, נאר יעדער פאר זיך האט ערגעץ אין א ווינקל אפגעגעסן. און אפילו ווען דער באלעבאס איז יא געווען, פלעגט אויך ביים ווייס-געדעקטן טיש הערשן א שטומקייט. בלויז דאס געקלימפער פון געשיר פלעגט פון צייט צו צייט איבעררייסן דאס אומאנגענעמע שווייגן. באלד נאכן עסן פלעגט יאקאבסאן און זיינע טעכטער פארשווינדן אין זייערע פאקאיעס, דער בלינדער דניאל פלעגט אוועקשלייכן מיט אויסגעשטרעקטע הענט אין עק קארידאר, ווו ער פלעגט זיך אין די בגדים ארייַנשליידערן אין זיין בחוריש בעטל און זעליק פלעגט א פאראיינזאמטער שעהנלאנג ארויסקוקן דורכן פענצטער אויף דער פארשנייטער וועלט.

יעדן פרימארגן פלעגט ער אנדרייען די רצועות אויפן בלינדנס האנט און אים פאַרזאָגן א פאר פסוקים פון דאווגען, א פאר פסוקים פון „בראשית", א פאר — פון תהילים. דניאל פלעגט נאכפרעפלען די אומ־פארשטענדלעכע ווערטער, דערנאך אפוויקלען צוריק די תפילין און זיך פארשטעקן אין זיין ווינקל.

א גאנצן ווינטער האט זעליק אזוי אָפּגעלעבט אין טויב-שטומקייט, קיין ווארט מיט קיינעם נישט אויסגערעדט, קיין קלאַנג כמעט פון קיינעם נישט געהערט. און אזוי א גאנצן ווינטער.

דערפאר אבער האט דער פרילינג זיך צעשפילט אויף אלע כלים...

א בליץ האט מיט א פייער־שווערד צעשפאלטן דעם פארחתמעטן בלייענעם הימל און א דונער האט זיך צעקוילערט איבער די פליינען. איין מאל, א צווייטן מאל און א דריטן מאל. דער שפאלט אין הימל איז

געוואָרן אַלץ ברייטער און ברייטער. אַ בינטל זונען-שטראַלן האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויף דער ערד און געשטופּט די שניי־מאַסע. פאַרווייִנטע שניי-פּלאַכטעס האָבן זיפּצנדיק געריזלט אין ריטשקעלעך פון די היגלען אין טאָל אַראָפּ, אין דער נידער זיך צוזאַמענגעגאָסן אין אַ ברייטן „ראָוו" און מיט געפּילדער מיטגעשלעפּט שטיקער ברוך, וואָרצלען און צווייגן, געדרייט זיי אין קאַראַהאָד און געטראָגן פאַרויס צו אַן אומבאַקאַנטן ציל. די ביימער־קרוינען אויף די היגלען האָבן זיך צעשאָקלט פון מעריבדיקן ווינטל, זיך געבויגן איינער צום צווייטן און אַנגעזאָגט די פרייילעכע בשורה: אַ סוף צום ווינטער!

די וואָלקנס זענען פאַר שרעק אַנטלאָפן הינטער די ביימער. אַ שע־רענגע שוואַלבן האָט מיט אַ פריילעכן געטשווירטשער זיי נאָכגעיאָגט. צוויי בושלען האָבן עטלעכע מאָל אומגעקרייזט אונטערן בלויען הימל און אַראָפּגעזונקען אויף אַ הויכן איינזאַמען בוים הינטער דער לאָנקע...

עפּעס אַן אומזעבאַרער כוח האָט זעליקן אַרויסגעשלעפּט פון שטוב אַרויס און ער האָט זיך געלאָזט שנעל, שנעל מיטן שטעגל צווישן די פעלדער צום וואַלד אַרויף.

4.

דער ערשטער אינסטרומענט אויף וועלכן ער האָט געפּרוווט שפּילן איז געווען אַ פייפל. אַ פּראָסט פייפל — אַן אויסגעהוילט צווייגל פון אַ ליפּע־בוים מיט אויסגעבויערטע לעכלעך דערין. געשאָנקען האָט עס אים דער אַלטער פּאַסטעך מאַטשעי. אין אַ ברייט העמד איבער די שמאָלע לייוונטענע הויזן, מיט לאַפּטשעס אויף די פיס, אין אַ שטרויענעם הוט מיט ברייטע ראַנדן אויפן קאָפּ, פלעגט מאַטשעי טאָגטעגלעך זיצן אונטערן זעלבן ווערבע־בוים און גלאָצן מיט די שמאָלע פאַרזשמורעטע אויגן אויף דער סטאַדע, וואָס האָט זיך געפּיטערט ביים ראַנד פון וועלדל. מאַטשעי האָט אויף די שאָף קיינמאָל נישט געהויבן זיין קול, נאָר אַ שפּיל טוענדיק אויף זיין פייפל פלעגט ער געבן צו וויסן דעם הונט „וויכער" און דעם יינגל וולאַדעק, זיי זאָלן אָפּטרייבן אַ קו, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין קאָרן־פעלד אָדער זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן די ביימער. זעליקס ערשטע באַגעגעניש מיט וולאַדעקן איז געווען אויף איינעם פון זיינע שפּאַצירן. גייענדיק, ווי געוויינלעך, מיט דער מיעזשע צום וואַלד אַרויף, האָט זיך פּלוצלונג צום אים דערטראָגן אַ מאָדנער געברום: נישט דאָס — אַ זשו־מעריי פון בינען, נישט דאָס — דאָס געוויין פון אַ קינד. ער איז אַ רגע געבליבן שטיין און דאַן זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון די קלאַנגען.

פלוצלונג האט פאר זיינע אויגן א בלאנק געטאן א קאפ פלאקסענע האר, א געשפרינקלט פנים מיט א פארשארצטע נאז. וולאדעק האט געפירט איבער זיינע ליפן א שטיקל קעמעלע, איינגעהילט אין א דין פאפירל, און מוראדיק געבלאזן די באקן. צעפלאשעט פון דער אומגעריכטער באגעגע־ניש, האט וולאדעק אויסגעגלאצט נארישעוואטע זיינע טיף־געזעצטע גרויע אויגן און פלוצלונג א שטרעק אויס געטאן זיין האנט צו דעם אומגעריכטן גאסט: נא! זעליק האט אומגערן גענומען דאס געשאנק, געהאלטן עס אין דער האנט און נישט געוווסט וואס צו טאן דערמיט. אבער וולאדעק האט אים צוגעפירט דאס פאפירל צו זיין מויל און א זאג געטאן: בלאז! זעליק האט דערשפירט א קיצלעניש אין די ליפן און דערהערט א ברו־מעניש אין זיין אינגעווייד. ביסלעכווייז האט ער זיך צוגעוווינט צו דער קיצלעניש און דאס ברומען האט זיך צעפלאסן אין א ים פון קלאנגען, דא שנעלע, דא לאנגזאמע, דא שטילע, דא הילכיקע. ער האט ווי פארגעסן ווו ער געפינט זיך. ארום אים האבן געטשוויטשערט מחנות פויגל, זיך איבערגערופן אויף פארשידענע קולות. די ביימער האבן זיך צעשאקלט און צערוישט פון ווינט, די גראזן האבן געשארכט, אנטלאפן פון דער סטאדעס אויסגעשטרעקטע העלדזער. די שעפסן האבן זיך געביי־זערט מיט א ציקלדיקן „מעו!" די קי — מיט א תקיעהדיקן „מו!" וואלקנס זענען זיך צוזאמענגעלאפן, פון מיטגעפיל געגאסן טרערן. אויף דער ערד איז געווארן אלץ טונקעלער און טונקעלער. א בליץ האט א שניט געטאן מיט א קרומען חלף און א דונער האט זיך געקוילערט פון די היגלען אראפ. א שלאקס־רעגן האט גענומען פאטשן איבער די צווייגן, איבערן קארן־פעלד, איבער די לאנקעס...

...ווען ער איז צו זיך געקומען, האט אים וולאדעק געשלעפט פאר דער האנט. די זון האט געשיינט און די ערד איז געווען טרוקן. ער האט נישט געהערט, ווי דער אלטער מאטשעי האט, א שפיל טוענדיק אויף זיין פייפל, א רוף געטאן וולאדעקן, ווי וולאדעק איז צום אלטן געלאפן, דער־נאך צוריק, אים געכאפט פאר דער האנט און געשלעפט צו מאטשעיען.

מאטשעי האט אים לאנג באטראכט מיט זיינע פארזשמורעטע אויגן און א פרעג געטאן:

— בינסט פון פאנסקן הויף?

— יא.

— אבער דו בינסט נישט קיין פאניטש...

— מיין טאטע וווינט אין שטעטל.

— און וואס טוסטו דא?

— איך לערן דעם בלינדן דאוונען...

מאטשעי האט א טשמאק געטאן מיט די ליפן:

— זיך מאדליען? אהא... און ווי אזוי מאכסטו דאס?

— איך זאג און דניאל זאגט מיר נאך.

— און זינגען?

זעליק האט פארוווּנדערט ברייט צעעפנט די אויגן:

— זינגען?...

— נו, יא, זינגען. ביי אייערקע זינגט מען דאך אויך, ווען מען מאדליעט זיך. און אפשר נאך צושפילן דערביי. אט אשטייגער אזוי...

דער אלטער האט גענומען זיין פייפל צו די ליפן, א לויף געטאן מיט די פינגער איבער די לעכלעך און דאס פייפל האט זיך צעשפילט, צעטענהט, צעיאמערט.

מאטשעי האט פלוצלונג אן עפן געטאן זיין אנציינערדיק מויל און זיך צעזונגען אויף זיין הייזעריקלעכן פאלצעט:

נישט קיין טאטן, נישט קיין מאמען
האט דער קליינער יתום יאשיא,
מוז ער פרעמדע הויפן ראמען,
פרעמדע שאף און רינדער פאשען...

דאן ווידער גענומען דאס פייפל צו די ליפן און ס'האט זיך צעטראגן א זיפצן, א קרעכצן, א באדויערן איבערן ארעמען יתומלס גורל, און ווי־דער דער פאלצעט:

נישט קיין ברודער, נישט קיין שוועסטער —
ווו זשע שלאפט ער? וואס זשע עסט ער?

און אזוי כסדר, ביז דער אלטער האט אפגעלייגט דאס פייפל, ווידער פארזשמורעט אויף אים זיינע שמאלע אייגעלעך און א פרעג געטאן:

— ווילסט א פרווו טאן?

א ווארעמקייט האט זיך צוגאסן איבער זיין קערפער. מיט ציטערדיקע פינגער האט ער גענומען דאס פייפל, הערנדיק מאטשעיס אנווייזונגען:

— מיט די ליפן בלאזט מען און מיט די פינגער שפילט מען. מען דארף וויסן ווען וועלכעס לעכל צו פארשטאפן. דו וועסט עס טרעפן...

ער קאן זיך היינט נישט דערמאנען, וואס און ווי לאנג ער האט דעמלט געשפילט, ער געדענקט אבער גענוי, ווי מאטשעי האט א וויש געטאן די פארטרערטע אויגן און א זאג געטאן:

— נעם עס דיר...

און ווען זעליק האט זיך געקווינקלט, האט דער אלטער צוגעגעבן:

— נעם עס, נעם, איך וועל מיר אן אנדערס אויסהוילן.

און ס'איז אוועק א לעבן — טרילילי און טרילילי! מיטן פייפל האט זיך זעליק נישט צעשיידט נישט בייטאג און נישט ביינאכט. און מאדנע — ווי דאס פייפל זאל פון זיינע אויגן די בעלמעס אראפנעמען, האט ער איצטער בעסער דערזען די וועלט ארום זיך: דערהערט דעם מינדסטן שארך פון א גרעזעלע, געזען דעם מינדסטן ריר פון א מוראשקעלע. ער האט מיטגעשפילט מיט די פייגל זייער פרימארגן־געזאנג, צוגעשפילט דעם ווינט און דעם וואלד־גערויש, געטרילעט אויפן פייפל דאס ריזלען פון טייכל. נאכגעקרימט דער קוקאווקע און דעם פיקהאלץ, דאס פליסקען פון די פישלעך, דאס קוואקען פון די זשאבעס — אלץ האט אין אים געשפילט און אלץ האט ער אויפן פייפל אויסגעשפילט.

דאס פייפל האט פון זיינע אויגן די בעלמעס אראפגענומען און ער האט דערזען די וועלט ארום זיך; דעם הימל מיט זיינע וואלקן־סטאדעס, דעם געבלימטן טעפיך פון אויסגעשפרייטע פעלדער, דעם צעשויבערטן וואלד, די באפליכטע היגלען—אלץ געזען, נאר נישט געזען קיין מענטשן.

מיט מענטשן האט אים וולאדעק צוזאמענגעפירט.

וולאדעקס טאטע, אנדזשעי, האט געארבעט אויף דער ציגעלניע, וולאדעק האט זיך בארימט מיט זיין טאטן, ווי שטארק ער איז, שטארקער פון אלעמען! ווי ער פירט ארויף אויפן פורעם־טיש א פול געפאקטע טאטשקע מיט נאסן צעקנאטענעם ליים, קערט עס אויס אן עמעצנס הילף און לאזט איבער פון יידע זייטן געוווג ארט פאר די פורעמער צו ארבעטן; ווי ער גיט א הויב א פולן וואגן ציגל און שלעפט אים ארויס פון דער בלאטע; ווי ער האט איינמאל אליין, אנשטאט א פערד, געדרייט די לאנגע קלאץ פון דער „מאשין", וואס קנעט דעם הארטן ליים און נאך בריהשקייטן, וואס אנדזשעי, וולאדעקס טאטע, קאן אלץ באווייזן.

חוץ אנדזשעיען האבן אויף דער „מאשין" נאך געארבעט: די צוויי פורעמער — דער אלטער סטאניסלאוו און מיכאל מיט די געדיכטע וואנצעס. זיי האבן געקייקלט קניידלעך פונם נאסן ליים, געפאטשט זיי אין די פורעמס און געלייגט אין לאנגע, גלייכע שורות אויפן מיט זאמד באדעקטן פלאץ. דער לאנגער, דארער בראנעק האט געפירט טאטשקעסווייז טרוקענעם ליים פון בערגל, געשאטן אין די מאשין־קעמערלעך, שפעטער דעם ליים באגאסן מיט וואסער פון דעם דערביישטייענדיקן פעסל. זענעק מיט דער בלאנדער טשופרינע האט דעם נאסן ליים לאפעטעסווייז געווארפן צווישן די מעסערס וואס האבן זיך געדרייט צוזאמען מיט דער קלאץ, געשלעפט פון א בלינד פערדל, און דורכן אונטערשטן פענצטערל ארויסגעקוועטשט

די פארטיק-צעפירטע מאסע, וועלכע אנדזשעי האט געלייגט אויף זיין טאטשקע און געפירט ארויף אויפן פורעם-טיש.

אזעלכע „מאשינעס" זענען געווען פינף אויף דער ציגעלניע. אומעטום האבן זיך געדרייט קלעצער, אומעטום האט מען געפאטשט דעם נאסן ליים אין פורעמס און געלייגט שורהסווייז אויפן זאמד. זעליקן האט עס אלץ אויסגעוויזן ווי א מצה־פאדריאד: מען שיט מעל, מען גיסט וואסער, מען קנעט, מען וועלגערט, מען רעדלט, מען לייגט אין אויוון און מען נעמט ארויס פון אויוון. דער „אויוון" — א רונדע, בלינדע ציגעלנע גע־ביידע — האט מיט זיין הויכן קוימען זיך געהויבן צווישן די פלעצער. אהין און פון דארט ארײַן און ארויסגעפירט רויע און געברענטע ציגל.

זעליק איז געווען אן אפטער גאסט אויף דער ציגעלניע. אים האט עפעס אהין געצויגן. שעהנלאנג פלעגט ער זיצן אויפן בערגל און זיך צוקוקן צו די ריטמישע באוועגונגען פון די ליים אויסגעשמירטע גע־שטאלטן. אים האט געצויגן צו די מענטשן מיט די אפגעברענטע פנימער, וואס גראבלען זיך א גאנצן טאג אין ליים, שטופן טאטשקעס, לאדן אן און לאדן אויס ציגל, דרייען זיך א גאנצן טאג ווי אין א פארמאכטן קרייז. פון צייט צו צייט זעצט מען זיך צו אפרוען. מען שלעפט ארויס פון די טארבעס שווארץ ברויט, חזיר־פעטס און מען קייט בהדרגה אין טיפער פארטראכטקייט, מען פארזופט פון פלעשלעך, מען פאקט אלץ צוריק ארײַן אין די טארבעס און מען נעמט זיך ווידער צו דער ארבעט. אזוי פון פרימארגן ביז זון־פארגאנג. אינאווענט לייגט מען אפ די ארבעטס־מכשירים, מען ציט אראפ פון זיך די פארליימטע בגדים און מען לאזט זיך צום טייכל אויף יענער זייט פלויט.

וולאדעק האט זעליקן אויך צום טייכל אוועקגעשלעפט. שעהנלאנג האבן זיך נאך דארט געפארעט די מידע, אויסגעהארעוועטע מענטשן. די עלטערע האבן נאר פארשארצט די הויזן און די ארבל, ארײַן אין וואסער ביז די קנעכלעך און זיך געוואשן בלויז די הענט און דאס פנים; יונג־ווארג האט זיך אויסגעטאן נאקעט און מיט גערויש זיך געווארפן אין וואסער ארײַן. געוויזן בריהשקייטן: געלייגט „קלאפטער", אריבערגע־שווומען אזויפיל און אזויפיל מאל דאס טייכל הין און צוריק, געשטיפט, געמאכט א „וואסער־מיל" און באשפריצט איינער דעם אנדערן. די אפגע־ברענטע קערפערס האבן אפגעגלאנצט אין שיין פון דער אונטערגייענ־דיקער זון ווי קופערנע פאנען. אין דער לופטן האט זיך געטראגן א גע־פילדער פון אומגעצוימטער הנאה. שפעטער פלעגט מען זיך קופקעסווייז צוזעצן הינטער די קוסטעס, אין גרויס פארטראכטקייט טרינקן בראנפן.

און דערנאָך פֿלעגט זיך צעטראָגן אַ געזאַנג. וויפֿל טרויעריקע לידער האָט זיך זעליק דאַן אָנגעהערט און ביסלעכווייז געגומען זיי אויסשפּילן אויף זיין פּייפֿל. אויסגעטרילט דאָס צעבראָכענע האַרץ פֿון דעם פֿאַרפֿירטן מיידל, וואָס דער שאַרלאַטאַן האָט אַוועקגעוואָרפֿן; אויסגעפּייפֿט דאָס געיאָמער פֿון דער יתומהלע, וועמען די שטיפֿמאַמע דערגייט די יאָרן; אויסגע־שפּילט די געהיימניספֿולע הייסע ליבע פֿון די צוויי, וועמענס עלטערן זענען צעקריגט אויף טויט...

אַן אַנדערש מאָל פֿלעגט יונגוואַרג אַ זונג טאָן אַן אַנדער ליד, אַ הייטערס, גלייך סאָלדאַטן וואָלטן מאַרשירן, אָבער עס פֿלעגט באַלד אָפּגעהאַקט ווערן. זעליק האָט באַמערקט, אַז מען ווינקט זיך דאָן איבער און מען קוקט זיך אום אין זיין זייט. זיי מיינען — האָט ער געטראַכט — אַז אויף זיין פּייפֿל וועט ער נישט קאָנען אַזעלכע לידער אויסשפּילן און אים האָט עס שטאַרק פֿאַרדראָסן.

6.

יענער זומער — דער לעצטער זומער ביי די יאַקאָבסאָנס — איז ביי זעליקן פֿאַרבליבן אין זכרון צוליב צוויי פּאַסירונגען. ערשטנס האָט ער באַקומען אַ פֿידל, אַ אמתע פֿידל, זיין אייגנס. און געווען איז די מעשה אַזוי: צו די יאַקאָבסאָנס זענען געקומען געסט אויף זומער. דער אַלטער מאַטשעי האָט אים אַפֿילו פֿאַרטרויט, אַז דאָס זענען נישט קיין געסט, נאָר דאַטשניקעס, וואָרום ביי די יאַקאָבסאָנס האַלט עס לעצטנס שמאָל מיט די געשעפֿטן. זעליק האָט נישט גוט פֿאַרשטאַנען דעם אונטערשייד און דעם סמיכת הפּרשה. ער האָט אויך נישט גוט פֿאַרשטאַנען די מעשה מיטן יונגן פּריץ, וואָס האָט זיך פּלוצלונג אָפּגערופֿן פֿון פּאַריז און וואָס פֿאַ־דערט וואָס ווייטער אַלץ מער געלט אויף צו שפּילן אין קאָרטן און אויף קאַכאַנקעס.

די געסט — אַ פֿאַרפֿאָלק אין די מיטעלע יאָרן — האָבן אַריינגעבראַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין הויז. אמת, יאַקאָבסאָן אַליין איז ווי פֿריער געווען אַ זעלטענער גאַסט אין שטוב, אָבער די טעכטער זענען ווי אומ־געביטן געוואָרן. אַ גאַנצן טאָג האָבן געקלונגען זייערע באַפֿעלערישע שטימען, אַ גאַנצן טאָג האָט מען זיי געזען אַרומשמייען, איבערשטעלן, פּוצן און גלאַטן אַזוי אַרומטאַנצן אַרום דעם געקומענעם פּאָרל, דער עיקר — אַרום דעם „ער", וועמען זיי האָבן גערופֿן „פּראָפֿעסאָר".

זעליק האָט דעם פּראָפֿעסאָר כמעט קיינמאָל נישט געזען, וואָרום די געסט, וועמען מען האָט אָפּגעטראָטן אַ באַזונדערן פֿליגל, האָבן זיך

קיינמאל נישט באוויזן אין די איבעריקע צימערן א חוץ צום עסן. און זינט די געסט האבן זיך באוויזן, האט מען אים מיטן בלינדן דניאלן צום טיש נישט צוגעלאזן, נאר געגעבן עסן באזונדער. זעליק איז שוין פון לאנג געווען א זעלטענער גאסט אין הויז. יעדן אינדערפרי, נאכן אנדרייען דניאלן די רצועות און נאכן אפפרעפלען די עטלעכע פסוקים, פלעגט ער זיך באלד לאזן צום אלטן מאטשעי און צו וולאדעקן, כדי צו פארברענגען מיט זיי א גאנצן טאג אין פעלד, אין וואלד און אויף דער ציגעלניע.

אין איינעם א פרימארגן, ווען זעליק האט זיך געלאזט גיין זיין געוויינ-לעכן וועג, איז ער, פארבייגייענדיק דעם הויז-פליגל פון די געסט, גע־בליבן שטיין ווי צוגענאגלט צום ארט. ער האט לאנג נישט פארשטאנען, פונוואנען די קלאנגען גייען. ער האט לאנג נישט באנומען, וואס דאס איז — א געזאנג? א געיאמער פון א מענטשן? א געטשוויטשער פון פייגל? דאס גערויש פון ווינט אין וואלד? אלץ האט זיך אויסגעמישט און אלץ האט איינס דעם צווייטן איבערגעיאגט. פון פענצטער ארויס האט זיך געלאזט הערן דאס שפילן פון א פידל. לכתחילה האט עס גע-שטיפט ווי א קעצל מיט א מייזל: איינס אנטלויפט, דאס צווייטע יאגט נאך. אט-אט כאפט עס און אט אנטלויפט עס ווידער אויף טרעפ, ארויף־אראפ, ארויף-אראפ, ביז ענדלעך ווערט די שפילעריי פארענדיקט מיט א שווערן קרעכץ. דערנאך צעטראגט זיך א געיאמער, א געוויין — עמעץ באקלאגט זיך אויף זיין ביטערן גורל, העשעט, שלוכצט. א צווייטער טרייסט. עס גייט אָן א גערראנגל צווישן געוויין און הייטערן קלאנג. ענדלעך רייסט זיך ארויין א גאנץ געזעמל. מען נעמט אריין דעם וויינענדיקן אין א קארא-האד, מען דרייט אים. מען טאנצט מיט אים. דאס געוויין ווערט אלץ אנמעכטיקער אין כאר פון אויסגעשרייען און געלעכטערס און אלץ לאזט זיך אוועק אין א ווילדן גאלאפ. עס ברעכט אויס א שטורעם,ביימער־קרוינען צעשאקלען זיך, טוליען זיך איינס צום אנדערן, דער ווינט דרייט זיך ווי א ווינט־מיל, שלעפט מיט זיך אראפגעפאלענע בלעטער. דער הימל ווערט באדעקט מיט שווערע אש-גרויע וואלקנס... א פרעסטל גייט דורך איבער זעליקס לייב... פלוצלונג ווערט אלץ אפגעהאקט...,

א גאנצן טאג האט ער זיך ארומגעדרייט ארום דעם פענצטער, ווי א הונט ארום א יאטקע, וואסווארט, אפשר וועט מען ארויסווארפן א ביין, אבער די פידל איז געווען שטום. צומארגנס, ווען ער האט פארגעזאגט פאר דניאלן די פסוקים, האט ער פלוצלונג אנגעשפיצט די אויערן, א שליי־דער געטאן דעם סידור, א כאפ געטאן זיין פייפל און זיך אָן אטעם א לאז געטאן צו יענעם פענצטער. די פידל האט אים גערופן.

זיך גערייצט מיט אים, זיך באקלאגט פאר אים, אפגעלאכט פון אים. ער האט זיך אראפגעזעצט אונטערן אקאציע-ביימל אנטקעגן דעם פענצטער און גענומען אויפן פייפל אויסשפילן דער פידלס געזאנג. זיינע פינגער זענען שנעל, שנעל געלאפן איבער די לעכלעך, זיין פנים האט געפלאמט, די אויגן האבן געגלאנצט. עס ד'אט אים פארכאפט דער אטעם. דאס הארץ האט ביי אים מוראדיק געקלאפט. ער האט אלץ געציטערט, אז די פידל קלאנגען וועלן פון אים אנטליפן און ער וועט נישט באוויזן זיי נאכצויאגן. ער האט נישט באמערקט, ווי דאס שפילן האט אויפגעהערט און א צעפלאמטער אלץ נאך געטרילט אויף זיין פייפל. פלוצלונג האט האט ער אויפגעציטערט, דערשפירט עמעצנס האנט אויף זיין אקסל.

איבער אים איז געשטאנען דער פראפעסאר.

עפעס א טאטישע ווארעמקייט האט געקוועלט פונם פראפעסארס גרוי-בלוילעכע אויגן און זעליק האט זיך געלאזט פירן צום פראפעסאר אין פליגל אריין. נישט לאנג האט געדויערט זייער געשפרעך; דער עיקר — אויפן ווונק, אבער זעליק האט צום ערשטן מאל אין זיין לעבן געפירט מיט א בויגן איבער די סטרונעס פון א פידל. ער געדענקט שוין נישט, ווי לאנג עס האט זיך געצויגן די ווונדערלעכע רגע, אבער ביז היינט קלינגען אים נאך אין די אויערן דעם פראפעסארס ווערטער ביים ארויסבאגלייטן אים:

— קום צוגיין אלע טאג, וועלן מיר שפילן.

אלע טאג... קורץ זענען זיי לײדער געווען, יענע גליקלעכע טעג. זיי זענען אפגעהאקט געווארן פלוצלונג, אומברחמנותדיק, ווי מען האקט אפ א פריש צווייגל פון א בוים. און אפגעהאקט זענען זיי געווארן צוליב דער צווייטער פאסירונג פון יענעם זומער.

די טעג זענען שוין געווען לאנגע, די לענגסטע. די זון האט געבראטן, די תבואה אויף די פעלדער איז שוין געווען הויך געוואקסן. די עפל-ביימער האבן שוין אפגעבליט און אויף דער ציגעלניע האט מען נאך אלץ נישט גע-ארבעט. די „מאשינעס" האבן זיך נישט געדרייט, דער הויכער קוימען האט זיך נישט געראויכערט. די מענטשן האבן זיך ארומגעדרייט אין זייערע יום-טובדיקע בגדים, זיך געזאמלט אין באזונדערע גרופקעס, וועגן עפעס זיך געאמפערט אין דער שטיל. אין דער לופטן האט זיך געטראגן עפעס א ניי, אומבאקאנט ווארט — „שטרייק". דאס ווארט האט זיך איינגעגעסן אין די ביינער, געמאנט, געטענהט וועגן נישט געהייצטע קיכן, וועגן ליידיקן מאגן, וועגן הונגעריקע ווייבער און קינדער...

געפירט דורך וולאדעקן איז זעליק אין יענע טעג אוועק אויף דער

סמאלאָרניע, וווּ עס האָט געאַרבעט וולאַדעקס פּעטער יוזעף. דאָרט איז אַלץ געוואָרן אַנדערש ווי אויף דער ציגעלניע. קיין איינציק לעבעדיק נפש. אַ שטיק ערד האָט זיך געוויכערט און אַ שאַרפער ריח פון געבערענטן האָלץ, סמאָלע און טערפּענטין האָט געריצט די נאָז און געביסן די אויגן. און אָט האָבן פון רויך אויפגעטויכט עטלעכע באַקאַנטע געשטאַלטן: דער אַלטער סטאַניסלאַוו, מיכאַל מיט די געדיכטע וואָנצעס, וולאַדעקס טאַטע אַנדזשעי, זענעק מיט דער בלאָנדער טשופּרינע און צוויי פון די וואָס פירן די ציגל פון איווון אַרויס. זיי זענען געזעסן אין אַ האַלבקרייז אויף דער ערד, זיך געקראַצט די קעפּ און געשפּיגן צווישן די צעשפּרייטע קניען. יוזעף האָט אַרויסגעפירט פון זיין הייזל עפּעס איינעם אַן אומבאַקאַנטן. ער איז געווען הויך מיט אַ גלאַט געגאָלט פּנים, געטראָגן הויכע שטיוול און אַ האַלב מיליטערישן רעקל. ער האָט מיט זיינע טיפגעזעצטע גרויע אויגן דורכדרינגלעך באַטראַכט די זיצנדיקע, יעדערן דערלאַנגט די האַנט, אַרויסגענומען אַ טאַרבעלע מאַכאָרקע, אַלעמען מכבד געווען. מען האָט פאַרדרייט ציגאַרעטלעך, פאַררויכערט, געשפּיגן און לאַנג געשוויגן.

זעליק מיט וולאַדעקן זענען געלעגן אויפן גראָז אַביסל פונדערווייטנס, אָבער ביסלעכווייז האָבן צו זעליקס אויער דערגרייכט ברעקלעך פון דעם שמועס. ווידער האָט זיך אין דער לופטן אַ טראַג געטאָן דאָס נייע וואָרט „שטרייק", אָבער דאָ האָט עס גאָר וועגן עפּעס אַנדערש דערציילט: געמאַכט אַ חשבון, וויפל פון יעדן טויזנט אויסגעפּאַרטיקטע ציגל עס באַקומט דער אַרבעטער און וויפל — דער אייגנטימער; וויפל מי דער ערשטער לייגט דערין אַריין און וויפל — דער צווייטער, וויפל היזק דער ערשטער טראָגט פון יעדן טאָג שטרייק און וויפל — דער צווייטער . . . דער אַלטער סטאַניסלאַוו האָט דעם פרעמדן דערווידערט, אַז ביז דער פּעטער וועט מאָגער ווערן, וועט דערווייל דער מאָגערער אויסציען די פּיס. אויך די אַנדערע האָבן, יעדער אויף זיין שטייגער, זיך צעטענהט, אַז ס'איז שוין נישטאָ מער קיין קרעפטן אויסצוהאַלטן, אַז די באַבעס פאַרקלאָגן די קעפּ און אַז עס איז אַ רחמנות אויף די קינדער . . . דער פרעמדער האָט ווידער פאַררויכערט אַ ציגאַרעטל, באַטראַכט דורכדרינגלעך די אַרומיקע און ווידער זיך צערעדט. עס איז אַוועק אַ גערייִדעריי, אַן אַמפּערניש, אָבער זעליק האָט שוין מער גאָרנישט געהערט. ווען אַלע זענען זיך צעגאַנגען, האָט ער זיך פון וולאַדעקן דערוווּסט: עס איז געבליבן, מען זאָל אויסדויערן נאָך אַ טאָג-צוויי און אויב דער באַלעבאָס וועט נישט נאָכגעבן, זאָל מען זיך שטעלן צו דער אַרבעט.

דעם זעלבן אוונט האט זיך לאנג געלויכטן אין יאקאבסאנס קאבינעט. דורך דער האלב אפענער טיר האט זעליק דערזען זיצן, אויסער יאקאבסאנען און דעם פארוואלטער פון דער ציגעלניע, נאך איינעם א אומבאקאנטן אין א פאליצייאישן מונדיר. דאס שוין געהערטע ווארט „שטרייק" האט אים צוגעצויגן צו דער טיר. ער האט געהערט, ווי יאקאבסאן מיטן אומבאקאנטן ווארפן פאר דעם פארוואלטער, הלמאי ער ווייס נישט, וואס ביי אים אונטער דער נאז טוט זיך און ווער עס דרייט זיך אלץ ארום און העצט די ארבעטער. און ווידער איז אוועק דער שוין באקאנטער חשבון וועגן היזק פון יעדן טאג שטרייקן. דער מונדירטער האט נאך צוגעגעבן, אז דער חשבון איז גאר אן אנדערער און אז ער קאן נישט דערלאזן הינטער זיינע פלייצעס זאל זיך ארומדרייען ווער ווייס ווער און זאל שפרייטן אומרו און בונטעווען די בירגער. יאקאבסאן האט שווער אפגעזיפצט און מיט א ביטערן שמייכל צוגעווארפן, אז פארן פריץ אין פאריז איז דאס א קנאפע פארענטפערונג, אז ער מוז אים שיקן כסדר מזומן געלט — און פונוואנען זאל ער דאס נעמען? און ער האט נאך צוגעגעבן, אז לענגער קאן מען נישט אויסהאלטן און אז מארגן-איבערמארגן וועט ער מוזן די ארבעטער נאכגעבן. דער פארוואלטער האט זיך געדרייט ווי א ווארעם, זיך פארענטפערט, אז וואס פון אים איז געווען אפהענגיק האט ער אלץ געטאן און אז ער האט צווישן די ארבעטער „זיכערע מענטשן".

דער „זיכערער מענטש" האט זיך ארויסגעוויזן דער בלאנדער זענעק. ער האט זיך ווי א גנב דורכגעשארט דורכן קארידאר און ווי נאר ער איז אריין אין קאבינעט, איז די טיר צוגעמאכט געווארן און זעליק האט שוין מער גארנישט געהערט.

די ידיעה וועגן זענעקס וויזיט ביי יאקאבסאנען איז געקומען אויף דער ציגעלניע דורך וולאדעקן פונקט אין דעם מאמענט ווען די רעזיגנירטע ארבעטער האבן זיך שוין געזאמלט אויף זייערע ארבעטס-פלעצער מיט די צונויפגעוויקלטע ארבעטס-בגדים אונטער די ארעמס. מען האט שוין געפירט די בלינדע פערדלעך צו די „מאשינעס", ווען פלוצלונג האבן פון אלע עקן גענומען שפרייזן מענטשן מיט ערנסטע פנימער, געמאכט א ראד ארום זענעקן. יענער איז געשטאנען אין דער מיט, געמאכט מיט די פויסטן און עפעס געשריגן. עמעץ האט צוגעפירט א טאטשקע, מען האט אויף איר ארויפגעזעצט דעם בלאנדן און מיט פייפערייען און געפילדער אים אריינגעפירט אין קאלטן אויוון אריין. באלד האט זיך

פון דארט דערטראגן א געזאנג פון צענדליקער קעלן, איינס פון יענע לידער, וואס מען פלעגט ביים טייכל איבערררייסן אין דער מיט.

יאקאבסאן האט זעליקן נאך דעם זעלבן אוונט געהייסן פאקן זיינע זאכן, ווייל מארגן פארט ער צוריק אהיים. צומארגנס, ווען זעליק איז שוין געזעסן אין דער בריטשקע און דער קוטשער האט א טרייב געטאן די פערד, איז פלוצלונג א פארסאפעטער צוגעלאפן דער פראפעסאר, אוועקגעלייגט זעליקן א פידל אויף די קני, געדריקט אים די האנט און הייס געמורמלט:

— נא, נעם עס, שפיל. דו דארפסט שפילן. דו מוזסט שפילן.

צווייטער טייל

1.

אינדרייען זענען זיי אומגעגאנגען איבער די הויפן. זעליק האט געשפילט אויפן פידל, דער געלער אבטשע האט געזונגען און זיין טאכטער — די שווארצע, געקרייזלטע טייבטשע — האט מיטגעזונגען גלאצנדיק דערביי מיט אירע קיילעכדיקע אויגן אויף די פענצטער פון די העכערע שטאקן, פון וואנען מען האט פון צייט צו צייט ארויסגעווארפן אין פא־פירלעך געוויקלטע מטבעות.

וועגן דעם פארל אבטשען מיט טייבטשען האט מען ביי באשעלען אין שטוב געמורמלט אז ווער ווייס ?... א טאטע מיט א טאכטער זאלן שלאפן אין איין בעט ? באשעלע האט נאך דערצו זייער בעט זארגפעליק פארצויגן מיט א ציצן פארהענגל, וואס האט זייער געלעגער אפגעטיילט פון די איבעריקע מיטשלאפער אין דעם צימער. די דערנעבנשלאפנדיקע צוויי בעטלער — דער בלינדער יונה מיטן לאמען גרונעם — האבן נישט אָן חשק אלעמען דערציילט בסוד, אז ביינאכט הערט מען פון הינטערן פארהאנג א געשארך גארנישט קיין טאטעדיקס און גארנישט קיין טאכטער־דיקס... די איבעריקע שלאפער האבן מיט הנאה איבערגעקייט דעם חשד, וועלכער איז ווי אראפגעהאנגען פון אלע ווענט אין באשעלעס דירה...

באשעלע, אן עטלעכע און פערציק יאריקע אלמנה, מיט רויטלעך איינגעפאלענע באקן און בלישטשענדיקע אויגן, האט געצויגן איר חיונה דערפון, וואס זי האט אפגעטראטן אין איר דריי צימערדיקער דירה פאר גראשנס געלעגערס פאר היימלאזע : בעטלער, הויף־מוזיקאנטן און גלאט מענטשן, וואס זענען געקומען אין דער גרויסער שטאט אריין זוכן זייער גליק.

זעליק איז געווען איינער פון די גליקזוכער.

זיך אומקערנדיק פון די יאקאבסאנס שוין כמעט א זעכציניאריקער, האט ער דערשפירט זיין איבעריקייט אין דער היים. זיין עלטערער ברודער, מאטעלע, האט שוין געלערנט אין א קלויז ערגעץ אין א שכנותדיקן שטעטל.

מען האט געשמועסט אז ער איז אן עילוי, אט-אט וועט ער קריגן סמיכה און וועט ווערן א רב. מען רעדט אים שוין אפילו שידוכים מיט פיינע, באלעבאטישע טעכטער. אלטעלען האט מען אפגעשיקט צו א שניידעריין אויף דער לער. די עלטערן האבן ווי פריער מיט אלע תרופות קוים געצויגן דאס שטיקל חיונה. און ער?... ער האט זיך ארומגעדרייט שלינג און שלאנג. ווען קיינער איז אינדערהיים נישט געווען — זיך צוגעכאפט צום פידל און געשפילט. זיין שפילן — א געיאמער, א באדויערן, א בענקשאפט נאך אן אויסגעטרוימטן לעבן — איז ביסלעכווייז אריינגעדרונגען אין די הויקערדיקע באלמעלאכישע הייזלעך אין די ארומיקע געסלעך און איז אונטערגעכאפט געווארן דורך שוסטער־און־שניידער־יונגען.

ער איז געווארן אן אפטער אריינגייער צו ארטשיק דעם שוסטער. וועגן ארטשיקן האט מען דערציילט, אז אין דער יוגנט האט ער זיך געבונטעוועט קעגן דעם קייסער און אז דערפאר האט מען ארטשיקן גאנץ געשמאק געשמיסן אין הינטן אריין. עד היום קוקן שיינע באלעבאטים אויף ארטשיקן מיט ביטול, האבן אבער מורא צו האבן מיט אים מחזקות, ווארום אז ארטשיק צעלאזט זיך, קאן ער ריידן על ה׳ ועל משיחו... א באלמעלאכע, זאגט מען, איז ער דווקא א גוטער, נאר אז ער עפנט זיין מויל, איז נישט געדאכט זאל ער ווערן... צו ארטשיקען האבן זיך געקלעפט געמיינערע לייט. תמיד איז אין זייןווארשטאט געווען עפעס א מסיבה, און וועגן וואס דארט ווערט אלץ נישט גערעדט, איז גלייכער פארן מויל נישט צו ברענגען...

זעליקן האט עפעס געצויגן צו די דאזיקע מענטשן. שעהנלאנג פלעגט ער זיצן ביים שוסטער און מיט הנאה און אינטערעס זיך צוקוקן, ווי פון רויע שטיקער פעל ווערן אויסגעמייסטערוועט שיך, שטיוול און פאנטאפל פאר ווייבער. ארטשיק מיט זיינע געזעלן האבן זעליקן עפעס מאדנע דערמאנט אין סטאניסלאוון, מיכאלן און די איבעריקע לייט פון דער ציגעלניע. מערנישט דארט האט מען געארבעט שווייגנדיק און דא האט מען אדער געברומט א ניגנדל, אדער זיך געוועורטלט, אדער ארטשיק האט גע־זאגט „תורה״. ארטשיקס „תורה״ האט זייער דערמאנט אין די פסוקים פון חומש, וואס מען האט געלערנט אין חדר, אבער ארטשיק האט געבראכט משלים פון לעבעדיקע מענטשן און באקאנטע פאסירונגען.

ארטשיקס רייד האבן זעליקן שטארק דערמאנט אין יענעם אומבא־קאנטן פרעמדן ביי יוזעפן אויף דער סמאלארניע, מערנישט וואס יענער האט גערעדט שטיל, באזאכט, מיט זיכערקייט, רויק נאגנדיק דערביי זיין ציגארעטל און ארטשיק האט זיך געקאכט, געשפריצט מיט פייער און

רוגזהדיק געקלאפט דערביי מיטן האמער אין זויל פון א שוך. און טאמער האט עמעצער געפרווּוט אים דערווידערן, איז געווען חיות ניט זיכער. די וויכוחים פלעגן אפגעהאקט ווערן, בעת עס האט זיך באוויזן א קונד. דעמלט פלעגט עמעצער פון די געזעלן פארציען א ניגונדל, וואס פלעגט ביסלעכווייז אונטערגעכאפּט ווערן פון די איבעריקע... וויפל לידער האט זיך זעליק אין יענע טעג אנגעהערט! וועגן א קינד וועמען דער טאטע שיקט איבער א גרויס פון ווייטן סיביר, וועגן קייטן וואס מוזן צעריסן ווערן און וועגן גלאקן וואס שרעקן אונדזער ארעמע וועלט. ער האט גענומען מיטברענגען זיין פידל צו ארטשיקן און צושפּילן צום געזאנג. שפּעטער געשפּילט זיינע אייגענע ניגונים. זיין שפּילן איז דורך די אנ־ווענדיקע אויפגעכאפּט געווארן מיט אנטציקונג. יעדער איינער האט פון זעליקס שפּילן ארויסגעפּילט זיין אייגן לעבן, די דחקות, די נויט, דעם טרוים נאך א בעסער לעבן. מען פלעגט אים הארכן מיט צעפלאמטע פּנימער, גלאנצנדיקע אויגן און א טיאכקענדיק הארץ. איינמאל האט ארטשיק, פון גרויס געריטקייט, א שפּיי געטאן אין דער דלאניע, זיך א קראַץ געטאן אין קאפּ און אויסגערופן:

— עך, ברודערל! דו וועסט דא פארפאלן ווערן. אמהעכסטנס וועט מען דיך חתונה מאכן און דער שווער וועט דיר עפּענען א קלייטל, אדער דו וועסט שפּילן אויף יידישע חתונות... נישט קיין ארט דא פאר דיר אין דעם העק, נישט קיין ארט... וואלסט זיך באדארפט אריבערפּעקלען אין דער גרויסער שטאט אריין...

דער זוימען „די גרויסע שטאט" האט געלאזט ווארצלען אין זעליקס הארצן און איז זיך ביסלעכווייז צעוואקסן אין אן אומגעהויערן פארלאנג. דערצו איז נאך ביי אים אינדערהיים געווארן אלץ אומהיימלעכער. דער שווער פארהארעוועטער ביסן, וואס זיינע עלטערן האבן אים צוגעטיילט, האט זיך געשטעלט אין האלדז. אמת, זיי האבן, ווי תמיד, געשוויגן, אבער א תרעומת האט ארויסגעקוקט פון זייערע אויגן און געדריקט אויף זעליקן ווי שווערע שטיינער. ביינאכט פלעגן צו זיין גלעגער דערפּויזען אפּגע־ריסענע פראזן פון זייער שעפּטשען וועגן „דעם גרויסן בחור וואס פּוסט און פּאסעוועט" און „וואס וועט זיין דער תכלית?"

די מסיבות ביי ארטשיק דעם שוסטער זענען געווארן א שם דבר אין שטעטל. באלמעלאכעס, געזעלן און סתם געמיינע לייט האבן זיך אהין אלץ מער געצויגן. פיינע לייט האבן געטענהט, אז אל תפתח פה לשטן, מעט נאך ברענגען אן אומגליק אויף קהל, מען האט געשמועסט, אז דער אדון מיטן קנעפּל האט שוין דערפון גערעדט מיטן רב, זיך געביי־

זערט און געדראט... גבריאל, דער שטילער בנעימותדיקער גבריאל, האט, אונטערן דרוק פון שיינע באלעבאטים זיך אנגענומען א כוח און געהאט מיטן זון א שארפן געשפרעך, אז לא די וואס ער גייט ארום פוסט און פאס, וואס די עלטערן ציען זיך, שונאי ציון, ארויס די אדערן אים א ליידיקגייער צו קארמען, פארשאפט ער זיי נאך חרפות און בושות...

דער פארלאנג אוועקצופארן איז דורך דעם נאך רייפער געווארן. אבער צו וועמען פארט מען און ווו נעמט מען אויף הוצאות?

ארטשיק דער שוסטער האט אויך אויף די מניעות געפונען א תרופה: פארן קאן מען מיטן לאסט-אויטא, וואס ברענגט סחורה צו ירחמיאלן דעם באקאליי־קרעמער. פאר א פאר גילדן וועט אים דער שאפער מיטנעמען. די פאר גילדן וועט מען דא צווישן חברה שוין ווי עס איז שאפן. און דארט, אין דער גרויסער שטאט, זאל זעליק זיך נישט זארגן. ער, ארטשיק, וועט אים מיטגעבן א בריוועלע צו אן אייגענעם יאט...

פון דעם „אייגענעם יאט" האט זיך אויסגעלאזן א בוידעם...

מיטן רענצל אין איין האנט און מיטן פידל אין דער צווייטער האט זעליק געקלעטערט אויף די צעבראכענע טרעפ אין ווינקל פון טונקעלן הויף־קאסטן. ער האט זיך פארהאלטן אויפן פערטן שטאק, לאנג זיך גע־קווענקלט, ביז ער האט אומזיכער אנגעקלאפט אין דער טיר. לאנג האט זיך קיינער נישט אנגערופן. ער האט אנגעקלאפט שוין אביסל שטארקער. ער האט דייטלעך געהערט, ווי עמעצער פארעט זיך אינעווייניק, אבער די טיר׳ האט זיך נישט געעפנט. וואס טוט מען? אוועקגיין? וווהין גיין? ער האט זיך אנגענומען א כוח און גענומען שטארק פויקן אין דער טיר. ער האט דערהערט א געשארך, א שרעקעוודיק איבערשעפטשען זיך — עמע־צער האט דארט א ישוב הדעת. ענדלעך האט זיך די טיר אן עפן געטאן. אויף דער שוועל האט זיך באוויזן א פרוי מיט א צעשויבערטן קאפ און פון דער טיף האט נאך ארויסגעקוקט א בלייך מיידלש פנים.

— וועמען דארפט איר? — האט זיך די פרוי א בייזער געטאן, בא־טראכטנדיק אים מיט חשד.

איר געבייזער האט זעליקן אינגאנצן אפהענטיק געמאכט. ער האט זיך צעטומלט, פארלוירן דעם גאנצן קוראזש. מיט ציטערדיקע פינגער האט ער ארויסגענומען פון בוזעם־טאש דאס בריוועלע און א שטרעק געטאן עס צו דער פרוי. זי האט א בליק געטאן אויפן קאנווערטל, אפגע־שטופט עס פון זיך, גלייך זי זאל מורא האבן, עס זאל נישט אויפרייסן.

— אזא איינער וווינט דא נישט! — האט זי מיט רוגזה אויסגערופן און פארקלאפט די טיר פאר זעליקס נאז.

א שכנה, א פעטלייביקע יידענע, וועלכע האט דורך א שפארונקע פון א דערנעבנדיקער טיר אונטערגעהערט דאס געשפרעך, האט מיט א באַוועגונג פון איר דיקער האנט צוגערופן זעליקן און אים שטיל געזאגט:

— האט אויף איר נישט קיין פאריבל. מען האט ביי איר די טעג צוגענומען דעם מאן... איינגעזעצט... פאר יענע זאכן..

באהערשט פון א רחמנות געפיל אדער ווייבערישער נייגעריקייט האט זי זעליקן אריינגעצויגן צו זיך אין שטוב, פארגעלייגט אים זיך אפרוען אביסל, מכבד געווען מיט א גלעזל טיי און שאקלענדיק מיטן שווערן קאפ און טשמאקענדיק מיט די פליישיקע ליפן, האט זי מיט גרויס נייגיר געהארכט וועגן זעליקס שלימזלדיקער נסיעה פונם שטעטל אין שטאט אריין. זי האט אויסגעוויזן צו זיין איבערגענומען מיט זיין טרויעריקער לאגע. ווי וועט ער דא, אן א קרוב, אן א גואל, זיך אן עצה געבן אין דעם מדבר? זי האט געשמאק א סך מאל געזיפצט, זיך געווישט מיטן פארטעך די נאז און לסוף געקומען צום אויספיר, אז קודם כל דארף מען טראכטן וועגן א דאך איבערן קאפ און זי האט אים געראטן גיין, דא נישט ווייט, אויף דער זעלבער גאס, אין די מעבלירטע צימערן.

די „מעבלירטע צימערן", האט זיך ארויסגעוויזן, איז טאקע געווען באשעלעס דירה מיט די נאכטלעגערס.

בייטאג האט באשעלעס שטוב מיט גארנישט דערמאנט אן אורחים־הויז. פוסטע צימערן. בלויז דא און דארט זענען געשטאנען שטיקלעך מעבל — שפורן פון געוועזענער יוסטער באלעבאטישקייט: א דעמבענער טיש, א קאמאדע, א שאנק און דאס איינציק טאפלטע בעט הינטערן פאר־הענגל. דורך די פענצטער מיט די טיולענע גארדינען — אן איבערבלייבעכץ פון געוועזענע גוטע צייטן — איז אייביק געפאלן א שאטן פון דער דערבייאיקער וואנט אין דעם ענגן הויף. א גאנצן טאג איז אין שטוב געהאנגען א געדיכטע שטילקייט. אינאוונט אבער פלעגט די דירה באַקומען אן אנדער פנים. אין אלע ווינקלען און אויך אין מיטן שטוב פלעגט באשעלע אויסמייסטרעווען געלעגערס: אויפלייג־בעטלעך, א טאפטשאן, נארעס פון ברעטער און שטרוי־זעק אויף דער ערד. די שלעפער פלעגן זיך ביסלעכווייז צענויפקומען, זיך זעצן יעדער אויף זיין געלעגער און גרייטנדיק זיך צום שלאף נאכאמאל איבערלעבן די געשעענישן פון פאר־גאנגענעם טאג. מען פלעגט ציילן מטבעות, איבערבינדן זיי אין א שמאטע און באהאלטן אין בוזעם, אדער אין א טארבעלע אויפן האלדז; איבער־

שעפטשען זיך וועגן אויסזיכטן איינגיכן צו קריגן עפעס א באשעפטיקונג, וועגן פאליציי-לייט וואס יאגן זיך נאך ווי היצלעס נאך היינט, וועגן דער ביליקער קיך, ווו דאס ביסל געקעכטס ווערט וואס א טאג אלץ שיטערער. אין דער לופטן פלעגט זיך צעטראגן א שנארכן, א קרעקעניש, א זיפצעניש און קראצעניש. לסוף פלעגן אנקומען דער טאטעשי מיט דער טאכטער, אבטשע מיט טייבטשען, תמיד די לעצטע. זיי פלעגן שנעל זיך דורכרייסן פארביי די געלעגערס און פארשווינדן הינטערן פארהענגל, אין עק פון לעצטן צימער. פון זייער אנקומען פלעגן אויפוואכן די שוין האלב-שלאפנדיקע געסט, וועלכע פלעגן פארטייען דעם אטעם, נאכקוקן דאס פארל מיט גיריקע בליקן, זיך איבערווינקען פילדייטיק און נאכמורמלענדיק זיי בייזוויליקע, געזאלצענע ליצנותלעך זיך איינגורען אויף זייערע געלעגערס און איינשלאפן. דאס איז תמיד געווען דער לעצטער אקארד פון איבער-געלעבטן טאג.

דאס האט טאקע באשעלע זעליקן צונויפגעשדכנט מיטן פארל.

זענען זיי אינדרייען אומגעגאנגען איבער די הויפן. זעליק האט גע-שפילט אויפן פידל, דער געלער אבטשע האט געזונגען, די געקרייזלטע טייבטשע האט מיטגעזונגען, גלאצנדיק דערביי מיט אירע קיילעכדיקע פיש-אויגן אויף די פענצטער פון די העכערע שטאקן, פונוואנען מען האט פון צייט צו צייט ארויסגעווארפן אין פאפירלעך געוויקלטע מטבעות. זי פלעגט אלעמאל באדאנקען מיט א „קניקס", פארשארצנדיק דאס קליידל, אנטבלויזנדיק דערביי אירע רויטע קניען, ארויסווארפן די מטבעות פון די פאפירלעך און ווארפן זיי צום געלן אין קעשענע אריין.

זעליק איז געהארכזאם נאכגעגאנגען אבטשן, זיך געשטעלט אויפן אנגעוויזענעם פלאץ און געשפילט. ער האט צוגעשפילט צו אבטשעס „מאראלישע" הארצרייסנדיקע לידער וועלכע דער געלער איז געווען א בריה אויסצוטראכטן. ער האט אויך אליין אויסגעשפילט אויפן פידל זיינע אייגענע ניגונים. זעליק האט נישט באמערקט, אז טאקע דעמאלט פלעגן זיך אויפמאכן אלץ מער פענצטער און די מטבעות פלעגן זיך שיטן געדיכטער; ער האט נישט געוווסט, אז הינטער פיל פענצטער אין די חושכדיקע הויפן האט מען מיט התפעלות גערעדט וועגן דעם יונגן שפילער, פון וועמענס פידעלע דאס הארץ קאן אויסגיין פאר מתיקות; ער האט נישט געוווסט, וויפל פאר אויגן אויף בלאסע מיידלשע פנימער ווערן פייכט פון זיין אנבליק, וויפל זיפצן פון בענקשאפט, פון נישט געשטילטע פארלאנגען זיין שפילן דערוועקט; ער האט נישט געאנט, אז אין פרעמדע היימען ווארט מען מיט אומגעדולד, ער זאל זיך ווידער באווייזן, ווידער שפילן.

ער האט נישט באמערקט, אז דעם געלנס קעשענע ווערט אלץ פולער און פולער, — ער איז געהארכזאם נאכגעגאנגען אבטשן, אים צוגעשפילט, אליין געשפילט, ווען יענער האט געהייסן, הכנעהדיק צוגענומען די פאר גראשן, וואס אבטשע האט אים יעדן אוונט צוגעטיילט, א מידער איבערגע-שלאפן אויף זיין געלעגער אין ווינקל צווישן דער שאפע און דער וואנט, און צומארגנס ווידער געגאנגען, ווידער געשפילט...

די ערשטע צייט איז זעליקן אייגעפאלן, אז ער איז ענלעך צו יענע בלינדע פערדלעך אויף דער ציגעלניע, וואס דרייענדיק די קלאץ פון דער „מאשין", שפאנען זיי אן אויפהער אין זעלבן קרייז. מיט דער צייט אבער האט ער דערפון פארגעסן, געווארן אפהענטיק, גלייכגילטיק צום ארום, צו מענטשן. אזוי גלייכגילטיק אז ער האט אפילו נישט באמערקט ווי די געקרייזלטע טייבטשע „פרעסט" אים מיט אירע פיש-אויגן, ווי זי מאכט צו אים חנדלעך, ווי זי זוכט אויס געלעגנהייטן זיך צו שארן ארום אים, נעמען אים פאר דער האנט, טוליען זיך צו אים. ווען זיי פלעגן שפרייזן פון איין הויף אין צווייטן אריין, פלעגט זי אים א כאפ טאן אונטערן ארעם און מיט היץ שעפטשען וועגן די „גוטע געשעפטן" וואס מען מאכט, זינט ער האט זיך באוויזן. פריער פלעגט מען די אויגן אויסקוקן, א פענצטער זאל זיך עפענען און עמעצער זאל ארויסווארפן די פאר גראשן, און א צינד — באווייז נאר אויפצוקלייבן און דעם טאטעשיס קעשענע ווערט אלץ פולער און פולער. זעליק האט נישט געלייגט קיין אכט אויף אירע פלאפלעריי. ער האט נישט באמערקט, ווי זי פלעגט שנעל ארויסגליטשן איר האנט פון אונטער זיין ארעם, ווען מען פלעגט זיך פארקערעווען אין א זייט און דער פארויסגייענדיקער אבטשע וואלט דאס געקאנט באמערקן...

טייבטשען האט אבער זעליקס גלייכגילטיקייט נישט אפגעשטויסן. פארקערט, זי איז געווארן אלץ צודרינגלעכער.

איינמאל, ווען זיי זענען נישט ארויס אין גאס צוליבן רעגן, איז זעליק געשטאנען ביים פענצטער און נאכגעקוקט, ווי די רעגן־טראפנס גליטשן זיך איבער די שויבן. אויפן דאך-ווינקל פון קעגנאיבערדיקן מויער האבן זיך געזאמלט ריטשקעלעך וואסער און מיט געפילדער זיך געשטופט, געיאגט אריינצודרינגען אין דער ברייטער אפפלוס-רער. אונטן האט דאס וואסער ארויסגעשפריצט דורך דער אפענער רער און זיך פריי צעטאנצט אין לוזשעס אונטערן גוס-רעגן. עמעצער האט אונטערגעשטעלט אן עמער. דער וואסער־שטראם איז געווארן בייז, וואס מען צוימט אים זיין וועג און פון כעס גענומען שרייען מיט ווילדע קולות, האט זיך אבער בארויקט,

ווען דאס וואסער איז אריבער די ברעגעס און זיך ווידער צעגאסן אויף דער פריי. מען האט ווידער אונטערגעשטעלט אן עמער. ווידער קולות, געוואלדן. די קלאנגען האבן זעליקן געדעגט, אריינגעצויגן אינם שפיל: א געיעג, א געפילדער, א געראנגל, א געבייזער, א באדויערן און אן אויסגעשריי פון נצחון, און שוין א ניי געיעג און א נייער געראנגל...

אין זיין פארטיפטקייט האט ער נישט געהערט ווי מען דערנענטערט זיך צו אים פון הינטן. ער האט לאנג נישט געשפירט דאס קיצלעניש אין נאקן פון טייבטשעס הייסן אטעם. ביסלעכווייז האט זיך א ווארעמקייט צעגאסן איבער זיין קערפער, צו זיינע פלייצעס האט זיך עפעס ווייכס גע-טוליעט, זיך צוגעדריקט אלץ שטארקער און שטארקער ווי ס'זאל וועלן אין אים אריינדרינגען. מיידלשע ארעמס האבן אים ארומגעקלאמערט און ער האט דערשפירט א פייכטקייט אויפן האלדז... פלוצלונג האט זיך אלץ אפגעריסן. ער האט דערהערט אוועקאיילנדיקע שטילע טריט... ער האט זיך אומגעדרייט און דערזען פאר זיך דעם נאר וואס אריינגעקומענעם אבטשען. דער געלער איז א ווילע געבליבן שטיין, אנגעקוקט זעליקן מיט צוגעזשמורעטע אויגן, שווער אפגעזיפצט, זיך עטוואס איינגעהויקערט און אוועקגעשפרייזט צו זיך אין צימער אריין.

ביינאכט האט זעליק זיך לאנג געדרייט אויף זיין געלעגער, נישט געקאנט איינשלאפן. דער אטעם האט אים געדריקט פון דער געדיכטער לופט אין צימער. אין די אויערן האט אים געגרילצט דאס קרעכצעניש און שנארכעניש פון די מיטשלעפער. ער האט פארקוועטשט די אויגן און ביסלעכווייז, מיט גרויס מי, זיך געגומען אפרייסן פון דעם ארום... האט ער איינגעדרימלט?... חלומט זיך אים דאס?... עמעץ ליגט נעבן אים... עמעצער גלעט זיינע האר..., עמעצנס אטעם הויכט אויף זיינע באקן... ער האט דערשפירט א זיסלעך-זויערלעכן ריח פון נאקעטן מיידלשן לייב. אנטבלויזטע מיידלשע ארעמס רינגלען אים ארום און ציען אים צו זיך... טייבטשעס קני קלאמערן זיך אין זיין בויך..., ער וויל זיך באפרייען און ער דערהערט א הייסן געפליסטער:

— ער שלאפט אצינד... שטארק... ער הערט נישט!...

טייבטשע קלעפט זיך צו זיין גוף. ער ווערט פארזונקען אין איר ווייכקייט ווי אין א דייזשע טייג... זי העשעט: ביסט מיינער... מיינער... ער וויל זיך ווערן, באפרייען זיך פון איר, אבער ער ציט זי צו צו זיך און זיי דרייען זיך ביידע צענויף אין איין קנויל...

.2

זעליק איז נאך לאנג אומגעגאנגען איבער די הויפן, אבער שוין אן דעם פארל. אליין איז ער געגאנגען, געשפילט אויף זיין פידל און געטאן דערביי נאך עפעס א זאך. א זאך, וואס ער אליין האט נישט געוווסט, וואס דאס איז אזוינס און צו וואס דאס טויג.

נאך יענער נאכט האט ער אויסגעמיטן צו קוקן אבטשען אין די אויגן, אלץ געווארט, אז יענער וועט אים פלוצלונג באפאלן, אויסזידלען, אפשר צעשלאגן און פארטרייבן. טיף אין הארצן האט ער געוואלט, עפעס אזוינס זאל געשען, ער זאל מער נישט דארפן זיך טרעפן מיטן געלן, מיט טייבטשען, ער זאל זיך צעשיידן מיט זיי איינמאל פאר אלעמאל.

די צעשיידונג איז אבער געקומען אומגעריכט און גאר פון אן אנדער זייט.

יענעם טאג האבן זיי געשפילט אויף איינעם פון די שטאט־פלעצער, ווו דער הימל איז פאררויכערט פון די ארומיקע פאבריקס-קוימענס און די ערד איז ברוינלעך-גרוי, אָן א מינדסטביימעלע, אָן א שפור פון א גרעזעלע. אין קאלטע טעג, ווען אין די הויפן האט מען נישט גערן געעפנט א פענצטער, האבן זיי געשפילט אין מיטן גאס — ס׳רוב אויף פלעצער. טייבטשע האט זעליקן פארטרויט, אז דאס האט דער געלער איינגעפירט זינט ער, זעליק, איז געקומען מיט זיין פידל, ווייל פריער וואלט זיך קיינער נישט אפגעשטעלט אינמיטן גאס אויף זייער געזאנג.

זעליק האט געשפילט און די מענטשן־ראד ארום איז געווארן אלץ ענגער. אים האט זיך געדאכט, אז ער האט פאר זיך באקאנטע פנימער... אט קוקט אויף אים דער אלטער מאטשעי פון אונטער די גרויע ברעמען אפיר. מיט א צוק פון א באוואנצטן מוילווינקל גיט ער אים צו וויסן, אז ס׳איז וויל — אזוי דארף מען טאקע שפילן! אט איז וולאדעק... ער שטרעקט צו אים א קעמעלע, ציט עס אבער באלד צוריק: וואס טויג דיר דיין קעמעלע, אז דו האסט א פידל? און די — דארט אין ווינקל? איז עס נישט אמאל ארטשיק דער שוסטער מיט זיינע געזעלן? ארטשיק שפייט אין פויסט, קראצט זיך אין קאפ און ווינקט: אהא! געזאגט, אז דו זאלסט זיך לאזן אין דער גרויסער שטאט אריין?!... אלץ ארום איז אים נאענט, היימיש... ער שפילט מיט התמדה, מיט ברען. ער האט גרויס חשק, די מענטשן דא זאלן צופרידן זיין, זיין שפילן זאל זיי געפעלן. צום ערשטן מאל, זינט ער גייט אום איבער די הויפן, האט ער פאר זיך לעבעדיקע צוהערער, ער שפירט ממש דעם אטעם פון דעם ענגן מענטשן־

רינג ארום זיך. א ווארעמקייט צעגיסט זיך איבער זיין לייב און דער בויגן שפרינגט אלץ לייכטער און לייכטער איבער די סטרונעס...

פלוצלונג האבן די מענטשן אפגעריסן פון אים זייערע בליקן און פארריסן די קעפ אינדערהויך. א רויטע טוך האט א פלאטער געטאן אין דער לופטן און געבליבן הענגען אויף די טעלעגראף־דראטן, פורפור־דיק גלאנצנדיק אין זונענשיין. באלד האבן, ווי שנייעלעך, פון דער הויך גענומען שוועבן פאפירלעך און ווי ווייסע טויבן געזונקען צו דער ערד...

די מענטשן־מאסע האט זיך א וואקל געטאן, גענומען כאפן אדער קלייבן די בלעטלעך. קיינער האט שוין זעליקן נישט געהארכט...

אויפהערן שפילן האט אים געצווונגען א דורכדרינגלעך פייפן. פון אלע זייטן זענען, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואקסן פאליציי־לייט און אנגעגריפן אויף דער מאסע. דער רינג האט זיך צעריסן. מענטשן האבן אנגעהויבן אנטלויפן און זעליק — געשטופט פון עולם — איז אויך מיטגעלאפן. ביי א וואנט האט ער פלוצלונג דערשפירט די ווארעמקייט פון א פרויען־האנט, וואס האט אים געצויגן נאך זיך. ער האט זיך גע־לאזט פירן פון אן אומבאקאנטן מיידל, דורך הויפן, שמאלע דורכגענג, ביז זיי זענען, אין א שטילן געסל, אריין אין אן ענגן הויף און דורך פינצטערע טרעפלעך זיך אראפגעלאזן אין א קעלער־שטוב...

מער האט ער זיך צו באשעלען נישט אומגעקערט און מער האט ער אבטשען מיט טייבטשען נישט געזען.

פון דעמלט אין איז ער שוין אליין ארומגעגאנגען איבער די הויפן, געשפילט אויף זיין פידל און געטאן נאך א זאך. א זאך, וואס ער האט נישט געוווסט, צו וואס דאס טויג: ער האט די מטבעות פון די פאפיר־לעך נישט אויסגעוויקלט, נאר אינאוונט זיי געבראכט אין קעלער־שטוב אריין, דארט די פאפירלעך זארגפעליק אויסגעגלייכט און איבערגעגעבן דינהן — דאס מיידל וואס האט אים אהין געבראכט. זי טאקע האט עס אים געהייסן אזוי טאן, נישט זאגנדיק אים גארנישט צו וואס און צו ווען דאס איז נויטיק...

אייגנטלעך האט אין דעם קעלער־שטיבל אויסער זעליקן קיינער נישט געוווינט. אבער יעדן אוונט, ווען ער פלעגט אהיים קומען, פלעגט ער דארט טרעפן א געזעמל מענטשן. די ערשטע צייט פלעגן ביי זיין דערשיינען איבערגעריסן ווערן די געשפרעכן, די מענטשן פלעגן זיך איינציקווייז ארויסשארן פון שטיבל. בלויז דינה פלעגט נאך אביסל פאר־בלייבן, צוגעמען ביי אים די פאפירלעך און אים אנזאגן, אויף וועלכע גאסן און אין וועלכע הויפן ער זאל מארגן שפילן. מיט דער צייט אבער

האט מען זיך צו אים צוגעווינט, אויפגעהערט זיך פאר אים צו שטערן און ביז שפעט אין דער נאכט פלעגן זיך פלעכטן געשפרעכן, וויכוחים, אן אמפערניש. ער האט לאנג נישט פארשטאנען, וועגן וואס זיי שפארן זיך. יעדער איינער פון זיי האט זעליקן אויסגעזוכן צו זיין גערעכט. יעדער איינער האט געשאסן מיט ווערטער, ווי מיט בליצן, וואס זענען גרייט אנצוצינדן און פארברענען דעם אנדערנס טענות, ביז דינה מיטן ווארעמען, מילדן בליק פון אירע ברוינע אויגן, פלעגט איינשטילן די געמיטער און מיט איר מעלאדישן קול — זיי פארגלייכן. ביסלעכווייז האט זיך זעליק געגומען פילן היימישער מיט די דאזיקע מענטשן און זיי — מיט אים.

ער האט נאך לאנג נישט פארשטאנען, וואס ארום אים טוט זיך, אבער א צופרידנקייט האט אים באהערשט, וואס ער איז איינער פון די אָ לייט... ער האט נאך אלץ נישט געוווסט, צו וואס עס טויגן זיינע פאפירלעך, אבער ער האט זיך אין הארצן געפרייט, וואס אויך ער ברענגט עפעס נוצן פאר זיי — די מענטשן מיט די בלייכע, אפגעצערטע פנימער און פלאַ־מענדיקע בליקן...

מיט פרייד, אבער אן א שפור פון איבערראשונג, האט זעליק יענעם אוונט דערהערט פון דינהן, אז מארגן הויבט זיך אן אין קרייז-געריכט דער פראצעס קעגן פיר חברים און אויב ער וויל, קאן ער אהין מיטגיין.

אויף א הויכער באנק, הינטער א ווענטל, זענען זיי געזעסן די פיר — דריי מענער און איין פרוי. אלע — מיט בלייכע, אויסגעמאגערטע פנימער, מיט פייערלעך אין די באשאָטנטע אויגן. זיי האבן געפירט מיט זייערע אויגן איבערן זאל און מיט א קוים באמערקבארן שמייכל אויף די פאַר־שמאכטע ליפן אפגעמערקט די אנוועזנהייט פון נאענטע אדער באקאנטע. הינטער זיי זענען געשטאנען פאליצײ־לייט. זייערע היטלען מיט גע־שמידטע דאשקעס און די רימענדלעך אונטער די גאמבעס האבן עדות געזאגט פון זייער אומענדלעכער מאכט און אומברחמנותדיקייט. דער הויפט־ריכטער, מיטן צעשמאלצענעם פנים און דיקע קישעלעך אונטער די אויגן, האט זיך א רגע געשובט מיט זיינע בייזיצערס, גענומען די פאר אים ליגנדיקע פאפירן, א קלונג געטאן מיטן גלעקל און זיך גע־ווענדעט צום ערשטן פון די פיר:

— אייער נאמען?

דער ערשטער — א דארער, מיט א שפיציקן קנאפ אויפן האלדז — האט זיך אויפגעשטעלט און גענומען פארשארצן דעם ארבל פון דער לינקער האנט, גלייך ער זאל זיך קלייבן לייגן תפילין; באלד נאך אים

איז אויפגעשפרונגען די פרוי — א יונגע, א בלייכע, מיט א פאטליע האר צוגעקלעפט צום פארשוויצטן שטערן. זי האט גענומען פאנאנדערשפילען איר קאפטל און אומפארשעמט אנטבלויזן איר ברוסט... בלויע פלעקן זענען געווען צעזייט איבער איר לייב...

א געשארך איז דורך איבערן זאל. עמעצער האט אויסגעשריען:

— געפייניקט האט מען זיי דארט... רוצחים!...

דאס גלעקל אויפן ריכטער־טיש האט זיך צעקלונגען.

דער פראקוראר, אין היטעלע מיטן רויטן זוים, האט זיך אויפגעשטעלט, אפגעהוסט און גענומען דרשנען. ער האט לאנג גערעדט, דערוויזן, וואס פארא געפאר עס דראט אונדזער מלוכה און אונדזער לאנד פון אט די פיר פארברעכער און זייערס גלייכן. ער האט א שטרעק געטאן זיין לינקע האנט צום ריכטער־טיש, ווו עס זענען געלעגן די „זאכלעכע באווייזן" פון זייער פארברעכן: פאפירן, ביכער, א רויטע פאן, א ראטאטאר... ער האט דערציילט וועגן קעלערס און בוידעם־שטיבלעך, ווו די פארשווערונג איז געגרייט געווארן. ער האט זיך צעווארעמט. קענטיק, אליין הנאה גע־האט פון זיין שיינעם ריידן און האט פארענדיקט מיט דער פעסטער איבערצייגונג, אז די עדות, וועלכע ער האט אין זיין רשות, וועלן פארן הויכן געריכט אויפדעקן אין דער פולסטער מאס די שולד פון די אנגע־קלאגטע...

דער עדות־פארהער האט זיך געצויגן לאנג. דער עולם אין זאל האט זיך גענומען לאנגווייליקן, טייל האט אפילו איינגעדרימלט. בלויז פון צייט צו צייט פלעגט א הייטערקייט זיך דורכטראגן צווישן עולם, ווען עמעצער פון די עדות פלעגט זיך פארפלאנטערן אונטער די פראגן פון די פאר־טיידיקער.

דער פראקוראר איז געזעסן רויק. עמעצער אין זאל האט א שעפטשע געטאן:

— ער איז עפעס ביי זיך צו זיכער. האט משמעות צוגעגרייט א סורפריז... א פעטן העכט...

דער „פעטער העכט" האט זיך ענדלעך באוויזן.

דאס איז געווען א יונגערמאן מיט ברייטע אקסלען, קורצע פיס, רויטלעכע באקן, א פעטע נאז און צעשויבערטע שטויביק־בלאנדע האר. אויף זיין אנבליק האבן די פיר אויף דער באשולדיקונגס־באנק מיט גרויליקן חידוש ברייט צעעפנט די אויגן... א גערויש האט זיך צעטראגן איבערן זאל און דעם ריכטערס גלעקל האט זיך ווידער צעקלונגען.

ביי די פארטיידיקער האט זיך געמערקט א שטארקע צעמישונג. דער

עדות האט דערציילט, וואס ער האט אלץ „מיט זיי צוזאמען" געטאן — ער האט א וואנדע געטאן זיין צעשראקענעם בליק צו דער באשולדיקונגס־באנק... ער האט געבראכט איינצלהייטן וועגן דעמאנסטראציעס, פלוג־בלעטלעך, א געהיימער דרוקעריי... ער האט אנגערופן אדרעסן, טרעף־פונקטן... אויף די פלייצעס פון די פיר זענען געפאלן שווערע זעק חטאים... די פארטיידיקער האבן אראפגעלאזן די נעז און דער פראקו־ראר האט געשיינט פון נחת.

דער פראצעס האט זיך געצויגן עטלעכע טעג.

אין די אונטן האט מען אין קעלער־שטיבל זיך לאנג געאמפערט. א ווערטער־געפלעכט האט זיך געטראגן אין דער לופטן, זיך אפגעשלאגן אין די ווענט און אפגעהילכט אין די אויערן. זעליק האט פון זיין ווינקל זיך צוגעהערט צו די רייד, אבער ווייניק וואס פארשטאנען. אים האט זיך אויסגעוויזן, אז ער געפינט זיך ווידער אין א געריכטס־זאל, אבער ער האט נישט געקאנט אויפכאפן, ווער ס'איז דא דער באשולדיקטער, ווער — דער פראקוראר און ווער — דער ריכטער. אומפארשטענדלעכע ווערטער, ווי „פראוואקאטאר", „אינדיווידועלער טעראר", האבן ווי שטיינער געדריקט זיין מוח. אים האט גענומען שלעפערן און שוין אין דרימל האט ער גע־הערט: „א שאס... איין שאס..."

דער שאס האט אומגעריכט א קנאל געטאן אין געריכטס־זאל ווי א דונער פון לויטערן הימל... אינמיטן עדות זאגן איז צום „פעטן העכט" צוגעשפרונגען א יונג אין שטיוול און אין א קורצן רעקל. מיט דער לינ־קער האנט האט ער א כאפ געטאן דעם עדות פאר א לאץ און מיט דער רעכטער — אין אים אריינגעשאסן. ער האט נאך באוויזן אויסצורופן: „דעם הונט — א הינטישן טויט!" און זיך שנעל א לאז געטאן צו דער ארויסגאנגס־טיר.

דער עולם אין זאל איז פון איבערראשונג א רגע פארגליווערט געווארן, האט אבער אין א פאר רגעס ארום אויפגעוואכט פון דער שיסעריי אין קארידאר...

3.

ווער האט זיך עס דעמלט געקאנט ריכטן, אז דער שאס וועט מאכן אזא איבערקערעניש אין זעליקס לעבן און אז ער וועט — ווי אים האט זיך דאן אויסגעוויזן — אויפגעריכט ווערן?

ארום דער גרויער תפיסה־וואנט האט זיך געזאמלט אן עולם. פון די ארומיקע געסלעך האבן ביסלעכווייז ארויסגעשלייכט מענטשן־גרופקעס און

זיך צונויפגעגאסן אין איין קנויל ארום דער תפיסה־מויער. זעליקן מיט זיין פידל האט דינה אהער געפירט.

פון די אוונטיקע געשפרעכן אין קעלער־שטיבל האט ער זיך דער־ ווסט, אז דער יונגער שיסער איז געשטארבן אין תפיסה־שפיטאל פון די וווּנדן, וואס ער האט באקומען אין קארידאר פון געריכט.

דאסמאל האט מען זיך נישט געאמפערט, קיינער האט נישט געהויבן זיין קול, נאר צוזאמען האט מען זיך שטיל געישובט. זיינע פאפירלעך פון די אויסגעוויקלטע מטבעות האט דעם אוונט נישט נאר דינה אליין ביי אים צוגענומען — אלע צוזאמען האבן זיך אין זיי געפארעט, געזוכט, גענישטערט, ביז מען האט איינס אויסגעקליבן, איבערגעגעבן עס פון האנט צו האנט און געלייענט. שפעטער האט עס איינער איבערגעשריבן, באלד — א צווייטער, דערנאך — א דריטער. אלע זענען זיך צעגאנגען, בלויז דינה אליין איז מיט זעליקן פארבליבן. מיט איר ווארעמען מעלא־ דישן קול האט זי אים פארגעלייענט, וואס אין פאפירל שטייט געשריבן. דאס איז געווען א ליד וועגן דעם יונגן העלד, וואס האט מוטיק אפגע־ רוימט דעם הינטישן פאררעטער. דינהס קול איז געווען סאמעט־ווייך, ווען זי האט געשילדערט די איידעלע נשמה פון דעם יונגן מענטשן, וואס האט אוועקגעגעבן זיין לעבן פאר זיינע חברים און פאר דער הייליקער זאך, צוליב וועלכער זיי שמאכטן אין די קאלטע, פייכטע תפיסה־ווענט; איר קול האט אבער ווי שטאל געקלונגען, ווען זי האט גערעדט וועגן דער אומפאר־ מיידלעכער נקמה, וואס די אונטערדריקטע מענטשן וועלן ענדלעך נעמען פון זייערע באצווינגער... זעליק האט געהארכט מיט א פארכאפטן אטעם. אים האט באהערשט א הייסער פארלאנג, אז דינהס שטים זאל אזוי קלינ־ גען אן אויפהער... ער האט נישט באמערקט, אז זי האט שוין לאנג אויפגעהערט לייענען פון פאפירל און אז זי רעדט צו אים אזוי, פון זיך, עפעס אזוי הארציק־פריינדלעך... א ווארעמקייט האט זיך צעגאסן איבער זיינע גלידער... דינה האט אים פארטרויט, אז נאך די נאכט וועט דאס ליד אפגעדרוקט ווערן אויף א סך בלעטלעך און פאנאנדערגעקלעפט ווערן אויף די ווענט. מענטשן וועלן דאס לייענען, אפשר איבערשרייבן, זיך אויסלערנען און — ווי גוט וואלט עס געווען, מען זאל עס אויך קענען אויסזינגען... אפשר וואלט ער געקאנט צוטראכטן עפעס א ניגון. ער וואלט אים אויפן פידל אויפגעשפילט אויף דעם יונגס לויה און אלע וואלטן מיטגעזונגען.

צו דער לויה איז אבער נישט דערגאנגען. די תפיסה־מאכט האט אפ־ געזאגט ארויסצוגעבן דעם טויטן קערפער.

דער מענטשן־קנויל ביים תפיסה-טויער איז זיך צעוואקסן, איז אנגע-קוואלן ווי א קנאספ נאך א פרילינגדיקן רעגן. זעליקן האט דינה אריינ-געשטופט אין דער מיט. ער האט געזען ארום זיך פארוואלקנטע פנימער. מיט שטרענגער ערנסטקייט האבן די מענטשן געקוקט פאר זיך, ווי ווארטנדיק, עמעצער זאל זיי הייסן, וועלן זיי באלד אויפרייסן דעם טויער, צעטראגן די תפיסה־וואנט — זאל מען זיי נאר הייסן. א געדיכטע שטיל-קייט איז געהאנגען אין דער לופטן. ער האט דייטלעך געהערט דאס קלאפן פון זיין אייגן הארץ... דינה האט אים א שעפטשע געטאן: שפיל! ער האט גענומען דעם בויגן אין דער רעכטער האנט און...

יענע נאכט, נאך דינהס אוועקגיין, איז זעליק לאנג נישט געשלאפן. ער האט אלץ געלייענט דאס פאפירל, וואס זי האט אים איבערגעלאזן. געלייענט — און ווידער געהערט איר שטים. אזויפיל מאל איבערגעלייענט, אז ער האט שוין אויסנווייניק געזאגט. פלוצלונג האט ער זיך געכאפט, אז ער רעדט נישט, נאר ער זינגט. די ווערטער מיט די טענער באגעגענען זיך, כאפן זיך פריידיק ארום און גיסן זיך צענויף אין א געזאנג. ער האט א כאפ געטאן זיין פידל...

א פיאלעט-גרוילעך וואלקנדל האט פון הימל אראפגעקוקט אויפן פארזאמלטן המון. עס האט זיך פארטשעפעט אין שפיץ פון תפיסה־טורעמל און, דרייענדיק זיך אין קאראהאד, געווארן אלץ מער און מער אנגעקוואלן פון דעם געזאנג וואס האט זיך געטראגן פון דער ערד, — עס איז גע־ווארן אלץ שיטערער און שיטערער, ביז עס איז זיך אינגאנצן צעפלאסן. א בינטל זונען־שטראלן האט א שפאר געטאן אויף דער תפיסה־וואנט און באקופערט די קראטעס, אויף וועלכע עס האבן זיך געקלאמערט וואסוויי־טער אלץ מער הענט. דאס געזאנג איז אונטערגעכאפט געווארן דורך די בלייכע פנימער צווישן די קראטעס...

דער בויגן איז לייכט-לייכט געשפרונגען איבער די סטרונעס. די מענטשן מיט די אנטבלויזטע קעפ, צעפאטלטע האר און שטרענגע פנימער האבן אויפגעכאפט די טענער פון זעליקס פידל און זיי צעטראגן אין דער ברייט און אין דער הויך... וויפל זענען זיי — די מענטשן ארום אים? צענדליקער? הונדערטער? טויזנטער?... און ער מיט זיין פידעלע פירט מיט זיי... זיי פאלגן אים געהארכזאם נאך... ער האט דערשפירט א טרוקנקייט אין מויל, א ריטשקעלע שווייס איז גערונען איבער זיין רוקנביין... דער בויגן אין זיין האנט איז געפלויגן אלץ פלינקער און זיכערער און דאס געזאנג ארום אים איז געווארן אלץ הייטערער, הילכיקער און מעכטיקער.

ווער האט עס געהאט א הארץ איבערצורייסן אזא פרעכטיק געזאנג ? ווי אזוי פאסט זיך אהער דאס גרילצנדיקע פייפעריי און דאס טופען פון פערדישע קאָפּיטעס ? . . .

אין בהלהדיקן געדראנג האט זעליק ווידער דערשפּירט די ווארעמקייט פון דינהס האנט. זי האט אים געצויגן נאך זיך, קונציק זיך מיט אים דורכגעשלייכט דורכן פאליציי־קארדאן און זיך געלאזן גיין שנעל־שנעל — א געסל רעכטס, א געסל לינקס — ביז זיי האבן זיך אויסגעמישט מיט אן עולם, וואס האט געשטראמט צום קלויסטער און זיי זענען אויך אהין אריין.

א קעלט האט א טראג געטאן איף זעליקן פון די הויכע קלויסטער־געוועלבן. אים האט באהערשט א געמישט געפיל פון נייגעריקייט און שולד. אמת, ער איז שוין לאנג אוועק פון יידישן גאט: דאס קלייזל, תפילין, דאוונען — אלץ איז שוין לאנג געלעגן פארשטויבט אין א ווינקל פון זיין זכרון, אבער — גיין אין קלויסטער ? . . . דינה האט אים אריינגעשטופּט אין דער געדיכטעניש פון קניענדיקן המון און זיי האבן זיך ביידע אויך אראפּגעלאזן איף די קני. צוזאמען מיט די ארומיקע האבן זיי זיך אויפגעשטעלט ווידער אראפּגעקניט, זיך ווידער אויפגעשטעלט און ווידער געקניט. . . דער ריח פון ווייראויך האט געקיצלט אין האלדז און דאס איינטאָניקע געזאנג האט אים איינגעשלעפערט.

די גלאקן האבן זיך צעקלונגען און דער עולם האט געגעבן א שפּאר צום ארויסגאנג. געפירט פון דינהן, איז זעליק אויך מיטגעגאנגען. פלוצלונג האט זי אים א שלעפ געטאן, זיי האבן זיך פאררוקט הינטער א זייל און ער האט דערהערט איר שעפטשען:

— א שאטן. . . קוק, אט שפּאנט ער דארט פון יענער זייט טויער. . .

זעליק האט פארזיכטיק ארויסגעקוקט און דערזען אן עלטערן, עלעגאנט געקליידעטן הער. יענער האט אומגעשפּרייזט הין און צוריק און אויפמערקזאם באטראכט יעדן פון די ארויסגייענדיקע. . .

דינה האט אלץ געשעפּטשעט:

— מיר מוזן זיך צעשיידן. . . איך וועל זיך שוין ווי עס דורכגנבענען. . . נישט דאס ערשטע מאל. . . און דו גיב אכטונג: גייט מען דיר נאך — גיי נישט אהיים. פיר אים ארום עטלעכע שעה איבער די גאסן און באמי זיך נעלם צו ווערן. . . דיין פידל נעם איך מיט זיך. . .

זי האט א כאפּ געטאן זיין פידל, פארשטעקט עס הינטער איר מאנטל און איז אומבאמערקט פארשוואונדן.

זעליק איז ארויס פון קלויסטער צווישן די לעצטע. יענער האט נאך

אלץ געוואָרט, אויסמיידן זיך איז שוין געווען אוממעגלעך. זייערע בליקן האָב זיך באַגעגנט און... פאַר זעליקן איז געשטאַנען דער פּראָפעסאָר, דער גאַסט ביי די יאַקאָבסאָנס, דער זעלבער וואָס האָט אים געשענקט אַ פידל...

4.

די „אַדאָפּטירטע קינדער" האָט מען זיי אַלע דריי גערופן: זעליקן, דעם ברייטפּלייציקן פּעלעק און דעם שוואַרצאויגיקן גאַגאַ. גערופן האָט מען זיי אַזוי דערפאַר, ווייל אַלע דריי זענען זיי דורכן פּראָפעסאָר אַריינ־געבראַכט געוואָרן אין דער קאָנסערוואַטאָריע. אַלעמען האָט ער אַריינגע־געבן אין סטודענטן היים און באַזעצט אין איין צימער.

זעליקס דעמלטיקע באַגעגעניש מיטן פּראָפעסאָר ביים קלויסטער איז געווען נישט קיין צופעליקע. צוגעצויגן דורכן געזאַנג ביי דער תּפילה־וואַנט, האָט אים דער פּראָפעסאָר נאָכגעפאָלגט און אָפּגעוואַרט ביים אַ־רויסגאַנג פון קלויסטער. שפּעטער זענען זיי ביינאַנד געזעסן אין אַ קאַפע־הויז ערגעץ אין אַ שטילן געסל און לאַנג געשמועסט. אייגנטלעך האָט גערעדט בלויז דער פּראָפעסאָר און זעליק האָט געהאַרכט. אמת, ער האָט דאַן נישט גענוי אַלץ פאַרשטאַנען, אָבער פון פּראָפעסאָרס בלוי־גרויע אויגן האָט געשטראַמט אַזויפיל גוטווילִיקייט און זיין קול איז געפלאָסן מיט אַזויפיל איבערגעבנקייט און פריינדשאַפט. אַז זעליק האָט חשק געהאַט, דאָס רעדן זאָל זיך אַזוי גיך נישט ענדיקן.

— כ׳האָב געהערט דאָס געזאַנג... — דער פּראָפעסאָר האָט לאַנג געצויגן די ווערטער זופנדיק דערביי זיין קאַווע — ס׳איז שטאַרק... — ער האָט זיך אַ ווײלע פאַרטראַכט, ווי זוכנדיק די פּאַסיקע ווערטער — איך גלויב, אַז דאָס האָסטו אַליין צוגעטראַכט... כ׳מיין — די מעלאָדיע... די ווערטער האָב איך נישט גוט געהערט... ס׳איז גוט, ווייל ס׳איז עכט, ערלעך, נישט געקינצלט... ס׳איז אמת, כאָטש, עס איז רוי... ווי זאָל איך עס דיר געבן צו פאַרשטיין, מיין פריינד? ... ס׳איז ליידער דאָ אַ גרויסער ווידערשפּרוך צווישן דעם שעפער און זיין שאַפונג, צווישן דעם פּראָצעס פון שאַפן און דאָס איבערווייזן עס פאַר אַנדערע. צום בלויזן שאַפן איז גענוג טאַלאַנט אָבער קוים ווילסטו, אַז אַנדערע זאָלן פון דיין ווערק גע־ניסן, מוזסטו זיך באַנוצן מיט אַ סך אַלף־בית, וועלכע פאַרפירן דיך אָפּטמאָל און דו הערסט אויף צו זיין באַלעבאָס איבער דיין אייגענעם טאַלאַנט... אָן דעם אָבער וואָלטן מיר געווען אָרעם, זייער אָרעם: קיינער, אַדער בלויז ווייניקע וואָלטן געקאַנט געניסן פון דעם קינסטלערס

שאפונג און גארנישט וואלטן מיר פארמאגט פון דער פרעכטיקער ירושה פון אונדזערע פארגייער...

דער פראפעסאר האט זיך פארטראכט. לאנגזאם, אין שטילשווייגן, געזופט זיין קאווע און ענדלעך זיך ווידער צערעדט:

— פאליטיק... איך קען מיך נישט דערויף... כ'פיל דערצו אן אינערלעכן ווידערווילן... דאס, וואס ס'איז פארגעקומען היינט נעבן דער תפיסה, קאן עמאציאנעל שטארק ווירקן... עמאציע איז טאקע זייער א נאענטער פארבינדעטער פון קונסט, אבער...

ער האט זיך ווידער פארטראכט, קענטיק געזוכט פונסניי די פאסיקע ווערטער.

— איך ווייס נישט — האט ער פארגעזעצט — ווי ווייט דו ביסט אנגאזשירט אין דעם, וואס מען רופט „די באוועגונג"... אפשר ביסטו בלויז אויסגענוצט געווארן ווי א געצייג אין עמעצנס הענט... יעדנ־פאלס וואלט געווען א שאד, דו זאלסט זיך דערויף אפשטעלן... דו אליין און מיר דוכט אז פיל אנדערע וואלטן דערביי א סך פארלירן... דאס דרינג איך פון דיין היינטיקן ליד, ווי אויך פון יענעם טרילן אויפן פייפל נאך דארט ביי די יאקאבסאנס...

דער פראפעסאר האט נאך לאנג אזוי גערעדט, דערוויזן, געמאכט אויספירן, ביז ער איז ענדלעך געקומען צום קאנקרעטן פארשלאג אריינ־צוגעבן זעליקן אין דער מוזיק־שול.

— איך גיב זיך אפ א חשבון — האט ער געזאגט — אז דאס וועט דיר אנקומען נישט לייכט. דו באזיצט נישט, ווי דאס הייסט ביי אונדז, די געהעריקע צוגרייטונג. זייער וויניקע פון די לערער זענען גענויגט אפצוטרעטן פון די אנגענומענע כללים. אנדערע וועלן עס זיכער בא־טראכטן ווי איינעם פון מיינע משונהדיקע קאפריזן. דארפסט נישט צופיל האפן אויף פארשטענדעניש און מיטגעפיל. ס'וועט דיר זיכער נישט ווײ־ניק אויסקומען אויסצושטיין פון דער שענדלעכער מחלה, אויף וועלכער אונדזער געזעלשאפט איז נאך זייער קראנק... דערויף מוזסטו באלד פון אנהויב זיין געפאסט.. אבער ס'איז אלץ כדאי... אזא איז יעדנפאלס מיין טיפסטע איבערצייגונג...

די איבעריקע צוויי „אדאפטירטע קינדער" האבן געהאט צו דערציילן ענלעכע געשיכטעס.

פעלעק — א זון פון א באן־באאמטן אויף א קליינער סטאנציע — האט זיך מיטן פראפעסאר אויך באקאנט אין א קלויסטער. פעלעק האט געהאט א מעכטיקע טיפע שטים. דער גלח פון דער ארטיקער פאראפיע

האט אים אויפגעכאפט ווי אן אבן טוב. ער האט צוגערעדט פעלעקס טאטן, יענער זאל דעם זון אים, דעם גלח, איבערגעבן אויף דער לער. זאל ער זיך פארלויפיק באקענען מיט די קלויסטער־צערעמאניעס און שפעטער וועט ער אליין, דער גלח הייסט עס, אים העלפן איינארדנען אין א סע־מינאריע. דער באן־ארבעטער האט גערן מסכים געווען: אי ס'וועט זיין א תכלית פארן זון, אי ער וועט פארלויפיק נישט פארלירן קיין האנט אין זייןווירטשאפט, וואס ער האט געהאט נעבן דער באן־ליניע. פעלעקס פויעריש לעבן איז אזוי ארום באררייכערט געווארן מיט נייע פליכטן: ער האט צוגעדינט דעם גלח ביי די גאטס־געבעטן און דער עיקר — געזונגען. זיין מעכטיקער באס האט דורכגעשפארט די הילצערנע ווענט פון קלויס־טער, האט זיך ווייט צעטראגן און צוגעצויגן מאסנווייז די פויערים פון די ארומיקע דערפער. זיין געזאנג האט אויך צוגעצויגן די אויפמערק־זאמקייט פון דעם פראפעסאר, וועלכער האט יענעם זומער אפגערוט אין דער דארטיקער געגנט.

— דער צעדרייטער פראפעסאר — האט פעלעק דערציילט מיט שפאט — האט געזאגט, אז מיין שטים קלינגט ווי א געשריי פון רויערד, וואס רייסט זיך צו באפרייען פון דער קלעם; אין מיין שטים, האט ער געזאגט, הילכט אפ דער מוראדיקער פראטעסט פון געצוימטער קראפט, וואס זאל עס זיך נאר באפרייען פון די אומזעבארע קייטן, וועט עס וועלטן חרוב מאכן...

ער, פעלעק, האט נישט זייער ערנסט גענומען דעם פראפעסארס פלוי־דעריי. אים איז אויך נישט געווען קיין חילוק: פארן אין שטאט אריין, צי נישט. מיטן טאטן אבער האט דער פראפעסאר געמוזט גוט ארייַנהארעווען. מיט וואס דער פראפעסאר האט גענומען דעם אלטן, ווייס נישט פעלעק, אבער — א פאקט — אט איז ער דא — און „אדאפטירטער".

גאַגאָס מעשה איז געווען יא ענלעך צו זייערעביידנס און נישט ענלעך.

דאס איז אויך געווען זומער. אין איינעם פון די שטעטלעך איז געווען א גרויסער יריד. זייער טאבאר האט זיך צעשפרייט הינטערן שטעטל אויף א לאנקע ביים ברעג טייך. א גאנצן טאג האט מען געפירט פערד פון טאבאר אויפן יריד און פון יריד אין שטעטל אריין. סוחרים זענען געקומען און אוועקגעגאנגען. מען האט געפילדערט, זיך געפאטשט אין די הענט און געשלאסן מסחרים... די ווייבער האבן א גאנצן טאג ארומ־געבראדזשעט צווישן די סטראגאנעס און שפילנדיקע קאטארינקעס, געלייגט קארטן, געטראפן אויף דער האנט און דערביי אנגעשלעפט אין טאבאר

אריין א האלבע טוץ הינער, א זייטל רינדערן פלייש, אויבסט, געבעקס און כלערליי גרינסן. צו זון־פארגאנג איז מען זיך אלע צענויפגעקומען. די מאנסלייט האבן ארויסגעשלעפט פון די טאשן פלעשער בראנפן, די ווייבער האבן דערלאנגט דאס צוגעגרייטע פארבייסן און דערנאך איז אוועק א טאנץ: מיידלעך האבן געטרייסלט זייערע ברוסטן און היפטן, יונגען האבן ארומגעטאנצט ארום זיי, בויגנדיק ארויף און אראפ די קניען און די קאפעליע האט זיי צוגעשפילט... ער, גאגא, האט געשפילט אויפן פידעלע.. א מחנה נייגעריקע האט זיך פארזאמלט ארום. צווישן זיי איז אויך געווען דער פראפעסאר. ער, גאגא, ווייס גארנישט וואס און ווען. ער געדענקט, אז זיין טאטע מיטן פראפעסאר האבן זיך געפאטשט אין די הענט, ווי ביים פארהאנדלען א פערד און... אט איז ער דא.

דאס צוזאמענלעבן פון די דריי האט זיך באלד פון אנהויב נישט געקלעפט. זעליק האט באלד נישט נושא חן געווען ביי פעלעקן. דער ברייטפלייציקער פלעגט זיך אין די שטיוול אריינשליידערן אין זיין בעטל און גלאצנדיק מיט זיינע וואסערדיקע אויגן אויפן סופיט, פלעגט ער זיך שילטן און זידלען די פארשטונקענע לערער, וואס דערגייען אים די יארן, טשעפען זיך צו אים, די כאלערע ווייס זיי פארוואס. און וואס וויל מען בכלל פון אים האבן? דארטן, אין קלויסטערל, אז ער פלעגט א זונג טאן, פלעגן מענטשן פון אנטציקונג זיך מימ טרערן באוואשן און דא קומט א פארדריפעטער כערלאק און לערנט אים, פעלעקן, ווי צו עפענען די געמבע...

כמעט מיט אפענעם האס האט ער געקוקט אויף זעליקן, אויסלאזנ־דיק אויף אים זיין פארביטערונג. ער האט נישט געקאנט פארטראגן יענעמס פלייסיקייט אין לערנען.

— צו וואס טויג עס דיר — האט ער געטענהט — דו וועסט סיי ווי זיין רייך... אייעריקע גיבן זיך גאנץ לייכט אן עצה און דארפן דערביי גארנישט שווער הארעווען.

זעליק האט זיך מיט קיין ווארט נישט אנגערופן, זיך באמיט אפצו־שטויסן פון זיך פעלעקס אנפאלן. אין הארצן אבער האט ער זיך אליין דערוויזן, ווי אומגערעכט יענער איז. פעלעק האט גערעדט וועגן לייכטע יידישע פארדינסטלעך און פאר זעליקס אויגן זענען אויפגעשווומען אר־טשיק דער שוסטער מיט זיינע געזעלן און די איבעריקע באלמעלאכעס אין די הויקערדיקע געסלעך; פעלעק האט דערציילט וועגן רייכע סוחרים, וואס האבן אויף זיין טאטנס סטאנציע אפגעשיקט גאנצע וואגאנעס תבואה, בחצי־חינם איינגעהאנדלטע ביי די ארומיקע פויערים און זעליק האט זיך

דערמאנט אין די „גליקזוכער" אין באשעלעס דירה; פעלעק האט געמאלט דאס רייכע, באקוועמע לעבן מיט די בעסטע מאכלים און טייערסטע קליי־דער און זעליק האט זיך דערמאנט, ווי ער מיט זיין קראנק שוועסטערל אלטעלע פלעגן גאנצע טעג ווארטן אין קאלטן שטיבל, ביז די עלטערן וועלן ברענגען עטלעכע קארטאפל מיט א הערינג פאר די פאר גראשן, וואס זיי וועלן דארט פארדינען שלעפנדיק פעק נעבן דער אכסניה...

דער שווארצאויגיקער גאגא האט געבלינצלט מיט זיינע ווייסע ציין און גערעדט מער צו זיך אליין:

— ביידע וועט איר דא פארעיפושט ווערן אין דעם טינוף. אלציינס — צי איר וועט פוילן אין די דאזיקע ווענט, צי אין אנדערע. אבער וואס וויל מען פון מיר? איך וואלט שוין לאנג געצויגן פון דאנען, ווען איך זאל נישט וויסן, אז מיין טאטע און אנדערע עלטסטע פון טאבאר וועלן מיך מיט די בייטשן פארשמייסן פאר ווידערשפעניקן זייער ווילן... אבער סיי ווי — פריער אדער שפעטער — וועל איך א שפיי טאן און זיך ארויסרייסן צוריק אין דער פרייער וועלט אריין, צום וואלד און פעלד.

דאס פריידיקסטע פאר זעליקן אין יענע טעג זענען געווען די סימ־פאנישע קאנצערטן. דער פראפעסאר האט פאר אלע דריי יעדע וואך צו־געשטעלט בילעטן.

זינט ער האט דאס ערשטע מאל אויפן ערשטן קאנצערט אויפגע־האנגען זיין בליק אויף דער עסטראדע און אנגעשפיצט זיינע אויערן צו די צויבער־קלאנגען וואס האבן זיך פון דארט געגאסן, האט זיך זעליק דערשפירט ווי אריינגעצויגן אין א נעץ, פון וועלכער ער קאן זיך שוין נישט ארויספלאנטערן. זיין גאנץ אינגעווייד איז אנגעפילט געווארן מיט א גע־פלעכט פון קלאנגען, טענער, וואס שפילן זיך, אמפערן זיך, ראנגלען זיך מיטאנאנדער... א גאנצע וואך האט ער געלעבט אין צאפלדיקער דערוווארטונג פון קומענדיקן קאנצערט. ווי נאר אין זאל פלעגט זיך אויס־לעשן דאס ליכט, פלעגט אים באהערשן א יראת הכבוד פאר די אין שווארצן געקליידעטע מענער, וואס זענען זיך מכין — יעדער מיט זיין כלי — צו א הייליקער עבודה. דער דיריגענט, איבער זיי אלעמען, כישופט אויס, מיט א ריר פון זיין שטעקעלע, דא — א זיפץ, א קרעכץ, א גע־יאמער און דא — אן אויסגעשריי אדער געלעכטער. אויף זיין וווּנק טוען זיך די פידלען שנעל, שנעל א לאז, גרייט צו לויפן אין עק וועלט, אבער די גראבע וויאלענטשעלן און די נאך גרעבערע קאנטראבאסן, ווי גוטע, אלטע פעטערס, פארצוימען זיי דעם וועג צו די קלארנעטן און טראמפייטן, וואס לויערן שוין אויף זיי. אלע ווערן א רגע חי פארגליווערט... ערגעץ

פון דער ווייט צעזינגט זיך א פאגאט, וואס קאקעטירט און רופט פאר־פירעריש. א הארפע שפילט אים צו... אלע נעמען זיך יאגן אין יענער ריכטונג. עס ווערט א גערויש, א געפילדער, אייגער וויל דעם צווייטן איבעריאגן, שוואכערע פאלן, ווערן צעטראטן און זיי יאמערן פון ווייטיק. עס ברעכט אויס א קריגעריי — אט־אט וועט דערגיין צו א בלוטיקן גע־שלעג... דער דיריגענט גיט אבער א הויב זיין שטעקעלע און אלץ ווערט אפגעשטעלט... לאנגזאם, לאנגזאם הויבט זיך אן א טאנץ. די פויק צוימט די צעהיצטע געמיטער, לאזט זיך נישט צו שנעל באוועגן. ביסלעכווייז אבער נעמט דאס שטעקעלע אלץ שנעלער, שנעלער זיך הוידען אין דער לופטן: דער טאנץ צעווארעמט זיך. די פויק נעמט אונטעריאגן — עס ווערט אלץ ענגער און ענגער אין קאראהאד. די קלאנגען מישן זיך אויס, פלעכטן זיך איבער — שווער שוין נאכצוהאלטן ווער און וואס, ביז... דאס שטעקעלע מאכט לאנגזאם עטלעכע גרויסע קרייזן... אלע נעמען זיך פאר די הענט און זינגען אויס, יעדער מיט זיין קול, א לויב צו עמעצן אן אומזעבארן, וואס לאזט שפילן, זינגען און טאנצן...

דאס לערנען האט א דאנק די קאנצערטן באקומען אן אנדער טעם. די נאטן האבן אופגעהערט צו זיין בלויז שטעקעלעך מיט פינטעלעך, וואס מען צעשטעלט לויט א שטרענגן טרוקענעם חשבון. זיי זענען פארוואנדלט געווארן אין פליטערלעך, וואס שוועבן ארום אין דער לופטן און בייטנדיק זיך מיט די ערטער צוויטשערן זיי עפעס אזוי מחיהדיק זיס... די קאמ־פאזיטארן זענען שוין פאר זעליקן נישט געוועזן מער בלויז פארטרעטן אויף פארגעלטע בלעטער. זיי האבן אויפגעלעבט אויפן פאן פון זייער מוזיק: דער איז א בייזער, שטרענגער, וואס מאנט רק און מאנט מיט יללהדיקע טענות; דער צווייטער איז אן אויסגעבלייכטער אזא מיט אן אויסגעדארט פנים און אן אויסגעצויגענער נאז. ער צעגיסט זיך פון ליבשאפט צום ארום אזוי הארציק־טרויעריק מיט אזא בענקשאפט וואס ציט און ציט אזוי ביים הארצן; דער דריטער האלט נאר אין איין זינגען לויב־געזאנגען צו גאט, וואס האט אזא שיינע וועלט באשאפן און צו מענטשן, וואס פירן די וועלט אויף אזא דרך הישר... די לערער זענען געוועזן צופרידן, אים געלויבט, געראטן אים אוספרווון זיינע אייגענע כוחות פון דעם ביסל וואס ער ווייס שוין...

אבער אזוי גייט שוין זיין לעבן — ווי א זייגער: קוים דערגרייכט דער ווייזער ביז צוועלף, הויבט ער באלד אן אראפנידערן. אזוי איז אויך דאס מאל געשען.

דאס האט טאקע פעלעק מיט זיינע געזאלצענע רייד אנגעזאגט זעליקן

די „פריילעכע בשורה", אז דער „צעדרייטער פראפעסאר איז שוין דא לופטו" און אז — די כאלערע זאל עס נעמען — אויס, און עק מיט די „אדאפטירטע".

„ויקם מלך חדש" — האט זעליק מיט א ציטער אין הארצן א טראכט געטאן.

דער „מלך חדש" האט גאר גיך זיך געלאזט דערשפירן.

דער לערער פון הארמאניע האט זעליקן פארהאלטן נאך דער לעקציע, גערעדט מיט אים פארטרוילעך, אז אזא באגאבטן יונגגמאן האט ער אין זיין פראקטיק שוין לאנג נישט געטראפן, אז עס איז א פארגעניגן אזא איינעס איבערצוגעבן די נויטיקע ידיעות און צו האבן דאס געפיל, אז מען האט אויך א שטיקל חלק אין אויספורמען א באדייטנדיקן טאלאנט, וואס די צוקונפט וועט אן ספק באשטעטיקן, אבער... ליידער רעגירט ביי אונדז זעלטן דער שכל הישר און נאך זעלטענער — דער גוטער ווילן... און זאל אים גאט געבן כוחות נישט אראפצופאלן ביי זיך, נישט אונטערגעבן זיך און נישט אפטרעטן פון אויסגעקליבענעם וועג. ער האט הייס געדריקט זעליקס האנט און שנעל אוועקגעאיילט.

דער באשייד פון דעם לערערס אנצוהערעניש איז גאר גיך אויפגע־קלערט געווארן. מען האט זעליקן ארויסגערופן אין דער קאנצעלאריע, וווּ מען האט מיט אפענער אומפריינדלעכקייט אים געמאכט א בייזן פאר־ווורף, אז ער האט מיט כיטרעקייט, וואס איז אייגנטימלעך פאר אים און זיינס גלייכן, זיך אריינבאקומען אהער אָן דער מינדסטער צוגרייטונג. מען האט אים נישט צווידייטיק געגעבן צו פארשטיין, אז אזעלכע ווי ער זענען דא נישט געוווּנטשן און האבן איבערהויפט נישט קיין רעכט זיך דא צו געפינען... עמעצער האט נאך צוגעווארפן, אז זאל ער נישט מאכן אזא זויערע מינע: דער קלאנג פון גאלד, מיט וועלכע זיינע ברידער אדער פעטערס זענען אנגעשטאפט, וועט אים קלינגען נישט ווייניקער אנגענעם ווי מוזיק...

מיט א זשומעריי אין די אויערן און מיט א ביטערניש אין מויל האט זעליק שעהנלאנג ארומגעבלאנקט איבער די גאסן. ווען ער האט אינאווונט זיך דערשלעפט צום סטודענטן־היים, האט ער אין צימער געטראפן יענעביידע שטארק בגילופין. פעלעק האט אים אנגענומען פאר דער האנט און מיט וואקלענדיקע טריט אים צוגעפירט צו זעליקס בעטל וואס איז גע־שטאנען הויל ווי א סקעלעט. דאס בעטגעוואנט איז געווען צוגענומען. פעלעק און גאַגאַ האבן אויסגעשאסן מיט א הילכיקן געלעכטער. דערנאך, ווי וועלנדיק אים פארגיטיקן, האבן זיי געשטופט צו זיין מויל א גלאז

בראנפן, צווינגענדיק אים מיט ווילדע קולות, ער זאל אויסטרינקען פארן געזונט פון אלע משוגענע פראפעסארן, וואס דער טייוול נעמט זיי צו צו דער צייט...

זעליק האט זיך מיט די לעצטע כוחות ארויסגעריסן פון זייערע הענט, א כאפ געטאן זיין רענצל און אונטערן אקאמפאנימענט פון זייער קאצנ־יאמער, מיט ציטערנדיקע קניען, האט ער אראפגענידערט פון די טרעפ.

5.

די זון האט ווי מיט א כיוון זיך געררייצט מיט דער אנטלויפנדיקער מאסע מענטשן, געבאקט אן רחמנות. די אויף שנעל פארכאפטע קלומקעס האבן געדריקט אויף די מידע אקסלען. קליינע קינדער אויף מאמעס הענט אדער אויף טאטעס פלייצעס, גרעסערע — נאכשלעפנדיק זיך אויף די אייגענע פארליימטע פיסלעך — האבן געיאמערט פון מידקייט, דורשט און שרעק. אלץ נעענטער האט אפגעהילכט די קאנאנאדע. דייטשישע פליער זענען דא און דארט אריבערגעפלויגן דעם וועג, זיך אראפגענידערט און באשאסן די אנטלויפנדיקע, צווינגנדיק זיי זיך ווארפן אין בייוועגיקן ראוו אדער זיך אויסבאהאלטן אין די דערנעבנדיקע קוסטעס.

דער וועג איז אלץ מער באלעבט געווארן. פון זייטיקע שמעלערע וועגן האבן זיך ווי בייטייכלעך אין גרויסן טייך אריינגעגאסן אויפן ברייטן שליאך אלץ מער אנטלויפנדיקע און צוזאמען מיט די צעשפליטערטע טיילן פון דער אפטרעטנדיקער ארמיי זיך מיט די לעצטע כוחות געריסן פארויס, פארויס צום מזרחדיקן האריזאנט. א זייל שטויב האט זיך גע־צויגן צום הימל פון די פוסגייער, פערדלעך און אויטאס. דער שטויב האט זיך געקלעפט צום פארשוויצטן פנים, געטריקנט אין האלדז, פאר־לייגט אלע אטעם־קאנאלן. און דערצו האט די זון געברענט ווי א קאלך־אויוון.

זעליק האט זיך מיטגעשלעפט מיטן המון. פארטיפט אין זיך האט ער נישט געשפירט נישט קיין מידקייט, נישט דעם בייסיקן שטויב און נישט די ברענענדיקע זון. צו זיין געהער האט נישט דערגרייכט די אלץ זיך דער־נעענטערנדיקע הארמאטן־שאסן, צו זיין בליק — די אויסגעמאטערטע פא־רויס שטרעבנדיקע מענטשן־מאסע. זיינע פיס האבן געשפאנט אומאפהענ־גיק פון זיין ווילן. זיין גאנץ וועזן איז געווען דורכגעדרונגען מיט איין איינציקן מאטערנדיקן געדאנק: וויפל מאל הויבט אן א מענטש זיין לעבן פונדאסניי?

ער באַגרייפט נישט די גרויליקעווירקלעכקייט. ער באַנעמט נישט די געפאַר וואָס לויערט אויף אים בײַנאַנד מיט די אַנדערע מענטשן. ער פילט נאָר אַ נאָגנדיקן פאַרדרוס פאַרן פאַרלוירענעם גליק פון די לעצטע טעג... ער קלאַמערט זיך אין די דערינערונגען, שטעלט אויף אין זכּרון זײַן ביזאַיצטיק לעבן: אַ קייט פון גרויע, זינלאָזע, ענלעכע איינער אויפן צווייטן טעג, אָן אַ מינדסטער שפּאַרונקעלע פאַר אַ פּיצל פרייד, פאַר אויפרודערונג, פאַר האָפענונג אָדער אַנטוישונג. און פּלוצלונג אַזוי אומגעריכט — אַזאַ שפע פון גליק, אַזאַ קוואַל פון איבערלעבונגען...

די גרויסע שטאָט, וווּ זעליק האָט זיך דערשפּירט ווי אַן אַרויסגעשפּיגענער נאָכן באַזייטיקן אים פון דער מוזיק־שול, האָט בהדרגהדיק, טאָג נאָך טאָג, אָפּגעטויט אין אים דעם גלויבן אין זיך, אין זײַנע פעיִקייטן און מעגלעכקייטן. זײַן חדשים לאַנגער געיעג נאָך אַ וועלכן נישט איז פאַרדינסט, האָט זיך אויסגעלאָזן מיט גאָרנישט. גאַנצע טעג האָט ער זיך געשלעפּט איבער די גאַסן. דער גלאַנצנדיקער אַספאַלט מיט די בלאַנקנדיקע אויטאָס, די פאַרפּוצטע שויפענצטער האָבן אים ווי געיאָגט פון זיך, טויזנטער פאַרבײַגייער מיט גלײַכגילטיקע פּנימער האָבן אים געשראָקן. אים האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ שרײַט צו אים: טראָג זיך אָפּ! ביסט אַן איבעריקער, אַן אומנוצלעכער... זעליק פלעגט זיך אויסבאַהאַלטן אין די שטאָטישע פּאַרקן. שעהנלאַנג זיצן אויף אַ באַנק, זיך וואַרעמען אויף דער זון, שטיקן אין זיך דעם נאָגנדיקן הונגער. די אויפרוימער האָבן אים שוין געקענט. מיט חוזק־שמייכלען פלעגן זיי אים באַגריסן און אַן צערעמאָניעס געטריבן פון איין אָרט אויפן צווייטן. ער האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט דערצו. דאָס געפיל פון ווירדע האָט זיך בײַ אים אָפּגעטעמפּט. ער האָט זיך זעלטן געגאָלט, די שיך האָבן זיך אויסגעקרימט, די בגדים אָפּגעטראָגן. מיט זײַן אויסזען האָט ער נאָך מער אָפּגעשטויסן פון זיך די פאַרבײַגייער.

איינמאָל, בלאָנקענדיק איבער די גאַסן, האָט אים צוגערופן אַן עלעגאַנט געקליידעטער הער, וואָס האָט זיך אויף אַ טעראַסע געלאַנגווײַליקט בײַ זײַן קאַווע. ער האָט זעליקן פאַרגעלייגט זיך צוזעצן צום טיש, אים מכבד געווען און — ווײַזט אויס אַ ליבהאָבער פון קוריאָזן — פאַרפירט מיט אים אַ שמועס. לכתחילה האָט זעליק מיט אומצוטרוי באַטראַכט דעם אומבאַקאַנטן און עקשנותדיק געשוויגן, אָבער נאָך יענעמס צושטיין האָט אים זעליק דערציילט פון זײַן לאַגע. דער הער, אַן אַנטוישטער, האָט אַרויסגענומען אַ מטבע, אוועקגעלייגט זי פאַר זעליקן און געגעבן דערמיט צו פאַרשטיין, ער זאָל זיך אָפּטראָגן... זעליק האָט אינסטינקטיוו גענומען די מטבע, געמאַכט אַ פּאָר טריט און — פּלוצלונג האָט אַ שווייס

אים באגאסן, די פיס האבן זיך אונטער אים געבראכן, די מטבע האט אים געברענט די האנט. ער האט זי א שליידער געטאן און זיך געלאזט לויפן. דער הער — א פארוואונדערטער — האט אים נאכגעשריגן און גערופן זיך אומקערן צום טישל. ער האט ארויסגעריסן א בלעטל פון זיין נאטיץ־ביכל, עפעס אויפגעשריבן און, געבנדיק עס זעליקן, געזאגט:

— דא האט איר אן אדרעס מיט א רעקאמענדאציע. דארט וועט איר זיכער קריגן ארבעט.

צו דער ארבעט — איבערשרייבן אדרעסן אויף קעסטלעך און פעקלעך אין אן עקספעדיציע־קאנטאר — האט זיך זעליק די ערשטע צייט צוגעכאפט, ווי א דורשטיקער צו א קוואל וואסער. אין א פייכטן ווינקל אונטער די טרעפ האט ער גאנצע טעג מיט א פענדזל געכתיבעט די אותיות. די אר־בעט האט געיאגט — פעקלעך זענען תמיד געווען פיל, האט ער פון פרי ביז נאכט נישט אויסגעגלייכט דעם רוקן. ביינאכט פלעגט ער זיך אן אויסגעשעפטער ארייננשליידערן אין זיין בעטל אינם ענגן חדרל, וואס ער האט פארנומען ביי אן ארעמער פרוי אין א הינטערגעסל. דורכן שמאלן פענצטערל האט אריינגעקוקט א ברודיקער הויף און א שפעלטעלע הימל, אן א בלעטעלע גרינס. אזוי האבן זיך געצויגן וואכן, חדשים: בייטאג מיטן געבויגענעם רוקן אין פייכטן ווינקל, ביינאכט — אין ענגן דושנעם צימערל. תמיד איינזאם, אן א נאענטן מענטשן און אן אן אויסזיכט אויף א מעג־לעכער ענדערונג. דער קליינער געהאלט האט קוים געסטייעט צו באצאלן דער באלעבאסטע פאר זיין אויסהאלטונג, איז זעליק — שעמענדיק זיך צו באווייזן פאר מענטשן מיט זיין אויסזען — אפילו אין די פרייע טעג אינ־ערגעץ נישט געגאנגען, זיך געוואלגערט אויפן שמוציקן געלעגער. ביס־לעכווייז האט אים באהערשט אן אפּהענטיקייט, א גלייכגילטיקייט צו דעם ארום. א טעמפּקייט האט זיך ווי א שווערער שטיין געלייגט אויף זיין גע־דאנק, אויף זיינע געפילן...

אין יענעם פרילינגס-טאג האט מען אים צוליבן ערב יום טוב פריער באפרייט פון דער ארבעט. אהיים גיין איז געווען צו פרי. די באלעבאסטע האט אים געהייסן קומען וואס שפעטער. זי דארף אויפרוימען אויף יום־טוב. האט ער זיך געלאזט גיין אן א ציל גאס איין, גאס אויס, ביז ער האט זיך פארשלעפט צום טייך. ער איז געגאנגען דורך אן אלעיע פון פריש באגרינטע ביימער. דורך זייערע קרוינען האבן זיך דורכגעריסן זונען-שטראלן און ווייטיקדיק געשטאכן זיינע אויגן, צוגעוווינטע צו טונקלעניש. די דופט פון צעפרעלטע קנאספן האט אים באַרוישט, דאס שטיפנדיקע ווינטל האט אים צערודערט. זיין עלנט האט מיט דער גאנצער נאקעטקייט

זיך פאר אים אנטבלויזט. אים איז באפאלן א ווידערווילן צו זיך, צו זיין הילפסלאזיקייט, ער האט זיך געלאזט גיין גיך, גיך, ווי וועלנדיק פון עפעס אנטלויפן... ער איז ארויף אויף דער בריק. א פולער טייך האט שטאלץ געטראגן זיינע ברייטע וואסערן צו א ווייטן ציל... צו א ציל? וואוהין? אלצאיינס וואוהין, אבי פאראויס, פאראויס... זעליק האט זיך מיט ביידע הענט איינגעקלאמערט אין פארענטש און מיט די אויגן זיך איינ־געגעסן אין דעם שטראמיקן טייך... אן עקבערדיקער געדאנק האט אים געטאטשעט אין הארצן: זיך פארייניקן מיטן וואסער און ביינאנד מיט אים זיך טראגן צו אומבאקאנטע ווייטן...

זעליק געדענקט נישט, ווי לאנג ער איז אזוי געשטאנען. ער האט נישט באמערקט ווי מען האט זיך צו אים דערנענטערט. ער האט פלוצלונג דערהערט:

— דיר איז נישט גוט?

דער קלאנג פון באקאנטן מעלאדישן פרויען־קול איז ווי אן עלעקט־רישער שטראם דורכגעפלאסן איבער זיינע גלידער און אים צוריק צום לעבן געבראכט. ער האט זיך ראש אויסגעדרייט:

— דינה?!

צוויי ברוינע אויגן האבן ווי זונען־שטראלן אים פארבלענדעט מיט זייער ווארעמקייט. ער האט דערשפירט די צארטקייט פון איר האנט אויף זיין ארעם. ער האט זיך געהארכזאם געלאזט פירן. זיי זענען אראפ פון דער בריק און זיך צוגעזעצט אויף א באנק אין דער אלעיע.

— וואס איז דיר? פילסט זיך שלעכט? — האט איר מעלאדישער קול געפרעגט און אירע צוויי ברוינע אויגן האבן מיט ווארעמקייט גע־ווארט אויף זיין ענטפער.

שפאנענדיק אצינד מיטן טראקט, אין געווירבל פון ארומיקער פיין און פארצווייפלונג, טויכן אויף אין זיין זכרון יענע גליקלעכע טעג און וואכן נאך דער אויסטערלישער באגעגעניש מיט דינהן. מיט גרויס אויפ־מערקזאמקייט האט זי דאן אויסגעהערט זיין דערציילונג, מיט פשוטע ווערטער האט זי ביסלעכווייז, אויף זייער יעדער טרעפונג, צונישט געמאכט זיין יאוש, אריינגעגאסן אין אים לעבנסווילן, ענערגיע, גלויבן אין מארגן. א גאנצן טאג ביי דער ארבעט פלעגט ער ציילן די מינוטן, וואס טיילן אים אפ פון אָוונט, ווען ער וועט זיך מיט איר ווידער טרעפן. אין די אוונטן ווען זי האט געהאט נאכט־דיזשור פלעגט ער נאך דער ארבעט לויפן צום שפיטאל, וווּ זי האט געארבעט, ארומשפאצירן אזוי לאנג, ביז זי פלעגט אים דורכן פענצטער באמערקן און ארויסלויפן צו אים אויף

א פאר רגעס. שפעטער אויפן געלעגער פלעגט ער לאנג נישט איינשלאפן, טראכטן וועגן איר, איינזאפן אין זיך דעם ווארעמען בליק פון אירע אויגן אויפן מאטן פנים. לאנג פלעגט אין זיינע אויערן זיס אפהילכן איר סאמע־טענער קול, ביז עס איז אנגעקומען יענע הייסע זומער־נאכט... ווען איז עס געווען? נעכטן? אייערנעכטן? ער האט שוין פארלוירן דעם חשבון פון דער צייט — זיי האבן ביידע שפאצירט אין פארק, זיך געהאלטן ביי די הענט און לאנג געשוויגן. ביידע האבן געטראכט דאס זעלבע. ביידן האט באהערשט איין באגער: זיין צוזאמען, שטענדיק צוזאמען...

ביים טויער האט זי אים, דריקנדיק זיין האנט, מיט איר געוויינלעכער איינפאכקייט געזאגט:

— מיר שיידן זיך היינט צום לעצטן מאל. מארגן ציסטו זיך אריבער צו מיר — זי האט אים אויף שנעל א קוש געטאן און צוגעגעבן:

— ביז מארגן...

דער מארגן איז געקומען מיט רעש און געפילדער. א געבראזגערײ פון צעבראכענע שויבן האט אים פון שלאף אויפגעוועקט. פון דרויסן האבן זיך געטראגן א געבריל פון פליענדיקע עראפלאנען, א געשיסערײ, אויפ־רייסן פון פאלנדיקע באמבעס. ער איז אראפגעלאפן אויף דער גאס: מענטשן האבן זיך אין פאניק געלאזט לויפן. אינדערלופטן האט זיך גע־טראגן דאס בהלהדיקע ווארט:

— מלחמה!...

זעליק האט זיך דערשלעפט ביז א שייער און א מידער אוועקגעפאלן הינטער א וואנט. א מאטערנדיקער געדאנק האט פון אים פארטריבן דעם שלאף. ער איז פחדנותדיק אנטלאפן. און דינה? וואס איז מיט איר? צי איז איר געלונגען זיך ארויסרייסן פון דער ברענענדיקער שטאט? און אפשר לעבט זי שוין נישט?...

ער מוז זיך אומקערן, אומקערן זיך צוריק, זוכן זי און געפינען... ער וועט זיך נאר אביסל אפרוען, צוווארטן, ביז עס וועט ליכטיק ווערן... דער באשלוס האט אים אביסל באגרויקט און ער איז איינגעשלאפן...

א מוראדיקער גערויש האט זעליקן פון שלאף אויפגעריסן. ער האט לאנג נישט געקאנט באגרייפן די סיבה פון דעם אומאויפהערלעכן דונער. ער האט מיט די פויסטן אויפגעריסן די אויגן און אנגעשטרענגט געקוקט פאר זיך. צווישן צוויי ביימער האט ארויסגעקוקט א שטיקל וועג. אויף אים האבן ווי פאנטאסטישע חיות געפויזעט דייטשישע טאנקען, שרעקנ־דיק דעם ארום מיט זייער אומהיימלעכן געהויל.

דריטער טייל

1.

בייטאג איז נאכט און ביינאכט איז טאג... א גאנצן טאג ליגט זעליק אין דער פינצטערער גרוב פארשטעקט צווישן פעסלעך מיט סמאלע און ערשט ביינאכט שלעפט מען אים ארויס פון דארט אויף דער פרישער לופט. די נעכט הויזט ער איבער אין ביידל פון צוויגן הינטער יוזעפס הייזל, אנשפּיצנדיק די אויערן אויפן מינדסטן גערויש וואס קאן זיך אויס־ווייזן פארדעכטיק.

זעליק האט פארלוירן דעם חשבון פון דער צייט. וויפל זענען זיי שוין פארביי די טעג, וואכן און חדשים, זינט ער איז אין יענעם בהלה־דיקן טאג אנטלאפן פון דער שטאט? אין וויפל וועלדער האט ער דורכגע־שפרייזט, אויסמיידנדיק די וועגן? אין וויפל פויערישע באטעס האט ער אנגעקלאפט אין די טירן? וויפל מאל האט מען אים צוגעטיילט א שטיקל ברויט און אויסבאהאלטן אין א שייער און וויפל מאל האט מען אויף אים אנגערייצט די הינט?

ליגנדיק א גאנצן טאג צעגויפגעדרייט צווישן די פעסלעך, לייגט זעליק פאנאנדער אין זכרון די מענטשן, וואס ער האט באגעגנט אויף זיין וואנדער־וועג, אזוי ווי ער פלעגט פאנאנדערלייגן אין קעלער־שטיבל די קופּקעלעך מינץ, אנגעזאמלטע אין די הויפן שפילנדיק אויף זיין פידל. ווי פארשידנארטיק זענען די מענטשן און זייערע מעשים און ווי אנדערש יעדער פון זיי האט קעגן אים געהאנדלט.

...יענע פויערטע פון חרובן הייזל אין עק דארף האט ביינאכט אויפ־געפראלט פאר אים די טיר, זיך געווארפן אים אויפן האלדז און זיך צע־העשעט: „וואצעק!" זי האט געטוליעט אירע קנאכיקע באקן צו זיין עטלעכע וואכיקער בארד און באוואשן זיין פנים מיט אירע טרערן. און ווען ביים שיין פון נאכט־לעמפל האט זיך אויפגעקלערט איר פאטאלער טעות האט זיך איר אנטוישונג נישט פארוואנדלט אין א בייזקייט צו זעליקן. זי האט אים אריינגענומען אין שטוב, אים דערוואַרעמט, אנגעקארמעט און

מיט מאמישער זארג אים פארגעלייגט איבערצווינטערן ביי איר. זעליק איז פאר איר געווארן דער לעבעדיקער זכר פון איר זון, וועלכער איז אוועק אויף דער מלחמה. וואס מען האט אזוי שנעל פארשפילט, און זיך מער אהיים נישט אומגעקערט.

די מוטערלעכע טריישאפט פון דער ארעמער פויערטע האט נאך מער צערודערט זעליקס נשמה. זיין אייגענע מאמע, זיינע עלטערן, וועלכע זענען אים שוין ווי אויסגעמעקט געווארן פון זיין זכרון, האבן פלוצלונג איבערפילט זיין הארץ. אים האט באהערשט א נאגנדיקע בענקשאפט, וואס איז זיך צעוואקסן אין א מוראדיקן פארלאנג צו זען די עלטערן. וואס איז מיט זיי געשען אין די דאזיקע גורלדיקע טעג? ער האט זיך פלוצלונג דערפילט שולדיק וואס ער איז נישט מיט זיי צוזאמען אין אזא שווערער צייט.

זעליקס באשלוס זיך אוועקצולאזן אין די היימישע ערטער איז אפ־געשלעפט געווארן ביז יענעם טאג, ווען די פויערטע איז געקומען פון שטעטלשן מארק אן אומגעביטענע. מיט א ווילדער שרעק אין די אויגן האט זי בגנבה געווארפן פחדימדיקע בליקן אויף זעליקן, שווער געזיפצט און אלץ געמורמלט: „א, יעזוס ליבער!" ביינאכט האט זעליק באמערקט, ווי זי שלייכט אראפ פון איר געלעגער, קניט אראפ פארן הייליקן בילד און שעפטשעט לאנג א תפילה, באגיסנדיק זיך מיט טרערן... זעליק האט פארשטאנען, אז אין איר ווען גייט אן א געראנגל צווישן גוטסקייט און פחד, צווישן דעם פארלאנג צו בלייבן טריי איר איינגעבוירענע פריינד־לעכקייט און דער ווילדער שרעק פאר דער דראענדיקער געפאר. ביינאכט האט ער זיך ארויסגעשלייכט פון איר הייזל און זיך ווידער געלאזט וואנ־דערן אין אומבאוווסטן...

...א נאכטיגאל האט זעליקן געררייצט מיט זיין טרעלן, גלייך ער זאל אים וועלן פארנארן, האט ער אים געצויגן צו זיך. זעליק איז גע־הארכזאם נאכגעגאנגען די קלאנגען, זיך שארנדיק צווישן געדיכטע קוס־טעס, נישט פילנדיק דעם ווייטאק פון די צעשטאכענע הענט און דעם צעראצטן פנים. ער האט זיך דערשלעפט ביז א פריי פעלד אינמיטן וואלד און פלוצלונג האט עפעס העלס א בלאנק געטאן פאר זיינע אויגן. א זאמדיקער אנשיט האט געטאנצט פאר זעליקס בליק. געטאנצט... זעליק האט געזען בחוש, ווי דאס בערגל הוידעט זיך דא און דארט. ער איז צוגעפאלן צו דער ערד און באמערקט ריטשקעלעך פארגליווערטע בלוט ביי די ראנדן פונעם אנשיט...

— א קבר.. — ער האט דערשפירט א שטיקעניש אין האלדז און דאס הארץ האט געגומען ביי אים מוראדיק קלאפן... — א קבר...

אים זענען געקומען אויפן זינען אפגעריסענע פראזן, וואס יענע פוי־ערטע האט געמורמלט אין ווילדן אנגסט, ווען זי איז ס'לעצטע מאל אהיים געקומען פון שטעטל.

אין זעליקס מוח האט זיך געגומען פיקן א שוידערלעכער געדאנק. ער האט אים געוואלט פון זיך פארטרייבן, האט אבער נישט געקאנט:

— א קבר... איין קבר — א גאנצער בית־עולם...,

דער נאכטיגאל האט זיך הילכיקער צעטרילט, געעקבערט מיט זיין חוצפהדיקן געזאנג אין זעליקס צעהיצטן מוח. זעליק האט אויפגעהויבן א שטיין, געוואלט אים שליידערן אין נאכטיגאל. ער האט אבער פלוצלונג דערהערט א שטימע הינטער זיך:

— וואס ווילסטו פון פויגל?

א מאן, אין הויכע שטיוול מיט א יעגער־ביקס אויף די פלייצעס איז געשטאנען מיט ברייט צעשטעלטע פיס און דורכדרינגלעך באטראכט זעליקן.

— וואס ווילסטו פון פויגל?

זעליק, געוווינט אין זיינע וואגלענישן צו פארזיכטיקייט און חשד צו יעדן באגעגנטן, האט זיך דאסמאל, אין אפהענטיקער גלייכגילטיקייט, געלאזט פירן פון דעם וואלד־שומר. זיי זענען לאנג געגאנגען אין שטיל־שווייגן דורך דער וואלד געדיכטעניש, ביז יענער האט זיך ווידער צערעדט:

— וואס האסטו געוואלט פון דעם פויגל? ער זאל נישט זינגען? ער זינגט נישט דעם ניגון, הא? ער זינגט פריילעך, הא? וואלסט געוואלט, ער זאל, ווי דו, טרויערן? וויינען? באוויינען די אלע דארט אין יענער גרוב? ער איז דאך נישט מער ווי א פויגל! א נארישער פויגל! נישט געלערנט! ער קען נישט, ווי די קלוגע מענטשן, צענויפשלעפן גאנצע מתנות זייערע ברידער, זיי הייסן פאר זיך אליין גראבן א גרוב, דערנאך זיך אויסטאן נאקעט, גיין איבער א ברעט און... פיף־פאף! באץ אין גרוב אריין.. א פויגל — א שוטה, וואס פארשטייט ער?...

צו זעליקן האבן שוין נישט דערגרייכט יענעמס רייד. די טרוקענע צווייגלעך האבן געקרעכצט אונטער זייערע פיס און זעליקן האט זיך אויס־געוויזן, אז ער הערט א געשריי פון יענער גרוב. אים האט זיך פארגלוסט זיך לאזן לויפן, אנטלויפן פון דעם ארט, פון די גרויליקע קרעכצן, פון דעם טאנצנדיקן קבר, פון די ריטשקעלעך פארגליווערטן בלוט. ער האט געפרווט פארשנעלערן דעם טראט, אבער ער האט דערשפירט א ווייטיק

אין ארעם. דער וואלד־שומר האט אים פעסט געהאלטן און אלץ ארײנ־גערעדט אין אים:

— דער מענטש, פריידיקט מען, איז באשאפן אין גאטס געשטאלט... נעם זשע דו גאטס-געשטאלט, דיין רידל און... דעם שוואב איבערן קאפ... נעם אים מיט זיך אויף יענער וועלט... איז ניין... אליין גראבט מען זיך א גרוב, מען טוט זיך אויס נאקעט... אלע — מענער, באבעס... איין ברעט פאר אלעמען — זאל כאטש איינער נישט פאלגן.., גאטס געשטאלטן!...

זיי האבן א לענגערע צייט געשפרייזט אין שטילשווייגן, ביז יענער האט זיך ווידער צערעדט:

— געפאלן אין גרוב אריין נישט אלע טויטע... אזא שיסער איז ער נאך נישט, דער פארעיפושטעטער שוואב... מען האט פארשאטן און דער קבר הוידעט זיך.

ער האט אויסגעשפיגן א בייזע קללה. פלוצלונג איז ער געבליבן שטיין, א כאפ געטאן זעליקן ביי די ארעמס, אים טיף אריינגעקוקט אין די אויגן:

— און דו — ווער ביסטו אייגנטלעך? נישט אמאל פון דארט: די גרוב איז א גאנצע נאכט געשטאנען אפן, ביז מען האט אויף צומארגנס געבראכט אנדערע „גאטס געשטאלטן" און געהייסן פארשיטן... ביסטו נישט אמאל פון דארט ארויסגעקראכן, הא? פון דארט?

ער האט ביז ווייטיק געדריקט זעליקס ארעמס, דערנאך מיט כעס אים א שליידער געטאן פון זיך און א זידל געטאן:

— עך, דו פויגל־טרייבער!...

אויף דער שוועל פון וואלד־הייזל האט זיי באגעגנט א בלאנדע, פולכבע באשעפעניש. פון אונטערן ווייסן שטערן און קאלירלאזע ברעמען האבן אפירגעקוקט צוויי גרינע שמאלע פאסעקלעך — אויגן, ווי ביי א קעצל. צווישן די פאררויטלטע בעקלעך האט א פאררריסן נעזל מיט חידוש באטראכט דעם אומבאקאנטן. געקרייצט די הענט אונטער דער פולער ברוסט איז זי געשטאנען פארלוירן מיט א האלב צעעפנט מויל, איבער־טרעטנדיק פון אומדערוואַרטקייט פון איין פוס אויפן צווייטן.

— וואס גלאצסטו, מאגדא? — האט דער וואלד-שומר זיך א בייזער געטאן מיט א נאטקע פון ליבשאפט — גרייט צו דאס עסן... זעסט נישט — מיר האבן א גאסט? — און שוין פאר זיך אליין האט ער צו־געגעבן — א גאסט פון יענער וועלט...

מאגדא האט אוועקגעשטעלט אויפן טיש א קריגל היימיש-געטריבענעם

בראנפן. דער וואלד-שומר האט כסדר דערגאסן זיין גלעזל, נישט לייגנדיק קיין אכט, צי זעליק טרינקט יא, צי נישט. זיין צונג האט זיך אלץ מער צעבונדן:

— יאגד אויף חיות איז נישט אלעמאל דערלויבט. פאראַן חדשים, ווען דאס געזעץ פארבאט צו דערשיסן כאטש איין חיהלע, כאטש איין פויגל... אבער מענטשן זענען נישט קיין חיות — זיי מעג מען מארדן אלעמאל...

ער האט אויסגעטרונקען און אנגעפילט זיין גלעזל.

— אויבערמענטשן... איך האב זיי געזען... כ׳האב געזען, ווי צוויי אזעלכע „אויבערמענטשן" האבן זיך שיעור איינער דעם צווייטן די אויגן נישט ארויסגעדראפעט צוליב א פארוואנצטע שמאטע, וואס יעדער פון זיי האט געוואלט שיקן א היים א מתנה זיין אויבערמענטשיכע, ווי א צייכן פון זיין העלדישקייט .. ער קאנאליעס!

ער האט אנגעהאנגען זיין פארגאסענעם בליק אויף זעליקן:

— און דו, וואס גלאצסטו און שווייגסט?... שריי, דו הינטישער זון!... איינער דארט פון אייערע, מיט א לאנגער ווייסער בארד, האט זיך אייגעהילט אין זיין טלית, א הויב געטאן די הענט און עפעס געשריען צו גאָט... געמיינט, ער וועט פליען גלייך אין הימל אריין, איז אבער, ווי אלע, געפאלן אין גרוב אריין...

ער האט א כאפ געטאן זעליקן פאר דער ברוסט און ווילד געציטערט:

— ער האט אבער געשריען... געשריען... און דו, אויסוווּרף איינער, שווייגסט, הא? שווייגסט?

ער האט מיט רציחה אפגעווארפן זעליקן פון זיך און אליין געפאלן מיטן קאפ אויפן טיש.

מאגדא האט געמאכט די געלעגערס, אוועקגעשלעפט דעם מאן פון טיש און אים איינגעלייגט. זי האט א ווונק געטאן צו זעליקן, ער זאל זיך לייגן אין צווייטן ווינקל פון שטוב. זי האט אראפגעדרייט דאס לעמפל, אראפגעצויגן פון זיך איר קלייד, אנטפלעקנדיק איר ווייסן פול-געפאקטן לייב. זי האט אווארף געטאן מיט אירע קעצישע אייגלעך אהין-אהער און א שווום געטאן צו זעליקן אונטער דער קאלדרע.

זעליק, באַרוישט פון דעם ביסל בראנפן אויפן אויסגעהונגערטן מאגן, איז געלעגן ווי אין הינערפלעט. פאר זיינע אויגן זענען געשפרונגען פייער-רינגען און צווישן זיי האבן אויפגעטויכט באקאנטע געשטאלטן... דער טאטע שטייט ביי אן אפגרונט אויף א הויכן פעלז, איינגעהילט אין זיין טלית, די הענט געשטרעקט צום הימל. ער באמערקט נישט דעם אפ-גרונט, ער אנט נישט די געפאר... די מאמע בעט זיך ביי זעליקן מיטן

בליק פון אירע רויטלעך־פארוויינטע אויגן, ער זאל דעם טאטן ווארנען, באשיצן... דער טאטע שרייט..., דער טאטע שרייט?,,, זיין טאטע, דער אייביק שווייגנדיקער גבריאל, קען דען שרייען?... „שמע ישראל!" — גיט א שאל און דער עכאָ צעקוילערט זיך איבער די היג־לען... דער טאטע צעשפרייט די הענט מיטן טלית ווי מיט ווייסע פליגלען און לאזט זיך פליען אין דער ווייט... זעליקן באפאלט אן אנגסט... ער וויל זיך לאזן לויפן, אפהאלטן דעם טאטן פון סכנותדיקן פלי, אבער ער איז ווי צוגענאגלט צום ארט... ער וויל שרייען, אבער ער קאן קיין קלאנג פון זיך נישט ארויסברענגען... ער דערהערט פלוצ־לונג דינהס מעלאדישע שטים. זי טרייסט אים, בארויקט אים, נעמט אים איין ווי א קינד. אירע ווייכע ארעמס קלאמערן זיך ארום זיין האלדז... זי טוליעט זיין קאפ צו איר ברוסט. א זיסקייט טראגט זיך פון איר לייב... ער גיט זיך איבער אירע צערטלעכקייטן און פארזינקט אלץ טיפער און טיפער אין הינערפלעט...

עס איז נאך געווען שטאק פינצטער, ווען זעליק האט זיך שטיל ארויסגעשארט פונם וואלד־שטיבל און שנעל־שנעל אוועקגעאיילט דורכן וואלד.

...אהין אין די קוסטעס, צופוסנס פון די עטלעכע דעמבעס נישט ווייט פון שליאך האט זעליקן געבראכט דער פחד... ניין, נישט זיין אייגענע שרעק, ער איז שוין לאנג געווארן גלייכגילטיק צום ארום, צו זיין אייגע־נעם לעבן. מענטשן האבן אים פון אומעטום געיאגט נישט צוליב זייער בייזקייט, נישט דערפאר וואס ער האט ביי זיי נישט נושא חן געווען און אפילו נישט דערפאר, וואס ער האט ביי קיינעם נישט דערוועקט קיין טראפן מיטגעפיל, ניין! ער האט גוט באמערקט, אז נישט אלעמאל זענען די מענטשן באלעבאטים איבער זייערע האנדלונגען, נאר זיי טוען אלץ אונטער דער ווירקונג פון דער שוידערלעכער מורא פאר דער געפאר, וואס לויערט אין אלע ווינקעלעך און ער, זעליק, ווי א פארפעסטעטער, טראגט מיט זיך די געפערלעכע סכנה. ער האט עס בולט ארויסגעלייענט פון זייערע אויגן און ער האט פארשטאנען, פארוואס מען פארהאקט פאר אים טיר און טויער, פארוואס דער האט אנגערייצט אויף אים די הינט און יענער האט אים געדראט אפצופירן „ווו מען דארף"...

אויסגעשעפט פון מידקייט און הונגער איז ער אוועקגעפאלן צווישן די קוסטעס. ער האט נישט אויסגעוויילט דאס ארט צוליב זיכערקייט. ער האט שוין בכלל מער נישט געזוכט פאר זיך קיין באהעלטעניש. געבראכט אהין האט אים די געוווינהייט אויסצומיידן מענטשן און וועגן, ווו מען

קאן זיי באגעגענען. וואלט ער געזוכט א באהעלטעניש, וואלט ער באַמערקט אז די קוסטעס געפינען זיך הארט ביים וועג — בלויז דעם ראוו איבערצושפרינגען, — און אז צווישן די צווייגלעך לייכט זיך א שטיק טראקט... ער איז אוועקגעפאלן, ווייל די כוחות האבן אים פארלאזט, ווייל ער האט פארלוירן דעם מינדסטן חשק זיך צו דראפען אין לעבן. ער האט נישט געהאט געגוג מוט אליין צו פארענדיקן מיט זיך: זיך אויפֿהענגען, דערטרינקען, זיך איבערגעבן די מערדער אין די הענט. צו אויסגעשעפּט איז געווען זיין גוף און צו אויסגעהוילט זיין נשמה... ער איז אוועקגעפאלן...

ער ווייס נישט, ווי לאנג ער איז אזוי געלעגן אין אנמעכטיקייט. זיינע אפגעטעמפטע חושים האבן שוין נישט אפגעשפירט די צייט, דעם חילוק צווישן טאג און נאכט, היץ און קעלט. ער איז נישט געשלאפן און איז נישט געווען וואך. טויב און בלינד צום ארום האט ער נישט באמערקט, ווי דערנעבן אויפן וועג באוועגן זיך פון צייט צו צייט מענטשן, פורן, אויטאס. ער האט נישט באגריפן דעם גרויל פון דער מענטשן־מענגע — מענער, פרויען, זקנים און קינדער — געטריבענע מיטן וועג דורך באַוואפנטע דייטשן ווי שאף צו דער שחיטה... ער איז געלעגן ווי הינטער א פארהאנג, אפגעטיילט פון דער ווירקלעכקייט...

און מיטאמאל האט ער זיך דערשפירט שווימענדיק אין א ים פון קלאנגען. קלאנגען, וואס קומען פון ערגעץ נישט. דאס איז נישט דער גערויש פון ווינט אין די צווייגן, נישט דאס טשוויטשערן פון פייגל און נישט דער אפהילך פון דער באוועגונג אויפן שליאך. עפעס האט אין אים גופא געשפילט, געזונגען און אנגעגאסן זיינע מידע גלידער מיט א נאגנדיקער זיסקייט. ער האט דערפילט א מחיהדיקע לייכטקייט, גלייך עמעץ זאל אים אויסטאן פון זיך אליין און מאכן שוועבן אין א כישופדיקן רוים...

פלוצלונג האט זיך אין דעם צויבער־געזאנג אריינגעריסן א שארפער גרילץ — דאס פישטשען פון א לעבעדיק באשעפעניש. זעליק האט זיך נאך געקלאמערט אין זיין אויסגעטרוימטער וועלט, זיך באמיט אפצוטרייבן דעם אנזאג פון דער אומהיימלעכער ווירקלעכקייט, אבער דאס פישטשען איז געווארן אלץ שארפער און דורכדרינגלעכער. זעליק האט אויפגעוואכט פון זיין חלום צושטאנד און דייטלעך דערהערט דאס געוויין פון א קינד, דא דערנעבן. ער האט זיך אראפגעקייקלט אין ראוו.

איינגעהילט אין א טוך איז עס געלעגן און זיך פארגאנגען אין געוויין. עס האט זיך געצאפלט. באמיענדיק זיך צו באפרייען פון דער קלעם,

ארויסגעשלעפט איין הענטל און מיטן פויסטל געריבן די אייגעלעך, צע־שמירנדיק די טרערן איבערן צעפלאמטן פנימל.

פאר זעליקן האבן פלוצלונג אויפגעטויכט זיינע קינדער־יארן. די עלטערן האבן אים איבערגעלאזן אליין אין שטוב מיט זיין קליינעם שוועסטערל אלטעלע, ער זאל אויף דעם אכטונג געבן. ער האט גענומען דאס קינד, אפגעווישט זיינע בעקעלעך און דאס קינד האט זיך נאך מער צעשריען... אלטעלע וויינט! דאס וויינט זי פון הונגער און קעלט... אלטעלע האט ליב, מען זאל זי ארומטראגן אויף די הענט. וועט זי אנט־שוויגן ווערן... זעליק האט פעסטער איינגעהילט דאס קינד אין דער טוך, עס צוגעדריקט צו זיין ברוסט און זיך געלאזן גיין אראפ מיטן ראוו.

דאס קינד איז צוגעפאלן צו זעליקס ברוסט, עפעס מיטן פיסקעלע דארט געזוכט, האט נאך א לענגערע ווײַלע געשלוכצט און איז ענדלעך איינגעשלאפן. פון קינדס קערפערל האט זיך אויף זעליקן צעגאסן א וואַ־רעמקייט, וואס איז זיך צעוואקסן אין א נאגנדיקער בענקשאפט צו דער שוין פארגעסענער היים, צו זיינע עלטערן, צום ברודער און שוועסטערל, צו יענער אמתער אלטעלע. ווי אלט וואלט זי שוין באדארפט זיין? זי וואלט שוין אליין געקאנט האבן אזא קינד... אן אימהדיקער געדאנק האט ווי א מעסער א שניט געטאן אין זיינע געהירן: זיין אלטעלע ווערט, בײַנאנד מיט די אלע, געטריבן איבערן וועג אהין, אהין צו יענער גרוב... מיט א קינד אויף דער האנט... דאס קינד דארף לעבן בלייבן... זי ווארפט עס אומבאמערקט אריין אין בייוועגיקן ראוו...

„דאס קינד דארף לעבן...״ עקבערט אים אין מוח. ער לאזט זיך כמעט לויפן, גלייך ער זאל וועלן וואס שנעלער אריבערשפרייזן די גרענעץ פון געפאר.

ווען די נאכט איז צוגעפאלן, האט זיך זעליק צוגעגנבעט צו א פוי־ערישער כאטע. ער האט דאס קינד שטיל אוועקגעלייגט אויפן גאניק און אליין אפגעטראטן. פון הינטער א סקירדע היי האט ער נישט אפגעריסן זיין בליק פון גאניק. א הונט האט זיך גענומען רייסן אויף דער קייט. זעליק איז מיט א פארכאפטן אטעם געלעגן אין דערווארטונג. דאס קינד האט זיך צעוויינט. זיינע יללות האבן זעליקן געריסן פון ארט. ער האט זיינע פינגער איינגעקלאמערט אין די ארעמס און מיט די לעצטע קרעפטן פאריאגט פון זיך דעם געדאנק זיך לאזן לויפן און צוכאפן דאס קינד צוריק. ענדלעך האט זיך די טיר געעפנט. אויף דער שוועל האט זיך באַ־וויזן א פרויען־געשטאלט. זי איז פון אומדערווארטקייט אפגעשפרונגען הינטערווײַלעכטס, ארײַנגעלאפן צוריק אין שטוב, באלד ארויסגעקומען

מיט נאך צוויי געשטאלטן און ביים שיין פון ארויסגעברענגטן לעמפל האט זעליק דייטלעך געזען, ווי אלע פארען זיך ארום דעם עופהלע, גע־הערט אפגעריסענע קלאנגען פון באדויערונג, ישוב־הדעת, אן אמפערניש, ביז אלע דריי זענען ענדלעך פארשוווּנדן צוזאמען מיטן קינד הינטער דער צוגעמאכטער טיר. זעליק האט פרייער אפגעאטעמט, ווי א שווערע משא וואלט אים אראפגעפאלן פון די פלייצעס. פארגעסן אין הונגער און מידקייט האט ער א מונטערער אוועקגעשפרייזט אין דער נאכט אריין...

פון אזויפיל וועלדער וואס זעליק האט דורכגעשפרייזט, פון צווישן אן א שיעור ביימער האט ער באלד דערקענט יענעם ווערבע־בוים, אונ־טער וועלכן דער אלטער פאסטעך מאטשעי פלעגט אמאל זיצן און שפילן אויף זיין פייפל. געטריבן פון דעם באגער צו קומען אין די היימישע מקומות, האט ער זיך געטראגן טאג און נאכט — שטילנדיק דעם הונגער מיט אן אויסגעבעטלטן ביסן, זיך דורכשלייכנדיק דורך דער לויערנדיקער געפאר, — אלץ פארויס און פארויס. ער האט זיך א רגע נישט פאר־טראכט, וואס אייגנטלעך דערוואַרט אים דארט. ער איז געווען ווי א קינד וואס טוליעט זיין קעפל אין דער מאמעס שויס, זוכנדיק דארט א באהעל־טעניש פון דעם שרעקנדיקן ארום.

און אט איז ער דא. ער האט זיך אראפגעזעצט, זיך אנגעלענט אין דעם ווערבע־בוים און אין האלב־דרימל זיך איבערגעטראגן צו יענע טעג פון זיין קינדהייט... מתיקותדיק גיסן זיך די טרעלן פון דעם פייפל... דער אלטער מאטשעי שפילט דערויף מיט זיין אנצייגערדיקן מויל... איבער אים וואקס אויס דער פראפעסאר, ער שטעקט זעליקן א פידל אין דער האנט: שפיל! זעליק נעמט די פידל, גיט א פיר מיטן בויגן איבער די סטרונעס און... פון אומגעריכטן קנאל האט זעליק אויפגעריסן די אויגן. א צווייטער קנאל האט פון אים פארטריבן אלע חלומות. ער האט דייטלעך געהערט, אז די אויפרייסן קומען פון דארט, פון הינטער יענעם היגל, ווו עס געפינט זיך דער הויף... אים זענען געקומען אויפן זינען די יאקאבסאנס, דער בלינדער דניאל. אליין זיך נישט אפגעבנדיק קיין חשבון צוליב וואס, האט ער זיך געלאזט גיין אין יענער ריכטונג. אויפן שפיץ בערגל האט זיך פלוצלונג באוויזן א פארשווין, וואס איז אין ווילדער שנעלקייט געלאפן גלייך אויף זעליקן. זעליק האט אין זיין שנעלן גאנג שוין נישט בעקאנט יענעם אויסמיידן און ביידע זענען פון גרויס אימפעט אריינגעפאלן איינער דעם אנדערן אין די ארעמס. איין אויגנבליק זענען זיי אזוי געשטאנען, ווי צוויי הענער, גרייט צום געראנגל. פלוצלונג האט

פאר זעליקס אויגן א בלאנק געטאן א קאפ פלאקסענע האר און א פאר־שארצטע נאז האט היימיש צום אים געוווּנקען...

— וולאדעק!

צוויי גרויע, טיף-געזעצטע אויגן האבן געפינטלט פון גרויס חידוש:

— זעליק?!

בייטאג איז נאכט און ביינאכט איז טאג... א גאנצן טאג ליגט זעליק אין דער פינצטערער גרוב פארשטעקט צווישן פעסלעך מיט סמאלע און ערשט ביינאכט שלעפט מען אים ארויס פון דארט אויף דער פרישער לופט.

א שטומע וועלט... א חוץ יוזעפן, וועלכער דערלאנגט אים אריין דאס עסן אין גרוב אריין און שלעפט אים ביינאכט פון דארט ארויס, זעט זעליק מער קיינעם נישט. זעלטן באווייזט זיך וולאדעק. ס׳רוב ביינאכט. ער כאפט זיך אריין צו זעליקן איןביידל און פארבלייבט מיט אים בלויז א קורצע ווײַלע. תמיד איילט ער זיך ערגעץ. זעליק פילט, אז וולאדעק איז אנגעפילט מיט סודות, ער לייענט אויף אראפ פון יענעמס פנים א חשק זיך ארויסצורײַדן, מיט עפעס זיך בארימען, ווי ער פלעגט זיך אמאל בארימען מיט זיין טאטנס בריהשקייט. דערפאר, פארשטייט זעליק, אנטלויפט וולאדעק וואס שנעלער פון ביידל, כדי זיך נישט ארויסצוכאפן מיט אן איבעריק ווארט און נישט ברעכן דעם נדר וואס וולאדעק האט משמעות אויף זיך גענומען. בלויז איין און איינציק מאל, — ביי זייער אומגעריכטער באגעגעניש, ווען זיי זענען פון בערגל אוועקגעלאפן אין געדיכטן וואלד, — האט וולאדעק מיט א פארכאפטן אטעם א זאג געטאן:

— זיך פארלייגט א נעסט... אין הויף... דארט, וווּ אמאל די יא־קאבסאנס. אבער מיר האבן זיי אויסגערויכערט... זיך צעלאפן ווי די מייז... אין די גאטקעס... דייטשוקעס פארשיווע!...

געריעדט האט ער דאן אייגנטלעך צו זיך אליין. די פרייד פון דעם געלונגענעם שטיקל ארבעט האט פון אים ארויסגעשפארט.

און איינמאל, ווען זעליק האט מיט ציטערניש אין הארצן זיך געפרוווט נאכפרעגן וועגן שטעטל, וועגן נאענטע, וועגן זיינע עלטערן, האט אים וולאדעק אפגעמאסטן מיט א ביטולדיקן בליק, א מאך געטאן מיט דער האנט און א ברום געטאן:

— עך...

און מער קיין ווארט נישט.

א שטומע וועלט... א שטומקייט אבער, פילט זעליק, וואס איז אנגע־

לאדן מיט עקשנותדיקן געראנגל. דאס האט ער ארויסגעדרונגען פון וולאדעקס קארגע רייד. אין די נעכט באמערקט ער שאטנס, וואס שלייכן זיך פארביי זייןביידל און שארן זיך אריין אין יוזעפס הייזל, אין א צייט ארום גנבענען זיי זיך פון דארט ארויס צוריק, און ווי זעליקן האט זיך אויסגעוויזן, ליגט אויף זייערע אקסלען א שווערע משא פון עפעס א געהיימער שליחות. ביי זעליקן אין הארצן איז געבוירן געווארן און זיך צעוואקסן א קנאה צו יענע מענטשן: זיי זענען עמעצן נויטיק. אינדערפריי ווייסן זיי, וואס זיי האבן דעם טאג צו טאן און ביינאכט פירן זיי אונטער א סך הכול פון דעם אפגעטועניעם. און ער?... ער האט זיך שוין איינגעלעבט מיט דער ענגשאפט און בייסיקן ריח א גאנצן טאג אין דער ענגער גרוב און מיט דער קעלט אין די נעכט. און וואס ווייטער? וועמען איז ער נויטיק? און וואס קלאמערט ער זיך אזוי אינם לעבן? צו וואס? נאך וואס?... און מיטאמאל — אזא איבערראשונג: אוועק פון אים, הייסט עס, די גלייכגילטיקייט און אפהענטיקייט, אין וועלכע ער איז געווען פארזונקען שוין אזויפיל צייט? ער שטעלט זיך קשיות? ער איז מקנא? ער לעבט נאך?!... אן אומבאגרייפלעכע פרייד האט צעגאסן א ווארעמקייט אין זיין אויסגעשעפטן גוף... אלץ ארום ווערט פארנעפלט, צעפליסט זיך אין אומזעבארן און דער חלל ווערט אנגעפילט מיט קלאנגען. זיי גרייפן אן אויף אים, הילן אים איין, רייצן אים, ווינקען צו אים, נעמען אים אין א קאראהאד און ער צעזינגט זיך הויך אויף א קול, אליין נישט הערנדיק, ווי די פעסלעך כאפן אויף דעם עכא און טראגן אים ארויס אין דרויסן...

דעם זעלבן אוונט איז וולאדעק געזעסן ביי אים אין ביידל, זיך אומרויק געדרייט אויפן בענקל, אויסגעמיטן צו קוקן זעליקן אין די אויגן און דראפענדיק זיין פלאקסענעם קאפ געווארפן ווערטער כלומרשט גלאט אזוי פאר זיך:

— ער קאן דערשנאפן, דער כלב... דער סאלטיס... געדענקסט אים נאך? — זענעק מיט דער בלאנדער טשופרינע... ער דינט זיי געטריי, די דייטשן... א הונט געווען און א הונט פארבליבן... מען דארף זיין זייער פארזיכטיק...

א שטומע וועלט... אין זעליקן אבער ברויזט עס ווי א ים וואס רייסט זיך פון די ברעגן ארויס. ער דערמאנט זיך אבער וולאדעקס ווארנונג און שטיקט אין זיך דעם פארלאנג מיט געזאנג ארויסצושפייען פון זיך די אנגעזאמלטע שטומעניש. ער דערוואַרט זיך קוים וולאדעקס דערשיינען און מיט ציטער אין קול בעט ער זיך:

— פאפיר... וואס מער פאפיר... און א בלייפעדער.

היינט, ווען ער איז שוין אזוי באקאנט, ווי גערן וואלט ער, דער בארימטער פאן זביגניעוו, געוואלט זיך נאכאמאל געפינען אין יענעם זעליקס הויט; ער וואלט, ווען ס'איז מעגלעך, איבערגעלאזן די שיינע היים און, כאטש אויף א שטיקל צייט זיך איבערגעטראגן אהין אין יענער סמאלע־גרוב, ווו ער וואלט ווידער, אויפן רוקן פון איבערגעדרייטן פעסל, געווירעט אין קינדערשע העפטן די פינף־ליניעדיקע שורות און געפינטלט, געפינטלט אויף זיי שטיקער פון זיין הארץ. אבער זיין הארץ איז שוין לאנג אויסגעהוילט און ער קאן זיך קוים פארשטעלן, ווי יענער זעליק האט אין האלבן חושך אין די טעג און ביים קארגן לבנה־שיין אין די נעכט, פאפירל נאך פאפירל אנגעפילט מיט ווײ־געשרייען און יאוש, מיט רציחה און האס, מיט קינדערישן געוויין, מאמעס פארצווייפלונג, טאנצנדיקע קברים, לעבעדיקע מתים וואס קריכן פון די גריבער ארויס, מיט גרענעצלאזן פחד און מוטיקער עקשנות... וויפל האט עס אזוי גע־דויערט? וואכן? חדשים? און אפשר יארן? זעליק האט פארלארן דעם זין פון דער צייט, נישט געפילט דעם חילוק צווישן טאג און נאכט, נישט געשפירט נישט קיין הונגער, נישט קיין קעלט, נאר געווען באהערשט פון א נאגנדיקער דורשט, א דורשט ארויסצושרייען פון זיך וואס מער קלאנ־גען, ניגונים, וואס האבן געשפרודלט פון אים ווי אן אומאויסשעפבארער קוואל... די ווירקלעכקייט איז אפגעטראטן פון אים אין דער ווייט. ער איז געווארן טויב צום ארום, נישט באמערקט, ווי די מלחמה האט געענ־דערט איר ריכטונג, נישט געהערט די קאנאנאדע, וואס האט אנגעפילט מענטשלעכע הערצער מיט פריידיקער האפענונג... ממשותדיק זענען פאר אים געווען בלויז זיינע פארשריבענע פאפירלעך. ער האט זיי מיט ליב־שאפט געגלעט, געצערטלט, נאכאמאל און נאכאמאל אן א קול איבערגע־זונגען און נאכאמאל געפיבערט ביי יעדן קלאנג...

א געפלעפטער איז ער געבליבן שטיין פון גרויס חידוש, ווען מען האט אים אין יענעם טאג גוטברודעריש געקלאפט אין דער פלייצע, אנ־זאגנדיק אים די גוטע בשורה:

— אונדזערע ארמייען זענען שוין דא... ביסט פריי...

ער האט קוים באגריפן, אז דאס מיינט מען אים.

.2

זעליק זיצט מיטן שטערן צוגעפּרעסט צום פענצטער פון וואגן און קוקט גיריק ארויס צו דער פארביילויפנדיקער וועלט. ער פארט ווידער אין דער גרויסער שטאט אריין, אבער דאסמאל אן א בריוול צו אן „איי־געגעם יאט”, אן א רענצל און אן א פידל. אלץ וואס ער פארמאגט און פירט מיט זיך זיינען די עטלעכע העפטלעך, געפינטלטע און געשטרייכלטע אין דער סמאלע־גרוב. צענויפגעוויקלט אין א טרייבל און איבערגעבונדן מיט א שטריקל, האלט זיי זעליק אויף דער ברוסט, געבנדיק פון צייט צו צייט זארגפעליק א טאפ מיט דער האנט, ווי ווענדיק זיין זיכער, אז זיי זיינען דא, אינערגעץ נישט פארשוווּנדן.

ארויסקוקנדיק אין דרויסן, זוכט זעליק די פארבינדונג צווישן זיינע העפטלעך מיט דער פארביישוועבנדיקער וועלט. ער גלויבט, אז ער מאכט דעם צוריקוועגס אויפן זעלבן שליאך מיט וועלכן ער האט זיך צו די היימישע ערטער דערשלעפּט און ער באמיט זיך צו געפינען די קלאנגען און זיי גלייכשטעלן מיט די, וואס ער האט אין דער סמאליארניע אויס־געזונגען.

אבער די באן לויפט און די בילדער טוישן זיך שנעל און זעליק קאן זיי קוים נאכהאלטן. אט פארט מען דורך א וואלד. אוודאי איינער פון יענע וועלדער וואס זעליק האט צופוס דורכמארשירט. אבער וואס איז געשען? די ביימער־שטאמען זעען אויס ווי ריזיקע דערנער: אן צווייגן און בלעטער־קרוינען, מיט שפורן פון שרפות אויף די שפיצן, שפורן פון מלחמה; אט ווערט דער וואלד שיטערער און צווישן די ביימער־שטאמען שלענגלט זיך א וועג. איז עס נישט יענער וועג, ווו מען האט צום טויט געפירט גאנצע מחנות?... און דער גראבן ביי דעם וועג? איז געוויס יענער גראבן, ווו ער האט דאס פיצל קינד געפונען... און דארט אין דער ווייט העלט זיך עפּעס. איז עס נישט יענער מאסן־קבר וואס הוידעט זיך?...

אבער זעליק באוויזט קוים נאכצוהאלטן די שנעלקייט. די באן איילט און די רעדער קלאפּן אין אן אנדער טאקט און ריטם, רייסן זעליקן יעדע רגע אפּ פון זיינע וויזיעס און שרייען מיט כוח אין די אויערן אריין: „נישטא קיין צייט! נישטא קיין צייט!”...

אפּטמאל שטעלט מען זיך אפּ אויף א באן־סטאנציע. דאן גיבן זיך צו די וואגאנעס א ווארף גאנצע מעגעס פארשוינען מיט אנגעלאדענע זעק. עס גייט אן א שטופעניש, א שפארעניש, א גערנגל, ביז אלץ ווערט איינגעשטילט און די באן רירט ווידער. אזוי אויף יעדער סטאנציע. די וואגאנען ווערן אלץ מער און מער אנגעפּאקט מיט מענטשן און זעק.

אויך הינטער זעליקס פלייצעס ווערט אן ענגשאפט, זעליק אבער באמערקט קיינזאך נישט. צו אים דערגייען נישט די קריגערייען, די רייסענישן פאר א פרייען פלאץ. ער שפירט נישט דעם שטיקנדיקן ריח פון טיטון און פון היימיש געטריבענעם בראנפן. ער זיצט פארטיפט אין זיינע געדאנקען, אין זיינע זוכענישן שפורן פון נעכטיקע טעג.

עס פאלט צו דער אוונט. זעליק קאן קוים עפעס זען אין דער טונקעלעניש. באלד ווערט דער וואגאן באלויכטן און דער דרויסן פארשווינדט אינגאנצן. זעליק קאן בלויז זען זיין אייגענע אפשפיגלונג אין פענצטער־שויב. אים ווערט עפעס אומהיימלעך פון דעם פארשוין מיטן בלייכן איינגעפאלענעם פנים, אויסגעצויגענער נאז און מיט די טונקעלע רעמלעך ארום די טרויעריקע אויגן. ער ווענדט אפ זיין בליק פון פענצטער, גיט זיך א קער און טוט א ציטער פון דער אומגעריכטער באגעגעניש מיט אזויפיל מענטשן. אזויפיל פרעמדע אויגן שטעכן אים אדורך מיט זייערע נייגעריקע בליקן, גלייך זיי וואלטן אלע צוזאמען אויפגעהאנגען איין פראַגע אינדערלופטן: ווער איז ער, דער קריעה־בלואהדיקער פארשוין? אויסזען זעט ער אויס ווי א גייסט פון יענער וועלט און פארן פארט ער ווי ער שטייט און גייט אן א פיצל געפעק? איז וואס האט ער דא צו טון צווישן אנשטענדיקע מענטשן?

זעליק באמערקט, ווי די נייגעריקייט אין די מענטשנס אויגן בייט זיך אום אין פארדאכט און דראונג. אים באפאלט א פחד: וואס ווילן זיי מיט אים טון? אפשר בארויבן? ער גיט זיך אינסטינקטיוו א כאפ פאר דער ברוסט א טאפ צו טאן זיין באהאלטענעם אוצר, זיינע העפטלעך. די מענטשן קוקן זיך דאן איבער פילדייטיק און דער נאענסטער שכן גיט זעליקן גוטברודעריש א שטורך מיטן עלנבויגן אין דער זייט אריין און אין די ווינקלען פון זיינע אויגן גיבן א בליצל צוויי כיטרע פייערלעך:

— וואס האט דארט דער פאן? ווייכע? הארטע?

אן אויסגעשריי פון באפרידיקטער נייגעריקייט צעטראגט זיך איבערן וואגאן: „אהא! דאס איז עס!”...

זעליק דערשפירט אן ענגשאפט אין האלדז און ער פילט גלייך מוראשקעס זאלן אים באפאלן און ארומקריכן איבער זיין הוילן לייב. אים ווילט זיך ערגעץ אנטלויפן, זיך אפזונדערן פון דער אומגעבעטענער היימישקייט פון די פרעמדע מענטשן און ער גראבט ווידער איין זיין פנים אין דער פענצטער־שויב. א רגע איז הינטער זיינע פלייצעס שטיל, בלויז א שעפטשעניש גייט אן, אבער ביסלעכווייז דערגייען צו זעליקן אלץ מער קלאנגען און דער עיקר — איין ווארט, וואס ווערט כסדר איבערגעחזרט:

„זיי״...

זעליקן דוכט זיך, אז א כמארע בינען קרייזן ארום זיין קאפ און זשומען אים אין די אוערן אריין:

„זיי״... „זייערע״... „זייערדיקע״...

— געמיינט, מען האט זיי אלע אויסגעראטן, אבער זיי זיינען נאך דא... אוי זיינען זיי נאך דא — זשומעט זעליקן אריין אין רעכטן אויער א בין מיט א הילכיקן טענערל.

— פון זייערע וועסטו אזוי לייכט נישט פטור ווערן — זשומעט אין לינקן אויער אריין א צווייטע בין מיט א הייזעריקלעך ווייבעריש קול...

און פלוצלונג רייסט זיך אין דער געזשומעריי אריין א קלאר מענטש-לעך קול:

— באדענקט אייך, מענטשן, וואס איר רעדט! א פאלק איז פארשניטן געווארן...

דער בינשטאק צערוישט זיך מיט א גוואלדיקן אימפעט. אלץ רעדט מיטאמאל. צו זעליקן דערגרייכן בלויז איינצלנע אפגעריסענע פראזן:

— א פאלק, הא, הא... פאראזיטן אויף אונדזער לייב...

— אדוואקאטן געפינען זיך...

— „זייערע״ לאקייען!...

— אזעלכן וואלט מען פארן קריג פון וואגאן ארויסגעווארפן!...

זעליק שליסט צו פעסט די אויגן, פארקוועטשט מיט די האנט-פלאכן די אויערן און באמיט זיך אויסצושליסן זיך פון דערווירקלעכקייט און זיך איבערטראגן צו זיינע איבערגעריסענע מחשבות. ער פרוווט אויפלעבן אין זיין זכרון יענעם קבר-אנשיט פון וועלכן ער האט געוואלט פאר-טרייבן דעם נאכטיגאל... אבער וואס איז געשען? נישטא קיין שפור פון דעם נאכטיגאל, שטאט אים טראגט עס אן א סטייע שווארצע קראען. זיי זינקען אראפ אויפן קבר, נישטערן מיט זייערע שנאבלען אין זאמד און קראקען, קראקען... איין קרא שפרינגט ארויף אויפן צווייג פון בוים, ווו אמאל איז געשטאנען דער נאכטיגאל, און צעקראקעט זיך מיט א מענטשלעך קול:

— אומעטום קאנט איר זיי טרעפן, אפילו אין קלויסטער. זיי קניען, צלמען זיך... אבער אלצאיינס: אפילו דער ווייררויך קאן נישט פארטרייבן דעם ציבעלע-געשטאנק!...

זעליקן גיט עס א הויב פון ארט און ער לאזט זיך דורכשפארן אין קארידאר אריין. אבער דאס קדאקען פאלגט אים נאך:

— וואנצן! לעבן זיי — בייסן זיי, פגרן זיי — שטינקען זיי!...

א שיכורער געלעכטער האט זעליקן נאכגעיאגט, געשטאכן אין דער פלייצע. ער איז, שפּרינגענדיק איבער זעק און איבער אויפן דיל זיצנדיקע מענטשן, דערקראכן צום עק קאָרידאָר, זיך אַראָפּגעזעצט אויפן איבערגע־קערטן מיסט־קעסטל, אנגעלענט די עלנבויגנס אויף די קני, פארבארגן דאס פנים אין די הענט און זיך איבערגעגעבן זיינע דערינערונגען:

איינמאל איז ער, נאכן וואכנלאנגען וואגלען דורך וועלדער, אַן אויס־געשעפּטער און אויסגעהונגערטער, צוגעצויגן פון מענטשלעכע קלאנגען, ארויס פון וואלד. אויף א לאנקע זיינען געזעסן דריי מענער, זעט אויס שטארק בגילופין, און זיך געריסן אויף די העכסטע טענער. זעליקס דער־שיינען האט איבערגעריסן זייער געזאנג. זיי האבן אים ארומגערינגלט און מיט גרויס נייגיר באטראכט פון אלע זייטן. זעליק האט זיך פארלוירן און זיך אליין נישט אפגעבנדיק קיין חשבון וואס ער רעדט, האט ער ארויסגעשטאמלט:

— איך בין זייער הונגעריק...

דאס האט ביי די דריי ארויסגערופן א גוואלדיקע הייטערקייט...

— א, דער פאן איז הונגעריק... — האט זעליק דערהערט א שיכורן ברומענדיקן קול — וואס זשע שווייגט איר? לאמיר גיין און אים געבן א מאלצייט... קומט, פראשע פאנא... ער איז אוועק פארויס און די אנ־דערע צוויי זיינען זעליקן נאכגעגאנגען פון הינטן. אונטערן אקאמפּאני־מענט פון זייער קאצניאמער איז זעליק צוגעפירט געווארן צו א כוטאר. ער האט נישט באמערקט, ווי די צוויי הינטער אים האבן פארשלאסן דעם טויער. דער ערשטער איז באלד צוגעשפּרונגען צו א גרויסן ברוינעם כלב, אים אפגעבונדן פון דער קייט, אנגערייצט אויף זעליקן און אויס־גערופן:

— נעם אים!...

דער הונט האט זיך ווילד א ווארף געטאן אויף זעליקן. זעליק, נישט געפינענדיק וווהין צו אנטלויפן, האט אין ווילדער שרעק ארויפגעקלעטערט אויפן פארקאן. דער הונט האט נאך באוויזן אים א ביס טאן אין פוס. זעליק איז אראפגעשפּרונגען פון דער צווייטער זייט און זיך געלאזט לויפן מיט די לעצטע כוחות... לאנג נאך האט אים פארפאלגט זייער שיכורער געלעכטער... דער זעלבער געלעכטער... דער זעלבער גע־לעכטער.

אין זיין פארטראכטקייט האט זעליק לאנג נישט געשפּירט, ווי עמע־צנס האנט האט זיך געלייגט אויף זיין אקסל. ער איז געקומען צו זיך ערשט דאן, ווען ער האט דערהערט דעם קלאנג פון א באקאנטער שטים,

דער זעלבער קול וואס האט זיך אזוי אויסגעטיילט צווישן דעם קראקען פון די קראען...

זעליק האט אויפגעהויבן זיין בליק און דערזען פאר זיך אן עלטערן הער, וואס האט אויף אים געקוקט מיט א מילדן בליק און פון וועמענס געדיכטע גרויע וואנצעס עס האבן צו זעליקן אראפגערונען אפגעריסענע פראזן:

— נעמט זיך נישט איבער, יונגערמאן... די דאזיקע מענטשן... זייערע נשמות זיינען אין זייערע זעק און די געהירן זיינען ביי זיי פאר־סמט פון סאמאגאן און איינגעווארצלטער שנאה... אבער עס מוז קומען א נייע צייט, א נייע ארדנונג, ווו איין מענטש צום צווייטן זאל קיין וואלף נישט זיין... עס מוז קומען... אנישט וואלט נישט כדאי געווען איבערצולעבן די גרוילן פון אזא מלחמה... נישט כדאי געווען...

פערטער טייל

1.

די „נייע ארדנונג” האט זעליקן אויפגענומען מיט א ברייטן שמייכל און אפענע ארעמס; האט אים ארויסגעהויבן פון גאר נידעריק ביז גאר הויך. ער איז שוין געווען טיף, טיף געזונקען אין דעם זומפ פון עלנט, נויט און אויסזיכטלאזיקייט, ביז אינגאנצן אומגעריכט, ווי שוין איינמאל אין זיין לעבן, דורך א צופאל, איז ער אויפגעריכט געווארן.

ווען דער צוג איז דעמלט צוגעקומען צו דער גרויסער שטאט, איז שוין געווען שטאק-פינצטער. די זעק־מענטשן האבן זיך א ווארף געטאן צום ארויסגאנג און שנעל, שנעל ערגעץ פארשוואונדן. זעליק איז ארויס דער לעצטער. ער האט זיך ארומגעקוקט: קיין סימן נישט פון קיין וואק־זאל. פונדערווייטנס האט זיך געלויכטן אן איינזאמער לאמטערן. אן אויס־געטראטענע סטעזשקע אין דער פארטריקנטער בלאטע האט געפירט, ווייזט אויס, צו אן ארויסגאנג און זעליק האט זיך געלאזט מיט איר גיין. ער איז געווען זיכער, אז אט־אט וועט ער קומען צו א באלויכטענער גאס מיט א סך דורכגייער, פארבייפארנדיקע אויטאס און פאעטאנען, ווי ער געדענקט עס פון פריערדיקע יארן. אבער וויפל ער איז נישט געגאנגען, איז ער אלץ געווען אין האלבן חושך, יעדע רגע אין עפעס געשטרויכלט געווארן. ענדלעך האט ער דערגרייכט צום ווייטערדיקן לאמטערן. זעליק האט זיך ארומגעקוקט און נישט געקאנט פארשטיין, וואס ארום אים טוט זיך. שאטנס פון פאנטאסטישע סילועטן האבן זיך געלייגט אין דער שוואַ־כער שיין. פארבייגייענדיק דעם לאמטערן האבן די שאטנס געביטן די ריכטונג און זעליקן האט עס אויסגעזען ווי א טאנץ פון ווילדע באשע־פענישן, וואס דרייען זיך אין א קאראהאד. אזוי האט ער זיך געשלעפט, שארנדיק מיט די פיס נישט אומצופאלן, פון איין לאמטערן צום אנדערן, וועלכע זיינען געשטאנען נישט צו נאענט איינער צום צווייטן. אומעטום דער זעלבער טאנץ פון די שאטנס, אומעטום די זעלבע טויט-שטילקייט. פון צייט צו צייט פלעגט אין דער ווייטן אפהילכן א געקלימפער פון א טראמוויי אדער א סירענע פון אן אויטאמאביל, אפהילכן און פארשווינדן

ערגעץ אין דער נאכט און דערמיט איז די ארומיקע שטילקייט נאך אומ־היימלעכער געווארן...

שארנדיק זיך אזוי פארויס, האט זעליק פלוצלונג דערשפירט א קילע פייכטקייט אויף זיין פנים און זיינע הענט. ער איז געבליבן א רגע שטיין, זיך איינגעהארכט אין דער שטילקייט, טיף איינגעאטעמט די דערפרישנ־דיקע לופט און ער האט פארשטאנען, אז ער געפינט זיך ביים טייך. ער האט זיך געלאזן גיין לענג אויס דעם ברעג. דער גאנג מיטן טייך־ברעג איז געווארן נאך מער דערמידנדיק און זעליק האט זיך קוים, מיט די לעצטע כוחות, דערשלעפט צום בריק. ער איז פארקראכן אונטער אים, זיך אראפגעזעצט, אנגעשפארט זיך אין דער שטיינערנער וואנט און א דער־שעפטער באלד איינגעשלאפן.

אויפגעוועקט האט אים א מוראדיק געבראזגעריי איבער זיין קאפ. ער האט אויפגעריסן די אויגן, אינגאנצן פארגעסנדיק ווו ער געפינט זיך און וואס מיט אים איז געשען. ער איז אויפגעשפרונגען, זיך ארומגעקוקט, דערזען דעם בריק און זיך אלץ דערמאנט. אויבן איבער זיין קאפ האט זיך עפעס באוועגט איבערלאזנדיק נאך זיך דאס גערויש. ער איז ארויפ־געלאפן אויפן בריק און דערזען שוין פונדערווייטנס א לאסט־אויטא מיט נאכהענגענדיקע אייזן־שטאנגען, וועלכע, קלאפנדיק איינס אין אנדערן און נאכשלעפנדיק זיך אויף דער ערד, האבן עס אזוי געפילדערט.

זעליק האט זיך געלאזט גיין מיטן בריק. די זון האט זיך געהויבן איבערן מזרחדיקן האריזאנט און באלויכטן סיי דעם טייך, סיי ביידע ברעגן. זעליק האט זיך שארף איינגעקוקט אין דער ווייט און נישט גע־קאנט פארשטיין, ווו עס זיינען אהינגעקומען די הייזער, טורעמס, פאבריק־קוימענס, וועלכע פלעגן אין די פריערדיקע יארן פון דעם בריק ארויסקוקן? אנשטאט זיי האט ער געזען פארמלאזע סילועטן: קוימענס, צעבראכענע ווענט, הענגעדיקע טירן און טויערן, אנגעשאטענע בערג ציגל און צע־בראכן האלצווארג... זעליקן האט פארקלעמט אין הארצן — זיינען שוין גאר קיין שפורן פון לעבן נישט פארבליבן אין דער שטאט? נאך וואס זשע איז ער אהער געקומען און וואס וועט ער דא טאן? האט ער זיך אפגעשטעלט, אראפגעקוקט צום וואסער. דער טייך איז זיך, ווי אלעמאל, געפלאסן זיין וועג, זיך געטראגן צו עפעס א ציל... צו א ציל? צו וועלכן ציל?... ווען האט ער שוין איינמאל אזוי געטראכט? ער דער־מאנט זיך: אויפן זעלבן בריק איז אים באפאלן א פארלאנג זיך צו פאריי־ניקן מיטן וואסער און זיך ביינאנד מיט אים טראגן אין דערווייט...

און דאן איז אנגעקומען דינה... דינה... א הייסער שטראם איז אדורך

איבערן קערפער... דינה... וואס איז מיט איר? ווו איז זי? צי איז זי לעבן געבליבן?... אוי, ווי ער וואלט זי איצט באדארפט האבן... וויפל מאל איז זי אים צו הילף געקומען אין א שווערער לאגע... זי וואלט אים אויך איצט, ווי דאן, פאר דער האנט געגומען און געפירט... אלצאיינס וווהין — אבי געפירט צו ווערן און נישט דארפן אין איינזאמקייט נישט וויסן ווו זיך צו קערן און ווענדן אין דער דאזיקער אויסגעשטארבענער שטאט... ,

ער האט זיך פלוצלונג דערפילט פארלוירן, זיך איבערגעבויגן אי־בערן פארענטש, צוגעמאכט די אויגן... נישט טראכטן, פארגעסן אין אלעמען און זאל זיין וואס ס'וועט זיין...

דער בריק האט פלוצלונג גענומען זיך טרייסלען, א נייער געקלימ־פער האט דערגרייכט צו זעליקס אויערן, וואס ווייטער אלץ שטארקער און שטארקער, ביז עס האט זעליקן אויפגעריסן פון זיין הינערפלעט. ער האט זיך אומגעדרייט און דערזען א פארבייפארנדיקן טראמוויי פול געפאקט אינווייניק און אויך פון דרויסן זיינען פון אלע זייטן געהאנ־גען מענטשן צוגעקלעפט ווי פליגן...

— דאס פארן מענטשן צו דער ארבעט — האט א בליץ געטאן ביי זעליקן אין מוח — הייסט עס, אז ערגעצווו ווינען מענטשן און ערגעצ־ווו ארבעטן זיי — האט ער ווייטער געצויגן דעם פאדעם פון זיין גע־דאנק — איז דאך נאך נישט אזוי שרעקלעך ווי ער האט זיך אויס־געמאלט...

ער איז מיט איילקע טריט אראפ פון בריק.

וואס מער ער האט זיך דערווייטערט פון בריק, אלץ שווערער איז געווארן צו אטעמען. א דומפיקער ריח פון ציגל־שטויב האט גערייצט די נאז, געקראכן אין האלדז, געטריקנט די צונג צום גומען...

זעליק האט זיך אומגעקוקט מיט פארוואונדערונג און שוידער. די גאס, וועלכע ער געדענקט אזוי גוט פון פאר דער מלחמה, איז אינגאנצן פארשוואונדן. פון ביידע זייטן האבן זיך געשפרייט פעלדער פון א רויט־לעך־גרויען קאליר, פון צעמאלטע ציגל. ערגעצווו האט געקרעכצט א מאשין צערייבנדיק די ציגל אויף שטויב. אין איין ארט האט מען אנגע־הויבן אויפשטעלן א ניי הויז גלייך אויפן ציגל־זאמד, נוצנדיק ווייזט אויס די אלטע פונדאמענטן. די זונענשטראלן האבן זיך אפגעשלאגן אין דעם שטויב און גערייצט די אויגן. זעליק האט זיך אומגעקוקט, זוכנדיק אן ארט ווו זיך אויסצובאהאלטן פון דעם אומהיימלעכן ארום. ער האט פאר־

דרייט אויף רעכטס אין א געסל, באלד — אויף לינקס, ווידעראמאל אויף רעכטס, אבער אומעטום דאס זעלבע: אנגעשאטענע בערגלעך ציגל און ברוכווארג. פלוצלונג האט ער, אין איינעם פון די געסלעך, דערזען אן אוסטערליש בילד: א מויער איז געווען אפגעשניטן אין דער מיט און די אנטבלויזטע שטאקן, ווי א טעאטער־דעקאראציע, האבן מיט זייער נאקעטקייט צוגעצויגן זעליקס אויפמערקזאמקייט. איבערבלייבעכץ פון טאפעטן אויף די ווענט, מעבל־שטיקער ארום די ווענט האבן זיך ווי גע־רייצט מיט דער ארומיקער וויסטעניש און געלאקט זעליקן צו זיך. ער איז אריבערגעקראכן איבער אנגעשאטענע קופעס ברוך, ארויפגעקלעטערט אויף די טרעפ און אריין אין איינער פון די דירות. ווייזט זיך ארויס, אז אויסער דעם אפגעשניטענעם צימער זיינען נאך געווען אנדערע, גאנצע. אין איינעם איז געשטאנען א בעט, נאך אפילו מיט בעטגעוואנט, עס איז אויך געווען א קיך. דארט האט זעליק געפונען אן אלט־געבאקן, פאר־שימלט האלבן ברויט, א פארשטיינערטן פויערישן קעז. ער האט פרובירט עס אפפרישן מיט וואסער פון קראן. צום גליק איז דאס וואסער געפלאסן. זעליק האט מיט גרויס גיריקייט געשלונגען דאס ברויט מיטן קעז. גע־שטילט דעם הונגער האט ער זיך ארייגעווארפן אין בעט און באלד איינגעשלאפן. ער האט פון צייט צו צייט געעפנט די אויגן. איינמאל איז געווען פינצטער ארום, א צווייטן מאל — ליכטיק, ווידער פינצטער און ווידער ליכטיק. ווען ער האט ענדלעך אויפגעוואכט, האט ער פאר־שטאנען, אז ער איז אפגעשלאפן מער ווי איין מעת־לעת. ער האט זיך אפגעפרישט ביים קראן מיט קאלטן וואסער, אויפגעגעסן דאס איבער־געבליבענע ברויט און קעז און זיך געלאזט צום ארויסגאנג.

טאג נאך טאג האט זיך זעליק ארומגעשלעפט איבער דער חרובער שטאט. אלץ געזוכט שפורן פון פארגאנגענע צייטן, געהאפט צו באגע־גענען עמעצן פון אמאליקע באקאנטע. אבער טעג זיינען פארביי און ער האט אלץ נישט געקאנט באגרייפן ווו ער געפינט זיך. אלע ערטער און „גאסן" זיינען געווען עפעס מאדנע ענלעך איינס צום אנדערן. אויך מענטשן, ווייל אפשר אומבאקאנטע, האבן אים אויסגעזען ווי פון איין שניט. אלע ענלעך געקליידעט, אלע האבן ערגעצווו געאיילט: אדער זיך געפארעט ביים רוימען דעם ברוכווארג, צי ביים בויען נייע הייזער, אדער זיי זיינען געהאנגען אויף די טראמווייען איילנדיק צו און פון דער ארבעט.

ווען דער הונגער האט אים שטארק געפייניקט, האט ער גענישטערט אין האלב צעשטערטע הייזער. אפטמאל געפונען רעשטלעך פון שפייז

נאך נישט פארצערטע פון די מייז, ער פלעגט ערגעץ איבערנעכטיקן אין א קאנורע און צומארגנס ווידער געוואגלט, ווידער געזוכט...

איינמאל איז ער, אזוי וואנדערנדיק, פארקראכן אין א פארק. ער האט זיך שטארק דערפרייט. דעם פארק האט זעליק גוט געקענט. אין אים איז ווייניק וואס געווען געענדערט. בלויז די אזערע איז געווען אויסגעטריקנט, דער פאנטאן האט נישט געשפריצט, די שטיינער ארום אים — צעווארפן און איין לייב איז געווען מיט אן אפגעהאקטן קאפ. די בענק אין די אלעיען זיינען מערסטנס געווען צעבראכן, אבער זעליק האט זיך דייטלעך אויסגעמאלט, אז ארויסגייענדיק דורכן מעריבדיקן טויער וועט ער קומען צו די ערטער וו ס'איז געווען באשעלעס דירה, צו די הייפן וו ער איז מיטן געלן אבטשע אומגעגאנגען און צו די פלעצער וו ער האט געשפילט אויף זיין פידל...

גייענדיק מיט איילִיקע טריט האט זעליק פלוצלונג עפעס א בלענד גע־טאן אין די אויגן. א שווארצע מירמלנע וואנט האט ווי א שפיגל אפ־געשלאגן די שטראלן פון דער זון און געווארפן זיי אויף זעליקס פנים. זעליק איז א רגע געבליבן שטיין, נישט באגרייפנדיק וואס דאס איז אזוינס. ער האט פארשטעלט די אויגן מיט דער האנט און פון צווישן די פינגער באטראכט די וואנט. ביסלעכווייז האט ער פארשטאנען, אז דאס איז א מאנומענט, וואס האט זיך געהויבן אויף א פלאטפארם טעלעכע שטיגן ארויפצוגיין.

זעליק איז ווי פארגליווערט געווארן פון דעם בילד וואס האט זיך פאר אים אנטפלעקט: אויף דער שטיינערנער וואנט זיינען געווען אויס־געקריצט זיינע אלטע באקאנטע פארשוינען, וואס ווערן געפירט פון דייטשן אין העלמס מיט אנטבלויזענע שווערדן אהין, אהין צו יענעם זיך הוידנדיקן קבר... אט איז ער דער אלטער ייד מיט דער צעשויבערטער בארד מיט א ספר תורה אין דער האנט; אט איז א צווייטער וואס זיין פנים איז פארשטעלט. ער שטרעקט זיינע הענט אינדערהויך און שרייט עפעס צו גאט... און אט איז די יונגע פרוי מיטן קינד אויף דער האנט... דאס איז דאך דאס זעלבע קינד וואס זעליק האט שפעטער געפונען און עס דערנאך אונטערגעווארפן אונטער א פויערישער כאטע.

זעליק האט נישט געקאנט אפרייסן זיין בליק פון די פיגורן. ער האט דערשפירט עפעס א היימישקייט צו זיי. דאס איז דאך א טייל פון זיינע איבערלעבונגען, פון זיין געזאנג אין דער סמאלע־גרוב.

פון הינטער דער וואנט האט זיך צו אים דערטראגן א גערודער, א גערײדעריי פון פיל מענטשן. זעליק איז אויך אריבער אהין און דערזען,

ווי פון אן אויטאבוס שטייגן אויס עלעגאנט געקליידעטע מענער און פרויען. זיי דערנענטערן זיך צום מאנומענט. עמעצער פון זיי לייגט אוועק אויף די שטיגן א בינטל בלומען. זיי שטייען עטלעכע רגעס מיט געבויגענע קעפ און לאזן זיך גיין צוריק. דאן ווערן זיי ארומגערינגלט פון א מחנה קינדער, וועלכע שטרעקן אויס די הענטלעך און שרייען עפּעס מיט בעטנדיקע קולות. די געסט, ווי זעליק האט זיך שפּעטער דערוווסט, אויסלענדער, טיילן גרינע אמעריקאנער געלט-פּאפּירלעך, שטייגן איין אין זייער אויטאבוס און פארן אפּ. ביסלעכווייז צעגייען זיך אלע און זעליק בלייבט ווידער אליין. ער קוקט זיך אום, באטראכט די אנדערע זייט פון מאנומענט: די אויפשריפטן אין דריי שפּראכן, די פּאר־וועלקטע קרענץ און בלומען־בינטלעך, די צוויי מנורות מיט רעשטלעך פון אויסגעברענטע ליכט און אים פאלט פלוצלונג איין א גליקלעכער געדאנק: עמעצער עסקט זיך דא פון צייט צו צייט, צינדט אן ליכט, ברענגט בלומען, רייניקט, מוז ער זיך באגעגענען מיט די דאזיקע מענטשן און דורך זיי געפינען דעם וועג צו זיין ווייטערדיקן לעבן, מוז ער דא קומען אלע טאג און ווארטן, ווארטן...

זעליק האט באמערקט, אז אויך אויף דער זייט וואנט זיינען דא פיגורן, אבער די זיינען נישט געקריצט ווי אויף יענער זייט, נאר אויס־געהאמערט אין שטיין; די זיינען יונג און ווערן נישט געפירט דורך באַ־וואפנטע דייטשן, נאר זיינען אליין באוואפנט און זיי מארשירן פארויס דרייסט, גרייטע צום קעמפן... פאר זעליקן איז דאס געווען ניי. אים האט מער געצויגן צו יענע געשטאלטן. דארט איז ער איצט אלע טאג געזעסן, געבלעטערט זיינע העפטלעך און, ווי צעגויפגעגאסן זיך מיט זיינע באַ־ליבטע פארשוינען, האט ער איבערגעזונגען זיין געזאנג...

אין יענעם טאג האט ער זיך קוים דערשלעפּט אהער א פארשמאכטער און אויסגעשעפּטער. שוין דריי מעת לעת האט ער קיין ביסן נישט געהאט אין זיין מויל. אין בויך האט געקראמפט פון הונגער, אלע גלידער האבן אים געבראכן פון שלאפן אויפן הארטן געלעגער אין די קילע, אפּטמאל פייכטע, נעכט. פאראייניזאמט האט ער פארלוירן דעם כוח צו האפן אויף אן ענדערונג... ער האט זיך געזעצט אויף די שטיגן, זיך אנגעלענט אין דער וואנט, צוגעשלאסן די אויגן און — זאל זיין וואס ס'וועט זיין — פון דאנען וועט ער זיך שוין נישט רירן!... אין האלבן דרימל איז ער נאכאמאל און נאכאמאל דורכגעגאנגען זיין וועג אין די מלחמה-יארן... אזויפיל חורבות, אזויפיל אומגעקומענע, און אים האט דער גורל גע־שוינט... פרעג: צו וואס? נאך ווען?... דא וועט ער שוין בלייבן

ביינאנד מיט די וואס איבער זיין קאפ וועט ער גיין זיין לעצטן וועג...

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז איז די ווירקלעכקייט פון אים אפגעטראטן. ער האט זיך דערפילט עפעס אזוי לייכט, גלייך עמעץ זאל אים טראגן אין דער לופטן... ער האט נישט געהערט דעם גערויש אויף יענער זייט וואנט פון צופארנדיקן אויטאבוס, פון די בעטלענדיקע קינדערישע געשריי-ען. ער האט אבער פלוצלונג דערשפירט, ווי עמעץ שטעקט אים עפעס,אריין אין האנט. וואס איז דאס? ווו איז ער?... אהא, ער דערמאנט זיך: דאס האט אים וולאדעק געבראכט די העפטלעך צום שרייבן... יא, יא — מען דארף שרייבן! וואס גיכער שרייבן... ער רייסט אויף די אויגן, קוקט זיך ארום און פארשטייט לאנג נישט ווו ער געפינט זיך. זיין בליק פאלט אויפן גרינעם געלט-פאפירל אין זיין האנט. ער קאן זיך נישט דערמאנען ווי עס קומט צו אים. אבער באלד דערהערט ער איבער זיך א שטים:

— פארקויפט עס?...

זעליק הויבט אויף די אויגן, דערזעט איבער זיך שטיין צוויי פאר-שוינען מיט זייערע בליקן געצילט צום פאפירל. ער ווייס אליין נישט פארוואס, אבער נישט ווילנדיק פארקוועטשט ער דאס פאפירל אין זיין פויסט.

— שרעקט אייך נישט — רעדט דער זעלבער קול — מיר ווילן אייך נישט בארויבן. פאר דעם פאפירל קאנט איר זיך לייטיש אנטאן, גוט אפעסן און עפעס וועט אייך נאך איבערבלייבן. מיר קאנען אייך העלפן... קומט!

זיי האבן זעליקן גענומען פאר די ארעמס, אויפגעהויבן אים און ער האט זיך געלאזט פירן פון די צוויי איבער חורבות, ברוכווארג, ביז זיי זיינען געקומען צו א מערקל. דארט האבן מענטשן פון זעק, קוישן אדער געשטעלן פארקויפט גרינס, אויבסט, שטיקלעך עוף און אלטע שטוב-מכשירים. זעליקן האבן די צוויי אריינגעפירט אין א ביידל מיט בגדים, עפעס זיך געשעפטשעט מיט די פארקויפער, געהייסן זעליקן אראפווארפן פון זיך זיין אפגעטראגן צעריסן אנטועכץ, אים געגעבן א העמד, א רעקל, א פאר הויזן, א היטל און א פאר שיך. זיי האבן ביי אים צוגענומען זיין גרין פאפירל, אים אריינגעשטופט אין דער האנט עטלעכע ארטיקע געלט-פאפירלעך, אים געזאגט אז אצינד זעט ער אויס ווי „אן עכטער גראף" און אויב ער וויל, קאן ער דא, אויפן זעלבן מארק, אויך גוט אפעסן.

פון א טאפ וואס האט זיך געדעמפט איבער צוויי ציגל האט אים די

אלטע פרוי אנגעגאסן א שיסעלע קרויט מיט אנגעבראקטע שטיקלעך פלייש דערין, געגעבן אים א שטיק קארן-ברויט און זעליק האט עס באלד מיט גרויס גיריקייט אין איין אטעם איינגעשלונגען.

הארט ביים אראפגיין פון מארק האט זעליקן אפגעשטעלט דער שערער, וועלכער האט אויסגעמייסטרעוועט זיין פריזיר־אנשטאלט אויף עטלעכע קעסטלעך ביי א וואנט, אויף וועלכער ס'איז געווען אנגעלענט א טיר פון א שאפע מיט א שפיגל אין איר. זעליק האט זיך געלאזט אפ־שערן, אויסגאלן און זיך באשפריצן מיט א שמעקענדיק וואסערל. ער האט באטראכט זיין פיזיאנאמיע אין שפיגל. די „נייע" בגדים זיינען געווען היבשלעך אפגעטראגן, אבער אויסגערייניקט, אויסגעפרעסט און זעליק האט דערפילט צו זיי א היימישקייט. זיי האבן אים דערמאנט אין די ריי־כערע באלעבאטים פון זיין שטעטל...

ער איז ענדלעך אראפ פון מארק און זיך געלאזט גיין קעגן דער זון, וועלכע האט זיך אריבערגעקייקלט פון דרום צו מעריב. די שטראלן האבן אצינד מילד געווארעמט זעליקס פנים און נייע געדאנקען זיינען אים געקומען אין קאפ אריין.

די מענטשן — קויפער און פארקויפער אויפן מערקל — האבן זעליקן אויפסניי צערודערט: עס זיינען, הייסט עס, פאראן מענטשן וואס קויפן, פארקויפן, ארבעטן ערגעץ, וווינען ערגעץ; איז, הייסט עס, דאס לעבן נאך נישט אינגאנצן אויסגעשטארבן... ווי אזוי זשע קריגט מען זיך אריין אין דעם דאזיקן לעבן? וווּ געפינט מען א שפארונקעלע צו אים?...
ער האט זיך אומגעקוקט, ווי זוכנדיק א באשייד אויף זיין פראגע, און ער האט פלוצלונג דערזען, אז ער געפינט זיך אין אן אומבאקאנטער געגנט. אלץ איז דא געווען אנדערש ווי אין יענע ערטער וווּ ער האט ביז איצטער געוואנדערט: די גאסן — געררוים, מער באלעבט, די טראטוארן ברייט און ריין. פון ביידע זייטן האבן זיך הינטער פארצוימונגען געהויבן נייע מעכ־טיקע בויונגען. באלד איז ער צוגעקומען צו א נייער גרויסער געביידע. מענטשן זיינען אריין און ארויס דורך א ברייטער ציכטיק באגלאזטער פראנט־טיר. אויפן אונטערשטן שטאק האט זעליק באמערקט עטלעכע שיינע געוועלבער, א קאפע־הויז, וווּ מענטשן זיינען געזעסן ביי טישלעך, גע־טרונקען קאווע, געררויכערט און געמיטלעך געשמועסט. דער פארלאנג צו געפינען א וועג צום נייעם לעבן איז ביי זעליקן נאך שטארקער געווארן. ער האט אלץ געשפאנט פארויס און פארויס און דער געדאנק וועגן ווי־דערלעבן האט אים געעקבערט און געעקבערט אין מוח...

מיטאמאל איז ער געבליבן שטיין מיט א פארכאפטן אטעם — ער האט

דערהערט שפּילן מוזיק. ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען אַ פליגל פון אַ געביידע וואָס האַלט זיך נאָך אין בויען. פון דאָרט האָבן זיך גע־טראָגן די מוזיק־קלאַנגען. עס האָבן געשפּילט אַ פּיאַנע, אַ פידל און אַנדערע אינסטרומענטן. דאָס שפּילן איז געווען פאַרשידן: דאָ — אומזיכער, אומבאַהאָלפן און באַלד — מיט געניטקייט און מייסטערשאַפט און ווידער דאָס זעלבע און ווידער — צוריק. זעליק האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ מוזיק־שול פאַר קינדער און דאָס שפּילן איז אַמאָל פון תּלמידים און אַמאָל פון די לערער... ער איז געבליבן שטיין ווי צוגעשמידט צום אָרט, געשלונגען די טענער מיט גרויס הנאה. אַ גליקלעכער שמייכל האָט זיך צוגאָסן איבער זיין פּנים: אָט דאָס איז עס! דאָ האָט ער דעם שליסל מיט וועלכן ער וועט אָן עפן טאָן די טירן פון זיין מאָרגנדיקן לעבן. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיינע העפטלעך, זיך אַ טאַפּ געטאָן פאַר דער ברוסט און... ווײַ! נישטאָ!... ער האָט זיי אַרויסגעוואָרפן ביינאַנד מיט זיינע אַלטע קליידער... ער האָט זיך ראָש אומגעדרייט און צו דער גרויסער שטוינונג פון די פאַרבייגייער, זיך געלאָזט ווילד לויפן צוריק...

דער מאַרק איז שוין געווען האַלב ליידיק. די לעצטע הענדלער האָבן פאַרפּאַקט זייערע איבערגעבליבענע סחורה און זיך געלאָזט צום אַרויס־גאַנג. צום גליק איז דאָסביידל פון די קליידער נאָך נישט געווען גע־שלאָסן, אָבער די מענטשן האָבן לאַנג נישט פאַרשטאַנען, וואָס זעליק פאַרלאַנגט פון זיי. זיי האָבן געמיינט, אַז ער האָט חרטה אויפן משא־ומתן און מיט כּעס אַ וואָרף געטאָן צו זיינע פיס די אַלטע בגדים.

— זאָל ער צוריקנעמען זיינע שמאַטעס, אויב ער וויל!...

זעליק האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין אַלט רעקל, אַ נישטער געטאָן אין די בוזעם־טאַשן און ...דאָס בלוט איז אַנטלאָפן פון זיין פּנים...ער האָט זיך, ווי אַן אָבל, אין גרויס צער זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד...

די מענטשן האָבן מיט מיטלייד באַטראַכט זעליקן און האָבן אים פאַרזיכערט, אַז קיינע געלטער אָדער ווערט־זאַכן זיינען אין די טאַשן נישט געווען, בלויז פּאַפּירלעך, העפטלעך...

— יאָ, העפטלעך — האָט זעליק מיט אַ טראָפּן האָפענונג אויסגע־רופן — העפטלעך... ווו זיינען זיי?

— אַלע פּאַפּירן — האָט מען אים געענטפערט — גיבן מיר אַוועק דער הערינג־הענדלערין צו וויקלען אין זיי די הערינג וואָס זי פאַרקויפט. אָבער ער קאָן גאַנץ רויק זיין. זי האָט עס זיכער נאָך נישט באַוויזן אויסצונוצן. מאָרגן זאָל ער אַהער קומען וועט ער זיינע פּאַפּירלעך זיכער צוריק האָבן...

מארגן... מארגן... ווי דערלעבט מען שוין דעם מארגן?,,,

א גאנץ לעבן האט זעליק נישט פארגעסן יענע אומרויקע נאכט... ער איז שוין פון מארק נישט אפגעטראטן... באשלאסן דא איבערצו־שטופן די נאכט... לאנג האט ער אומגעקרייזט דעם מארק: א הקפה — אהער, א הקפה — אהין און ווידער — אהער און ווידער — אהין, ביז די פיס האבן זיך אים גענומען ברעכן פון מידקייט... ער איז ווידער אדויף אויפן מארק, צעגויפגערוקט עטלעכע קעסטלעך, אונטערגעלעגט דעם פויסט אונטערן קאפ און זיך באמיט איינצושלאפן...

...עמעץ האט אים א פויק געטאן אין דער פלייצע, עפעס אזוי ווי א פויגל זאל אים פיקן מיטן שנאבל... ער האט זיך אומגעקוקט און דערזען א גרויסן פיש — א הערינג — שוועבן אין דער לופטן גלייך אויף זעליקן, ווי ער זאל אים וועלן דורכשטעכן... זעליק האט איינגע־הילט זיין קאפ אין די ארעמס און שטייף צוגעשלאסן די אויגן... ער האט פלוצלונג דערהערט א שארף שפיציק געלעכטערל... ער האט זיך ווידער אומגעקוקט — קיין שפור פון דעם הערינג. אנשטאט אים איז קעגנ־איבער זעליקן א הויכער לץ מיט רויטע האר... ער האט א שטרעק אויס געטאן צו זעליקן זיינע לאנגע הענט און זעליק האט דערזען זיינע העפט־לעך. ער האט זיך א ציי געטאן צו זיי, אבער דער לץ האט זיך א דריי אויס געטאן אין א זייט און פארשטעקט די העפטלעך אין די טאשן פון זיינע ברייטע פלודערן. פון דארט האט ער גענומען שעפן גאנצע זשמעניעס נאטן אוןווארפן זיי אין דער לופטן, קייכנדיק דערביי מיט זיין שפיציקן געלעכטערל. די נאטן האבן ווי פליטערלעך געשוועבט אין דער לופטן און ווי לייכטע שנייעלעך לאנגזאם געפאלן אויף דער ערד. זעליק האט געפרוווט זיי כאפן. ער האט אונטערגעשטעלט זיין היטל, די פאלעס פון זיין רעקל, אבער קיין איין נאטקעלע איז צו אים נישט אריינגעפאלן... דעם רויטנס געלעכטערל האט זעליקן געשניטן אין די געהירן. ער האט פארשטאפט די אויערן מיט די הענט. ווידער האט ער דערפילט א פויקן אין פלייצע. ער האט באשלאסן מער זיך נישט אומקוקן, אבער דאס פויקן איז געווארן צודרינגלעכער און ער האט דערהערט א געבייזער:

— זיך צעלייגט ווי ביי זיין טאטן אין ווייגארטן!... דא איז נישט קיין אכסניה.

זעליק האט אויפגעריסן די אויגן און זיך דערמאנט ווו ער געפינט זיך. דער מארק איז שוין געווען באלעבט. די הענדלער האבן צעשטעלט זייערע סחורות. ערגעצווו האבן זיך שוין באוויזן קויפער... זעליק האט זיך אומגעקוקט, געזוכט מיט די אויגן א פרוי וואס פארקויפט הערינג.

זיין בליק איז געפאלן אויף יענער אלטער מיטן טאפ אויף די צוויי ציגל. זי האט זעליקן געזאגט, אז די הערינג־הענדלערין איז נאך נישטא, אז זי קומט אלעמאל שפעטער, ווייל זי גייט יעדן פרימארגן צו די פראכט־וואגאנעס. דארט ארבעט אירער א שוואגער און ער „שאפט" עס פאר איר די סחורה. אמאל פארהאלט זי זיך דארט לענגער, ווייל דער שוואגער איז פארנומען און אמאל געלינגט אים גארנישט צו „שאפן". אין אזא פאל וועט יענע שוין קומען נישט היינט, נאר מארגן...

„ווידער מארגן..." זעליקן איז באפאלן א שרעק. ער האט זיך גע־לאזט שנעל אוועקגיין פון מארק, ווי וועלנדיק אנטלויפן פון דעם שרעק־לעכן ווארט. ער איז לאנג געגאנגען צווישן חורבות, לכתחילה שנעל, שנעל, ביסלעכווייז האט ער פארלאנגזאמערט זיין גאנג, זיך אביסל בארויקט און גענומען טראכטן, אז אזוי ארום פארלירט ער אלץ... ער האט זיך אויסגעמאלט אין געדאנק א שוידערלעך בילד: פון זיינע העפטלעך ווערן געריסן בלעטל נאך בלעטל און געוויקלט אין דעם הערינג. שפעטער ווערן די פעטע פאפירלעך ארויסגעווארפן אין מיסט... זיין הארץ ווערט געריסן שטיקלעכווייז און געווארפן פאר די הינט...

ער האט דערפילט א פויקן אין די שלייפן און אן ענגשאפט אין האלדז... „און אפשר איז נאך נישט אלץ פארפאלן" — האט ער זיך גענומען טרייסטן... ער מוז צוריקגיין, דערגיין, ווו מען קאן די אלטע געפינען און ראטעווען, ראטעווען וויפל נאר ס'לאזט זיך...

דער מארק האט אים באגעגנט ווי אן אלטן באקאנטן. די הערינג־הענדלערין איז שוין געווען. זי האט שוין אלץ געוווסט. זי האט זעליקן געגעבן א קוישל מיט אנגעזאמלטע פאפירן און — אדרבא — זאל ער אליין זען, און וואס ס'איז זיינס קאן ער זיך נעמען.

זעליקס אויסזען נאכן איבערקוקן אלע פאפירלעך האט ביי די ארו־מיקע ארויסגערופן גרויס מיטלייד. אזוי דערשלאגן האט ער אויסגעזען. אנדערע האבן געפאדערט ביי דער הענדלערין, זי זאל זיך דערמאנען, אפשר האט זי נאך עפעס אינדערהיים איבערגעלאזט. אבער יענע האט פארקעשנט געטענהט, אז אלע פאפירן האט די דא אין קיישל, סיידן נאטן.

— נאטן ?! — האט זעליק אויפגעלעבט — נאטן ? און ווו האט זי די נאטן ?

— אויב נאטן, קאן ער זיין גאנץ רויק... זיינען זיי גאנץ... איר שכן, דער אלטער מוזיק־פראפעסאר, ער זאמלט יעדעס פאפירל, אבי אין דעם זאל זיין כאטש איין נאטקע... ער גיט איר דערפאר גאנצע צייטונ־גען און זשורנאלן און אן אנדערשמאל — געלט... אויך נעכטן האט

ער ביי איר גענומען עטלעכע קינדערשע העפטלעך, צוגעזאגט נאכן דורכ־שטודירן פיין באלוינען פאר זיי...

און באטראכטנדיק זעליקן, ווי עס מינערן זיך די קאלירן אויף זיין פנים, האט זי, וועלנדיק אים בארויקן, געזאגט:

— ער קאן גאנץ זיכער זיין, אז זיינע פאפירלעך זיינען גאנץ. יענער היט אפ די נאטן ווי זיין שווארצאפל פון אויג. אויב זעליק וויל, קאן ער צוווארטן. זי וועט פארקויפן די סחורה, וועט זי אים מיטנעמען אהין אין יענער צפונדיקער פארשטאט, ווו זי און איר שכן ווינען. און אויב ער האט נישט קיין געדולד, קאן ער אליין באלד צושפאצירן צו דער מוזיק־שול. דארט וועט ער דעם אלטן געוויס טרעפן. ער הויזט דארט מער ווי אינדערהיים... די מוזיק־שול קאן ער לייכט געפינען: באלד נאכן ניי אויפגעבויטן גרויסן הויז, דאס רעגירונגס־הויז... יעדער איינער וועט אים ווייזן...

זעליק האט פארשטאנען, אז דאס איז טאקע יענע שול פונוואנען ער האט געהערט שפילן. ער האט געפרווט איבערפרעגן, אבער מען האט אים פארזיכערט, אז קיין אנדערע אזעלכע שולן זיינען מער אין דער שטאט נישט פאראן און אז די איינע איז נאך אויך האלב נישט דערבויט.

די הערינג־פארקויפערין האט נאך אלץ אין אים ארייננגערעדט:

— זאל ער זיך פרעגן אויפן פאן מיקלאשעווסקי... פראפעסאר מיקלאשעווסקי... יעדער איינער קען אים. דאס איז אזא פיינער מאן. ער וועט זיכער נישט פארלייקענען די העפטלעך. יעדנפאלס קאן ער זאגן, אז דאס האט אים געשיקט סטעפאניא... סטעפאניא איז מיין נאמען... און זאל ער נישט פארגעסן — מיקלאשעווסקי...

זעליק האט זיך געלאזט גיין אין דער שוין באקאנטער ריכטונג און וואס מער ער האט זיך דערנעענטערט צו די שענערע גאסן, אלץ שטארקער איז געווארן זיין האפענונג אז ס'וועט זיך גוט ענדיקן...

„עס וועט זיך גוט ענדיקן" — האט זעליק א טראכט געטאן — „אויב די ענדע וועט זיין אן אנהויב פון א ניי לעבן"... וואס אזוינס דאס נייע לעבן זאל זיין, קאן זיך זעליק קוים אויסמאלן, אבער ס'וועט אים לכל הפחות ארויסשלעפן פון דעם תהום, פון דער אויסזיכטלאזיקייט אין וועלכער ער זינקט אלץ טיפער און טיפער...

„מיקלאשעווסקי" האט ער זיך געחזרט אין געדאנק... מיקלאשעווס־קי?... פלוצלונג האט עפעס א בליץ געטאן אין זכרון... נו, יא, ער דערמאנט זיך: אין יענעם טרויעריקן טאג, ווען מען האט אים אזוי

ברוטאל ארויסגעוואָרפן פון דער מוזיק־שול... דער לעצטער געשפּרעך מיטן לערער פון האַרמאָניע... ער זעט פאַר זיך געגנוי יענעמס פאַר־זאָרגט פּנים און ער געדענקט נאָך גוט יענעמס אַנגענעמע רייד, אַז „אַזאַ באַגאַבטן יונגנמאַן האָט ער שוין לאַנג אין זיין פּראַקטיק נישט געהאַט און אַז עס איז אַ פאַרגעניגן אַזאַ איינעם איבערצוגעבן די נויטיקע ידיעות און צו האָבן דאָס געפיל, אַז מען האָט אויך אַ שטיקל חלק אין אויס־פורמען אַ באַדייטנדיקן טאַלאַנט..."

נו, יאָ — מיקלאַשעווסקי... אַזוי האָט ער דאָך געהייסן — מיק-לאַשעווסקי...

זעליק האָט פאַרשנעלערט זיינע טריט.

.2

אַזויפיל יאָרן זיינען פאַרביי, אַזויפיל האָט זיך פאַר דער צייט גע־ביטן אין זעליקס לעבן. דאָס זיינען געווען יאָרן אָנגעלאָדענע מיט גרויסע געשעענישן; יאָרן פון שעפערישקייט און דערגרייכונגען און יאָרן פון צווייפל און דורכפאַל; יאָרן פון באַפרידיקטע שטרעבונגען בייַנאַנד מיט ווייטיקפולע אַנטוישונגען. אין רעזולטאַט — יאָרן פון אויפשטייג ביז גאָר הויכע שטאַפּלען... און דאָך איז ביי זעליקן פאַרבליבן פריש אין זכרון יענער טאָג. נאָכמער: ער אַליין האָט ליב נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערצולעבן אין זיין געדאַנק יענע זיסע רגעס, ווען דעמלט, דערגרייכנ־דיק דעם בנין פון דער מוזיק-שול, האָט ער דערהערט שפּילן עפּעס באַ־קאַנטס. אַ ווײַלע האָט ער זיך נישט געקאָנט דערמאָנען וואָס דאָס איז אַזוינס. עפּעס גלייך ווי מען הערט ריידן אַ באַקאַנטע שטים און מען כאַפּט זיך נישט באַלד וועמען זי געהערט. ער איז געבליבן שטיין, זיך צוגעהערט צו די קלאַוויר־טענער וואָס האָבן פון אינערהאַלב דער שול צו אים דערגרייכט... באַלד איז ווי אַן עלעקטרישער שטראָם דורכגע־גאַנגען זיין קערפּער... געצויגן ווי דורך אַ מאַגנעט האָט ער זיך געלאָזט נאָכגיין די קלאַנגען. ער איז אַרויף אויף די טרעפּ, שנעל דורכגעשפּרייזט דעם קאָרידאָר, אַ רגע זיך פאַרהאַלטן אויפצוכאַפּן פונוואַנען דאָס שפּילן קומט, ער האָט, נישט אָנקלאַפּנדיק און נישט פרעגנדיק, אָן עפן געטאָן די טיר, אַריין אין צימער און געבליבן שטיין פאַרבליפט... אַזאַ געפיל האָט מסתמא אַ פרוי ווען זי דערהערט צום ערשטן מאָל פון איר קינד דאָס וואָרט „מאַמע"... אַן עלטער מאַן איז געזעסן איבערגעבויגן איבערן קלאַוויר און געשפּילט פון זעליקס העפטלעך אַרויס...

זעליק האט אויף די שפּיץ פינגער זיך דערנענטערט צום שפּילער, פארהאלטן דעם אָטעם זיך נישט ארויסצוגעבן און געהאָרכט, געהאָרכט... ביסלעכווייז איז פארשוואונדן דאָס צימער, דער קלאַוויר, דער אַלטער מאַן. ער האט זיך ווידער געפונען אין דער סמאָלע־גרוב... אין אַ העפטל אויף אַן איבערגעקערטן פּעסל און מיט אַ בלייפעדער אין דער האַנט האט ער געשריבן, געשריבן שנעל מיט אַ פארכאַפּטן אָטעם און מיט אַ געפּויקערײַ אין די שלייפן... אָבער אַצינד האט יעדע אָנגעשריבענע נאָטע אָפּגעהילכט מיט אַן עכאָ, יעדע אָנגעשריבענע שורה האט אים באַלד אויסגעשפּילט אַ מוזיקאַלישע פראַזע... באַלד האט ער אָבער באַמערקט, אַז ער שרייבט גאָרנישט, נאָר ער פירט מיט דער האַנט צום טאַקט פון דער געשפּילטער מוזיק. זיין פּנים האט זיך צעפלאַמט, אין די אויגן האט זיך אָנגעצונדן אַ פייערל. ער האט זיך פארגעסן ווו ער געפינט זיך. אים האט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס רופט ער אַרויס מיט זיינע האַנט־באַוועגונגען די געגאַרטע טענער.... אָבער פּלוצלונג האט ער זיך אַליין איבערגעריסן, זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ, צוגעשלאָסן די אויגן און, נישט הערנדיק זיין אייגענע שטים, אויסגערופן:

— ניין... ניין... נישט אַזוי!...

דאָס שפּילן האט זיך פּלוצלונג איבערגעריסן... דער אַלטער האט זיך אומגעקערט, פארוואונדערט באַטראַכט דעם אומבאַקאַנטן פּאַרשוין, וואָס איז געשטאַנען האַרט הינטער זיין פּלייצע, פון גרויס איבערראַשונג אַ שאַר אַרויף געטאָן די ברילן אויפן שטערן און אַ מורמל געטאָן:

— וואָס ווילט איר...?

ער האט זיך פארהאַקט... עפּעס האט אַ בליץ געטאָן אין זיין געדאַנק, אָבער באַלד פארשאָטנט געוואָרן. ער האט פארזשמורעט די אויגן, אָנגעשטרענגט דעם זכרון, געוואָלט אָנכאַפּן אַ פאָדעם וואָס פארבינדט אים מיט דעם פרעמדן, אָבער ווידער איז טונקל געוואָרן אין זיין מוח...

זעליק האט זיך דערפילט אומהיימלעך פון יענעמס דורכדרינגענדיקן בליק און, ווי וועלנדיק זיך פאַרענטפערן, האט ער, נישט וויסנדיק פון וואָס אָנצוהייבן, אַ וויַיז געטאָן אויף די נאָטן און אַ שטאַמל געטאָן:

— סטעפאַניאַ...

דער אַלטער האט אָבער נישט באַמערקט זעליקס האַנט־באַוועגונג און נישט געהערט אים. ער האט אַראָפּגענומען די ברילן מיט דער לינקער האַנט און מיט דער רעכטער גענומען רייבן דעם שטערן, ווי וועלנדיק אַרויסקוועטשן פון דאָרט אַ לאַנג פאַרגעסענע פּאַסירונג, וואָס איז, ווי אים דוכט זיך, זייער נויטיק אַצינד צו וויסן...

זעליקן איז באפאלן א שרעק. אים האט זיך אויסגעוויזן, אז זיינע העפטלעך פארשווינדן ווידער פון אים און דאסמאל — שוין אן א שפור. ער האט מיט א בעטנדיקן קול ארויסגערעדט:

— איר זייט דאך דער פאן מיקלאשעווסקי...

ביים אלטן איז פלוצלונג ווי א שלייער אראפגעפאלן פון די אויגן און ער האט נאכאמאל באטראכט זעליקן, אבער דאסמאל — מיט ברייט צעעפנטע אויגן...

— יא, יא מיקלאשעווסקי... אבער ווארט נאר... איר זייט דאך... נו, יא, איך דערמאן זיך: מען האט אייך דאן באזייטיקט... צוליב אייער אפשטאם... צו אונדזער גרויסע שאנדע און באדויערן... ווייל, ווי איך געדענק, האט איר ארויסגעוויזן נישט קיין דורכשניטלעכע פעיקייטן... ווי פרייט עס מיך אייך ווידער צו טרעפן... א לעבעדיקן... נאך אזא חורבן...

דער אלטער האט נאך לאנג גערעדט. גערעדט אזוי מילד און האר-ציק, עפעס דערציילט, אויף עפעס זיך נאכגעפרעגט, אבער זעליק האט אים שוין נישט געהארכט. ער האט מיט פארבענקטע בליקן געקוקט אויפן קלאוויר און אין אנגסטן געטראכט: ווער ווייס, צי וועט ער קאנען א־ציגנד דערווייזן, אז דאס איז זיינס, אז דאס האט זיך ביי אים אין אזעלכע און אזעלכע אומשטענדן ארויסגעזונגען, ווער ווייס?... ער האט א שפרייז געטאן צום קלאוויר, א כאפ געטאן פון דארט דאס העפטל, א פאך געטאן דערמיט פארן אלטנס אויגן און מיט א וויינענדיקן קול א כליפע געטאן:

— דאס... סטעפאניא...

— הא? — האט דער אלטער איבערגעריסן זיינע אייגענע רייד — סטעפאניא?... איר ווילט זאגן, אז דאס האט איר...

— יא יא... — האט זעליק גענומען ריידן שנעל, שנעל, ווי מורא האבנדיק מען זאל אים נישט איבעררייסן אינדערמיט און לאזן אויסריידן אלץ ביזן סוף — יא, איך... אין א סמאלע־גרוב, אין האלב־פינצטער־ניש... — זעליק האט פארגלייזט די אויגן, ווי ער וואלט זיך איבער־געטראגן אין אן אנדער וועלט — מחנות האט מען זיי געפירט: זקנים, פרויען, קליינע קינדער... דערנאך דער פרישער קבר וואס הוידעט זיך... — ער האט א שטרעק געטאן דאס העפטל צום אלטנס פנים — אט דא האב איך עס ארייגגעזונגען... פארשריבן... אליין געווירעט די נאטן־ליניעס... שפעטער עס פארגעסן אין אלטן אנטועכץ און דער־נאך... סטעפאניא... און ער האט פארענדיקט מיט א הארצרייסנדיקן

געבעט — ס׳איז מיינס.. איר זייט דאך דער פאן מיקלאשעווסקי, איא?...

ביזן טויט וועט עס זעליק נישט פארגעסן, ווי זיי זיינען דאן, ביי־נאנד מיט זיין אלטן לערער, געזעסן ביים קלאוויר און געשפילט זיין מוזיק... זעליק האט דעם לערער אונטערגעזאגט די טעמפאס, ווי ער פילט זיי און דער אלטער האט געמאכט צייכנס, צורעכט געמאכט גרייזן אין האלבע טענער און אין ריטם. זעליק האט זיך דערמאנט די רייד פון זיין אמאליקן פראפעסאר, אז „צום בלויזן שאפן איז גענוג טאלאנט, אבער קוים ווילסטו, אז אנדערע זאלן פון דיין ווערק געניסן, מוזסטו זיך באנוצן מיט א סך אלף־ביתן״; א כוואליע פון פריידיקער האפענונג האט איבערגעפילט זעליקס הארץ: יא, יא, אצינד וועט ער די אלע אלף־ביתן דערלערנען...״

דערנאך זיינען זיי מיטן לערער לאנג געזעסן און געשמועסט אונטן אין קאפע-הויז. גערעדט האט מערסטנס דער אלטער. ער האט דערציילט, אז די מלחמה האט חרוב געמאכט אונדזערע קולטור־ווערטן.... מיר מוזן עס מיט אונדזערע אייגענע כוחות צוריק אויפשטעלן. אויף אונדזער חלק פאלט אויס צו מאכן ארדנונג אין אונדזער מוזיקאלישער ווירטשאפט. ליידער האבן מיר ווייניק געהעריקע מענטשן דערצו... פאכלייט האלטן זיך ליידער פונדערווייטנס צוליב פאראורטיילן צו דער איצטיקער רע־גירונג... אונדזער אלטע נאציאנאלע חולאת — שפייען אין אייגענעם ברונעם... איז אויב ער, זעליק, וויל זיך אנשליסן, וועט זיך פאר אים געפינען זייער פיל וואס צו טאן. קודם דארפן מיר אפראטעווען אלץ וואס איז ערגעצוו פארבליבן פון פאר דער מלחמה. וואס אנבאלאנגט זעליקס ווערק, גלויבט ער, דער אלטער, אז דאס וועט זיין א ווירדיקער אנהייב פון א נייער עפאכע אין דער מוזיק פון אונדזער פאלק... עפעס א מין נאכמלחמהדיקע קלאסיק... אבער דאס פאדערט צייט עס גענוי דורכ־צושטודירן און ווי געהעריק באארבעטן. דאס — אויב זעליק איז איינ־שטימיק — נעמט ער, דער לערער, אויף זיך, אבער קודם כל מוזן מיר זיך פארנעמען מיט, אזוי צו זאגן, שווארצער ארבעט...

צי איז זעליק איינשטימיק?... דאס הארץ איז פון גרויס פרייד שיעור ביי אים פון ברוסט נישט ארויסגעשפרונגען... א ווילדער פאר־לאנג איז אים באפאלן צו צופאלן צום אלטנס הענט און קושן זיי פון גרויס דאנקבארקייט, אבער מיקלאשעווסקי האט שוין גערעדט וועגן זאכ־לעכע טאגטעגלעכע ענינים — ווי אזוי זעליקן פארלויפיק צו פארזארגן.

נאך לאנגע חדשים הונגער און וואגלעניש האט זעליק דעם זעלבן

אוונט געגעסן א נארמאלן מאלצייט און די זעלבע נאכט — געשלאפן אויף א לייטישן געלעגער.

3.

מערקווירדיק. די גרעסטע טייל פון זיין לעבן איז זעליק געווען דערווייטערט פון יידן און יידישקייט, און היינט, ווען ער האט אריבערגעשפרייזט די זעכציק, גראד אצינד ווען ער איז אזוי עולה לגדולה געווארן נישט אויף דער יידישער גאס, האט ער פלוצלונג דערשפירט א באדערפעניש צו יידיש לעבן, א בענקשאפט צו יידישע מענטשן... ער פרוווט זיך דערמאנען, ווען און ווי אזוי דאס איז צו אים געקומען און ער קומט צום אומגלויבלעכן אויספיר, אז דעם ערשטן שטויס דערצו האט געגעבן דווקא דער טייערער, איידעלער און גוטהארציקער מיקלאשעווסקי.

דער אלטער לערער האט דאן זעליקן צוגעטוליעט און געזארגט פאר אים ווי אן אייגענער פאטער. שוין באלד צומארגנס נאך זייער ערשטער באגעגעניש איז זעליק געווען פארזארגט מיט א וווינונגס־פלאץ און מיט מיטלען צום לעבן, אבער דער עיקר — מיט א טועכץ וואס איז אים גע־ווען נאענט צום הארצן. אונטערן לערערס אויפזיכט האט זעליק געארבעט ביים זאמלען, סארטירן, דערגאנצן און גרייטן צום דרוק נאטן סיי פאר דער שול און סיי פארן ברייטן פארקויף. מיקלאשעווסקי האט זעליקן ביסלעכווייז אריינגעצויגן אין דער פעדאגאגישער ארבעט, געגעבן אים צו פירן א ייִנגערן קלאס פון פידל־שפיל. אין דער זעלבער צייט האבן זיי ביידע געארבעט איבער זעליקס העפטלעך. דער אלטער האט גערעדט מיט אנטציקונג וועגן זעליקס מוזיק, געזאגט, אז דאס איז עפאכע־מאכנדיק און אז אויב זעליקן וועט געלינגען צו שאפן כאטש נאך איין זאך פון זעלבן ווערט, דערווארט אים א גאר גרויסע קאריערע. ער האט פארגע־לייגט דאס קודם כל צעשרייבן פארן סימפאנישן ארקעסטער, ער איז איבערצייגט, האט ער געזאגט, אז דאס וועט מאכן א גרויסן רושם און דאן וועט נישט שווער זיין צו איבערצייגן דארט ווו מען דארף דאס ארויסצוגעבן אין א מאסן־אויפלאגע. ער איז זיכער, האט ער צוגעגעבן, אז זעליקס נאמען וועט דאן בארימט ווערן נישט נאר ביי אונדז אין לאנד נאר ווייט אריבער די גרענעצן.

זיין נאמען?... היינט גיט עס זעליקן א שטאך אין הארצן, ווען ער דערמאנט זיך יענעם איינציקן אומאנגענעמען געשפרעך מיט זיין אלטן פריינד.

מיט וואס פארא פרייד האט ער דעם לערער צוגעהאלפן ביים אר־

קעסטרירן זיין אייגענע מוזיק. ער האט דערביי אויפגעלעבט אין זיין זכרון יענע אלף־ביתן וואס ער האט ביי דעם זעלבן לערער אין דער יוגנט גע־לערנט. און מיטאמאל האט זיך אין דער פרייד ארייגעריסן דער גרילץ וואס פארפאלגט אים עד היום.

ווען אלץ איז געווען פארענדיקט און ס'איז בלויז פארבליבן אנצו־שרייבן די שער-בלאט, האט זעליק פארגעלייגט עס צו טיטולירן „דער זיך הוידנדיקער קבר". דער לערער האט זיך א קרים געטאן און געזאגט, אז דאס איז צו מאקאבריש און פארגעלייגט אן אנדער טיטל: „רעקוויעם". נאך א קורצן ישוב הדעת איז געבליבן „רעקוויעם נאך מיליאנען". דאן האט דער לערער א בליק געטאן אויף זעליקן און געפרעגט:

— ווי איז אייגנטלעך אייער פולער נאמען?

— זעליק פישמאן.

דער אלטער האט זיך איבערגעבויגן מיט דער פעדער אין האנט איבער די נאטן, האט אבער נישט געשריבן, נאר פאר זיך געמורמלט:

— רעקוויעם נאך מיליאנען. מוזיק פון זעליק פישמאן, אראנזשירט — יאן מיקלאשעווסקי.

און ער האט עפעס מאדנע א קרים געטאן מיט די ליפן און גע־שעפטשעט: „זעליק פישמאן. יאן מיקלאשעווסקי..." און ביי זעליקן אין הארצן האט זיך ווי עפעס אפגעריסן. ער האט דייטלעך געזען א חוזק־גרימאסע אויפן לערערס פנים.

און דאן האט זיך אנגעהויבן דאס אומאנגענעמע געשפרעך, וואס זעליק דערמאנט זיך מיט א ביטערן געפיל שוין אזויפיל יארן נאכן אלטן פריינדס טויט.

— „זעליק פישמאן ... צי געפינט איר נישט, אז אזא נאמען קלינגט נישט צו... מוזיקאליש? ..‎.ו. כ'מיין, נישט זייער סלאוויש, האו?

זעליק האט אנגעקוקט דעם אלטן מיט ברייט צעעפנטע אויגן פון גרויס פארוואונדערונג.

— מאכט נאר נישט, איך בעט אייך, אזא אומגליקלעך פנים און נעמט עס נישט אויף אזוי עמאציאנעל. איר זייט דער מחבר פון א מוזי־קאליש ווערק, וואס וועט אייך, לויט מיין טיפסטער איבערצייגונג, מאכן א גרויסן רושם ביי זאכקענער. איר וועט, אן צווייפל, דערווערבן גרויס אנערקענונג. איז דען דאס וויכטיק אונטער וואס פארא נאמען איר וועט באקאנט ווערן? ... מיר מוזן לעבן מיט דער רעאליטעט... מיר קאנען ליידער נישט איגנארירן געוויסע איינגעבוירענע געוויינהייטן און פאר־אורטיילן... דער קליינער קרבן איז ווערט געבראכט צו ווערן אויפן מזבח

פון אונדזער פאלקס־קולטור... איבעריקנס זייט איר נישט דער ערש־טער... איר וועט זיי געוויס באגעגענען די היינטיקע קראַוטשינסקיס, פּיעקארסקיס און קשאנדזשקעוויטשעס — די געוועזענע שניידערמאנס, בעקערמאנס און בוכמאנס...

מיקלאשעווסקי האט נאך לאנג גערעדט, אבער זעליק האט שוין נישט געהערט. אים האט זיך אויסגעוויזן, אז שוין ווידער וויל מען ביי אים צורויבן זיינע העפטלעך, דאסמאל אויף זייער אן איידעלן אופן אבער שוין אויף שטענדיק... ער האט זיך פארשלאסן אין זיך, נישט דערווידערט, ווען דער לערער האט אים פארגעלייגט צו בייטן זיין נאמען אויף זביג־ניעוו קארפּאוויטש, ווייל „דאס קלינגט אריגינעל און נישט איבערגעטראגן פון א פרעמדער שפּראך"...

אפילו די „פרעמדע שפּראך" האט זעליקן נישט גערירט, אזוי באַ־הערשט איז ער געווען פון שרעק נישט צו פארלירן זיינע העפטלעך...

דער גרויסער נצחון אבער האט פארווישט אלע פארדרוסן און פאר־באהאלטן. און אנגעקומען דער נצחון איז ווי א שטורעם־ווינט. באלד אויפן ערשטן קאנצערט איז זעליק ממש באפאלן געווארן פון סענסאציע־דורשטיקע צייטונגס־לייט. עמעצער פון די אנוועזנדיקע מאכטהאבער האט זעליקן הייס געדריקט די האנט, געזאגט, אז זיין מוזיק האט נישט נאר א הויך קינסטלעריש ווערט, נאר איז נאך אפשר ווערטפולער צוליב דער אקטועלקייט און דאס איז אין די געגעבענע באדינגונגען אפשר נאך וויכטיקער, און אז ער דאנקט אים אין נאמען פון גאנצן פאלק. דאס איז באלד אויפגעכאפט געווארן דורך דער פרעסע און דער נאמען זביגניעוו קארפּאוויטש איז בליץ־שנעל פּאפּולער געווארן. מיקלאשעווסקין איז נישט שווער געווען צו פועלן, דער מלוכישער פארלאג זאל די נאטן אפדרוקן. די ערשטע אויפלאגע איז באלד פארשוווּנדן פון די בוכהאנדלונגען, אזוי אויך א צווייטע און א דריטע. גרויסע נאכפראגעס און ווארעמע אפרופן זיינען אויך אנגעקומען פון אויסלאנד. אין ווירבל פון די געשעענישן איז נישט פארבליבן קיין צייט נאכצוטראכטן וועגן עוולות, קיין ארט פאר פאר־דרוסן...

איז אבער דער אנגריף געקומען פון אן אנדער זייט.

פון אלע פארמלחמהדיקע פריינד און באקאנטע האט זעליק געטראפן גראד דעם מיט וועמען ער האט אמווייניקסטן געגארט זיך צו באגעגענען.

געווען איז דאס אויף אן אקאדעמיע געווידמעט א מלוכישן יום טוב. אין קאנצערט־טייל איז אויך געשפּילט געווארן זעליקס מוזיק. ער איז ביינאנד מיט מיקלאשעווסקין געזעסן אין א לאזשע, ווען מען האט גע־

מאלדן דעם אויפטריט פונם בארימטן אפערע־סאליסט. זעליק האט פאר־הערט דעם נאמען, אבער דערזעענדיק דעם ארויסגעקומענעם זינגער האט זעליק דערשפירט, אז ער האט דעם מענטשן שוין ערגעצוו געזען. ער האט אנגעשטרענגט זיין זכרון און זיך נישט געקענט דערמאנען. אבער ווען עס האבן זיך איבערן פול געפאקטן זאל געטראגן די קלאנגען פון דעם מעכ־טיקן באס, האט פון אונטערן פראק מיטן אנגעקראכמעליעטן העמד ארויס־געשפארט דער פויערישער געשטעל... דער זינגער מיט דער עסטראדע זיינען פלוצלונג פארשוואונדן און זעליק האט פאר זיך דערזען, ווי יענער וואלגערט זיך אין זיינע שטיוול אויפן געלעגער... און ער האט שוין נישט געצווייפלט — „נו, יא! דאס איז ער דאך, פעלעק!" פארעלטערט געווארן, אבער מיטן זעלבן זעלבסטזיכערן אויסדרוק... נאך אפשר מער זעלבסטזיכער ווי אמאל...

— יא, יא, דאס איז נישט קיין אנדערער, נאר פעלעק — האט זעליק אליין נישט באמערקט ווי ער רעדט אויפן קול.

מיקלאשעווסקי האט דאס אויפגעכאפט מיט פרייד:

— אהא, איר האט אים דערקענט דעם חבר פון דער יוגנט... מיר וועלן שפעטער צו אים ארייגגיין... ער וועט זיך זיכער דערפרייען צו באגעגענען א פריינד פון די סטודענטן־יארן און דערצו נאך אזא בא־רימטן... איבעריקנס וועלן מיר נאכן קאנצערט גיין אויפן באנקעט, וווהין ער איז זיכער אויך פארבעטן.

פעלעק האט זעליקן אויפגענומען מיט גרויס געפילדער, אים עטלעכע מאל ארומגענומען און געליארעמט מיט זיין מעכטיקן באס, דערציילנדיק די ארומיקע, ווי ער מיטן בארימטן פאן קארפאוויטש האבן צוזאמען גע־שמאכט אין דער סטודענטן־בורסע און געליטן צרות פון די פאנאוויע פראפעסארן. דערביי האט ער א טייטל געטאן מיט זיין פויערישער האנט מיקלאשעווסקין גלייך אין פנים אריין.

אויפן באנקעט האט מען זיי באזעצט צוזאמען. פעלעק האט באלד צוגעשארט צו זיך א פלאש בראנפן, געטרונקען גלעזל נאך גלעזל, גע־צוווּנגען זעליקן מיטצוטרינקען, איז גיך געווארן בגילופין, האט ארומ־גענומען זעליקן מיט זיין לינקן ארעם און אין אים ארייגגעשיפעט:

— לעבסט, הא?... זיך ארויסגעדרייט, הא?... אבער גאָגאָ? געדענקסט אים נאך דעם שווארצאויגיקן ציגיינער — וו איז ער? געוויס צוזאמען מיט זיין גאנצן טאבאר אומגעבראכט געווארן... און דו לעבסט... — זעליק האט באמערקט די אים גוט באקאנטע צוויי שנאה־פייערלעך אין די ווינקלען פון פעלעקס וואסערדיקע אויגן — נו, יא, אן

אייעריקער וועט זיך אלעמאל ארויסדרייען, וועט אפילו פון קבר ארויס־קריכן...

מיט א געפיל פון איבל האט זיך זעליק באפרייט פון יענעמס ארעם און מיט פארדרוס א טראכט געטאן, אז אויב איינעם איז געלונגען ארויסצו־קריכן פון קבר, איז דאס אנזעעוודיק, אבער אז מיליאנען האט מען געלייגט אין קבר אריין — ווי לייכט מען איז גרייט דאס צו פארגעסן. ער האט באשלאסן אויסצומיידן ווייטערדיקע באגעגענישן מיט פעלעקן, אבער אויך דאס האט זיך אים נישט זייער איינגעגעבן.

אין ליטעראטן־קלוב, דער זאמל־ארט פאר שרייבער, מוזיקער, קינסטלער, אקטיארן און בכלל באהעמע־לייט האט פעלעק פארנומען א באזונדער ארט. ער האט, אזוי צו זאגן, „געפירט טיש", וואס איז באשטא־נען אין דערציילן אנעקדאטן, געפעפערטע וויצן און סענסאציאנעלע פליאט־קעלעך. בעלנים צוהערער האבן קיינמאל נישט געפעלט און ווי זעליק האט באמערקט, זיינען ס'רוב געווען די יעניקע ביי וועמען די גערדיכטע פריצישע וואנצעס האבן נאך בולטער געמאכט די שארפקייט פון די יידי־שע נעז און דעם גלותדיקן אומעט אין די יידישע אויגן. פעלעקס אנעק־דאטן האבן שטענדיק געהאט א יידישן אויסקלאנג, ווי א שטייגער:

אויפן פאראד דעם ערשטן מאי מארשירן פארביי דער טריבונע מחנות בירגער אין זייערע רעגיאנאלע קאסטיומען: קויאווער, מאזורן, קראקא־וויאקן, שלאנזשאקעס און אנדערע. אויפן טראטואר צווישן אבסערווירנדיקן המון שטייט א יידיש פארפאלק מיט אן אכט יעריק מיידעלע. ס'מיידעלע איז אנטציקט פון די פארביקע קליידער און זי ווענדט זיך צו דער מוטער: „מאמע, איך וויל אויך א נאציאנאלן קאסטיום!" און די יידענע זאגט צו איר מאן: „וואס זאגסטו נישט צו דער סמארקאטער מויד? זי וויל שוין א פוטערנעם מאנטל!"

און עס שטשירען זיך די יידישע ציין אונטער די פאנסקע וואנצעס, פארגייען זיך אין א חניפהדיקן געלעכטער. פעלעק איז אמוזירט פון דעם געלעכטערל פון די נעאפיטן, ווי ער רופט זיי מיט עקל אין זיין געדאנק און ער דערציילט זיי א וויץ טאקע וועגן זיי אליין:

איינער, א פאן ספיכאלסקי, איז געקומען אין אמט בעטן מען זאל ענדערן זיין פאמיליע־נאמען. מען וווּנדערט זיך און מען פרעגט אים: „צו וואס דארפט איר עס? אייער נאמען קלינגט אזוי אויך פויליש?" „יא", ענטפערט ער, „אבער ווען מען פרעגט מיך, ווי אזוי האב איך פריער גע־הייסן, זאל איך קאנען זאגן, אז — ספיכאלסקי און נישט שאפירא".

און די ציין שטשירען זיך ווידער.

אבער אויך דאס האט נישט פיל צערודערט זעליקס געמיט, בפרט נאך אז זיין לעבן איז וואס ווייטער אלץ מער אקטיווער געווארן. דער אלטער מיקלאשעווסקי איז געשטארבן און זעליקן האט מען אנפארטרויט דעם אמט אין מיניסטעריום ווי א ממונה איבער אלע מוזיק־שולן אין לאנד. ער האט נאך פאר דער צייט אנגעשריבן א פאר קורצע זאכן פאר פידל און קלאוויר און צוליב זיין גרויסן נאמען איז דאס אויך צעכאפט־געווארן. מען האט אים צוגעטיילט א פראַקטיקע וווינונג אין א ניי אויפ־געבויט הויז אין דער שענסטער שטאטישער אלעיע. די צייט איז ביי אים געווען איבערפולט איבער די ברעגעס. באראטונגען, קאנפערענצן האבן זיך אפטמאל פארצויגן ביז שפעט אין די אוונטן אריין. צום קלאוויר האט ער זיך געקאנט צוזעצן נאר שפעט ביינאכט אדער אין די אפרו־טעג. אבער אפילו דאס האט נישט לאנג געדויערט. דערויף האבן זיך שוין באמיט פרויען. זעליק האט א לענגערע צייט נישט געאנט, אז ער ווערט אטאקירט פון סעקרעטארינס מיט וועלכע עס האט געשוויבלט אין מי־ניסטעריום, ביז איינער איז געלונגען צו געפינען א וועג צו זיין הארץ, צו זיין קעשענע און צו זיין היים.

זאשע איז נישט געווען זיין סעקרעטארין דירעקט, אבער זי פלעגט שוין תמיד געפינען א סיבה זיך צו דרייען אין זיין קאבינעט, דעמאנסט־רירנדיק כלומערשט צופעליק די עלאסטישקייט פון אירע היפטן און די רונדקייט פון אירע ברוסטן אונטערן ענג געפאסטן קאפטל. זי האט שוין געזארגט דערפאר, אז זיי זאלן זיך „צופעליק" טרעפן ביים ארויסגאנג נאך די ארבעטס־שעהן. אזוי איין מאל, א צווייט מאל, ביז זיי זיינען צו־זאמען אריין אויף אונטברויט אין קאפע, דערנאך האט ער זי שוין בא־גלייט אהיים, א צווייטן מאל האט ער זי פארבעטן צו זיך און זי האט נישט אפגעזאגט. ס'האט נישט גענומען צופיל צייט און מי זי צו איבער־צייגן, זי זאל זיך צו אים אריינציען. זי האט אריבערגעטראגן איר גאנצע רייכטום אין א רענצל און זייער שנעל איבערגענומען די באלעבאטישקייט אין דעם רייכן הויז, איבערצייגנדיק אים דערביי, אז גלייכער זי זאל פירן די ווירטשאפט איידער פארשווארצט ווערן א גאנצן טאג אין ביורא.

זייער צוזאמענלעבן איז געפלאסן שטיל, רויק, באזאכט. אהיימקומענ־דיק פון דער ארבעט פלעגט ער געפינען דאס הויז פיין צוגערוימט, דאס עסן גרייט. אלעמאל האט אים זאשע צוגעגרייט א פריש העמד, א גע־פרעסטן אנצוג, אויסגעפוצטע שיך. די ערשטע צייט האט ער געפרוווט זיך טיילן מיט איר מיט זיינע איבערלעבונגען פון טאג. זי פלעגט אונ־טערשפארן איר קאפ מיטביידע הענט, אים קוקן אין די אויגן אריין

און הארכן. ער האט אבער שנעל באמערקט, אז זי הערט אים בכלל נישט, אז זי איז פארנומען מיט אירע אייגענע געדאנקען. ער האט דערשפירט, אז זי באציט זיך צו אים מיט הכנעה, גלייך זי זאל נישט זיין זיין לעבנסבאַ-גלייטערין, נאר זיין דינסט. יעדן טאג פלעגט זי אים אפגעבן א חשבון וואס זי האט אלץ איינגעקויפט און וויפל זי האט אויסגעגעבן, זיך באַ-קלאגט, אז אלץ איז אזוי טייער. אים האט עס שטארק פארדראסן. ער האט געפרוווט איר געבן צו פארשטיין, אז זי דארף זיך פאר אים נישט פאַר-ענטפערן, אז זי איז די באלעבאסטע און אז דאס געלט געהערט צוביידן. זי האט צוגעשאקלט און צומארגנס — ווידער דאס אייגענע. ער האט א מאך געטאן מיט דער האנט און געלאזט איר זיך פירן ווי איר געפעלט. ביינאכט אויפן געלעגער פלעגט זי אונטערטעניק זיך אים איבערגעבן, אן עמאציעס פון איר זייט, שפעטער זיך אומקערן אויפן אנדער זייט, זיך צענויפדרייען אין א קניילעכל און איינשלאפן. אזוי האבן זיי געלעבט:ביידע צוזאמען און גלייכצייטיק — יעדער פאר זיך. די ערשטע צייט, ווען אים פלעגט עפעס געלינגען צו קאמפאנירן, פלעגט ער זי אריינרופן און פארשפילן עס פאר איר. זי פלעגט אלעמאל צושאקלען מיטן קאפ, זאגן אז ס'איז פרעכטיק און באלד פארשווינדן. שפעטער האט ער אויך דאס אויפ-געהערט.

איינמאל ביינאכט האט ער זיך אויפגעכאפט פון שלאף און געוואלט זאשען צוציען צו זיך. ער האט אויסגעשטרעקט די האנט אבער אויף זאַ-שעס ארט איז די בעט געווען ליידיק. ער האט א ווײַלע געווארט, אבער אז זי איז לאנג נישט צוריקגעקומען, איז ער אראפ פון בעט זען וואס מיט איר איז געשען. ער האט באמערקט, אז אין דער קיך לייכט זיך און אז די טיר איז האלב צוגעלונקען. ער איז שטיל אריין און דערזען זאשען קניענדיק פאר אן איקאנע וואס איז געהאנגען אויף דער וואנט. ער האט זיך פארוואונדערט, וואס ער האט ביז איצט די איקאנע נישט געזען. ער האט זיך אבער באלד געכאפט, אז זאשע האלט עס ערגעץ באהאלטן און הענגט עס אויף נאר פארן געברויך. ער האט באטראכט די קניענדיקע. זי האט געהאלטן די הענט צענויפגעלייגט ווי אין א געבעט און עפעס הייס געפליסטערט. ער האט אנגעשטרענגט זיין געהער און אויפגעכאפט א פראזע וואס זאשע חזרט איבער כסדר: זי בעט ביי גאט, ער זאל איר פארגעבן די גרויסע זינד, וואס זי שלאפט מיט א יידן.

ער האט זיך שטיל ארויסגעשלייכט פון דער קיך, זיך געזעצט אויף זיין געלעגער און זיך פארטראכט.

— פרעמדע — האט ער געמורמלט צו זיך אליין — פרעמדע. נישט

נאר ער מיט זאשען, נאר אלע. מיר מאכן דעם אנשטעל, אז מיר זיינען געגליכן צו זיי און זיי מאכן דעם אנשטעל, אז זיי גלויבן דערין. אבער אינדערעמתן זיינען מיר אזוי דערווייטערט איינער פון אנדערן ווי מיט טויזנט יאר צוריק, ווען די ערשטע יידן האבן זיך באזעצט אויף דער פוילישער ערד.

אבער דעם גרעסטן שטויס האט ער באקומען גאר פון אן אנדער זייט.

אין מלוכישן מוזיי איז געווען אן אויסשטעלונג, געווידמעט די אויפ־טוען אין די נאך מלחמה יארן. ער איז אהין אוועק, געשפאצירט איבער די קילע, האלב טונקעלע זאלן און פלוצלונג איז ער שטיין געבליבן א פאר־בליפטער: זיינע העפטלעך זיינען אויסגעשטעלט ווי אן עקספאנאט. ווי קומט עס, וואס ער ווייס גארנישט דערפון ? דער אלטער מיקלאשעווסקי האט אים פארזיכערט, אז ער האט די העפטלעך איבערגעגעבן ערגעץ אין אן ארכיוו. האבן זיי עס מן הסתם פון דארט גענומען אויסצושטעלן. „מען האט לכל הפחות אים געקאנט אינפארמירן וועגן דעם" האט ער מיט פארדרוס א טראכט געטאן.. דעם באשייד האט ער באקומען נאכן איבער־לייענען די באשרייבונג. ער האט געלייענט, איבערגעלייענט איינמאל און נאכאמאל, נישט געוואלט גלויבן זיינע אייגענע אויגן. געווען איז דארט געשריבן אזוי:

„כתב־יד פון דער סימפאניע „רעקוויעם נאך מיליאנען" פונם בארימטן פוילישן קאמפאזיטאר זביגניעוו קארפא־וויטש. געשריבן אויף אן איבערגעקערטן פעסל אין א סמא־לע־גרוב, ווו ז. ק. האט זיך אויסבאהאלטן אין די יארן פון דער דייטשישער אקופאציע, ווייל די נאציס האבן פארפאלגט די פוילישע אינטעליגענץ".

אזוי בפירוש: „די פוילישע אינטעליגענץ". און דאס איז אלץ ? און ווו זיינען די מחנות דערשאסענע אין די מאסן־קברים ? די מיליאנען דער־שטיקטע אין די גאז־קאמערן ? זיי זיינען דאך אומגעקומען ווייל זיי זיינען געווען יידן און נישט „פוילישע אינטעליגענץ"... א כוואליע פון כעס האט אים א שלאג געטאן אונטערן הארצן. וועמענס איינפאל איז דאס געווען ? ער האט זיך איבערגעבויגן איבערן גלאז און איבערגעלייענט אונטערן אויפשריפט אין קלאמערן די איניציאלן „יאַט־עם".

יאַט־עם איז דאך יאן מיקלאשעווסקי — האט ער א טראכט געטאן — נישט שוין זשע האט ער עס געשריבן ? וואס האט ער זיך געטראכט, דער

אלטער? דארף דאס אויך זיין „א קליינער קרבן אויפן מזבח פון אונדזער פאלקס-קולטור״?

אומבאמערקט פאר זיך אליין האט ער די לעצטע פראזע אויסגעשריען אויפן קול. ער איז באלד ארומגערינגלט געווארן פון נייגעריקע. עס האט געשמעקט מיט א סקאנדאל, אבער די באאמטע פון מוזיי זיינען באלד צוגעקומען, איידל גענומען זעליקן פאר די ארעמס און אים ארויסגעפירט פון זאל. זיי האבן אים העפלעך געפרעגט, צי ער פילט נישט גוט און מיט וואס זיי קאנען אים העלפן, אבער ער האט זיך ארויסגעריסן פון זייערע הענט און שנעל זיך געלאזט גיין צום ארויסגאנג.

ער האט לאנג געשפרייזט איבער די גאסן. דער כעס האט לאנג נישט נאכגעלאזט. אין די שלייפן האט אים געשטאכן, דאס הארץ האט געפויקט און איין געדאנק שווארצער פון אנדערן איז אים געקומען אויפן זינען. דא האט ער מיט פיל יארן צוריק ארומגעוואנדערט צווישן חורבות איינזאם, הונגעריק, אפגעריסן, אן אן ארט ווו דעם קאפ אוועקצולייגן און היינט גייט ער דא דורך די פרעכטיקע נייע גאסן אן אויסגעפוצטער און א זאטער, אן אנערקענטער און בארימטער. אבער צי איז ער גליקלעכער? דאן האט ער געטראגן די העפטלעך אויף זיין ברוסט און א פארבארגענע האפענונג אין הארצן און היינט איז ער אויסגעהוילט... יא, אויסגעהוילט. היינט האט ער עס ענדלעך דערשפירט. מען האט אים בארויבט, צוגעגנבעט זיין שאפונג צוזאמען מיט זיין איך. אמת, מען האט עס געמאכט צארט און איידל, אבער וואס איז דער אונטערשייד? אבי ער איז אויסגעהוילט...

ער איז אריין אין פארק, זיך צוגעזעצט אויף א באנק. א וועווערקע איז ארומגעלאפן איבערן וועג. עמעצער האט איר צוגעווארפן א ניסל. זי האט עס א כאפ געטאן מיט די פאדערשטע לאפקעס, געבליבן שטיין אויף די הינטערשטע און שנעל דאס ניסל אויסגענאגט און אראפגעשלונגען, דאן שטיינבלייבנדיק אויף די הינטערשטע פיסלעך, געקוקט מיט אירע גלעזלעך אייגעלעך אין דערווארטונג אויף נאך א ניסל.

זעליקן איז אייגעפאלן, אז ער איז געגליכן צו דער וועווערקע: ער שטייט אויף די הינטערשטע פיסלעך, מען ווארפט אים צו א ניסל און ער קוקט אויס מיט זיינע בעטנדיקע אויגן, מען זאל אים צווארפן נאך איינס. ער האט אראפגעזונקען זיין קאפ אויף דער ברוסט און טרערן האבן גענומען פליסן פון זיינע אויגן.

צומארגנס, ווען ער איז געקומען צו דער ארבעט, האט מען אים געזאגט, אז דער מיניסטער וויל אים זען. „אהא, שוין דערגאנגען!״ האט

ער א טראַכט געטאָן און ער האָט פעסט באַשלאָסן, אַז וואָס עס זאָל נישט זיין, וועט ער ארייַנזאָגן אַלץ וואָס ביי אים האָט זיך אָנגעקליבן אויפן האַרצן. אָבער ווען דעם מיניסטערס סעקרעטאַרין האָט זעליקן אָנגעמאָלדן, איז דער מיניסטער באַלד אַליין אַרויסגעקומען פון זיין קאַבינעט, זייער העפלעך זעליקן געדריקט די האַנט, אַרייַנגעלאָזן אים פאַרויס אין קאַבי־נעט, אייַנגעזעצט אין ווייכן פאָטעל, מכבד געווען מיט רויכערן און זיך גענומען פריינדלעך נאָכפרעגן וועגן זעליקס געזונט — אפשר איז ער איבערמידעט? אפשר נויטיקט ער זיך אין אָפּרו? אפשר זאָל ער ערגעץ אַרויספאָרן צום ים אָדער אין די בערג? דער מיניסטער האָט זיך עטלעכע מאָל פאַרצויגן מיט זיין פאַפּיראָס, נישט אָפּרייסנדיק זיין בליק פון זעליקן און ענדלעך אַרויסגעזאָגט דאָס, ווי זעליק האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס איז געווען דער אייגנטלעכער ציל פון דער אוידיענץ:

— מיר מיינען, אַז די אַדמיניסטראַטיווע אַרבעט אין מיניסטעריום איז פאַר אייך אַ צו גרויסע לאַסט. און מיר מיינען, אַז דאָס איז אויך אַ שטער צו אייער שעפערישער טעטיקייט — און ווי מורא האָבנדיק, זעליק זאָל נישט אָנהייבן פּראָטעסטירן, האָט ער שנעל צוגעגעבן — אונדזער רעגי־רונג שאַצט הויך אייערע פאַרדינסטן. איך וועט צוגעטיילט ווערן אַ מאַ־נאַטלעכע פּענסיע, איר זאָלט קאָנען אומגעשטערט זיך אָפּגעבן אייער מוזיק.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, געבנדיק צו פאַרשטיין, אַז די אוידיענץ איז פאַרענדיקט. אַרויסגעשטרעקט זעליקן אַ האַנט און צוגעגעבן:

— נו, איך ווינטש אייך גליק און לאָזט פון זיך הערן.

אַהיים קומענדיק האָט זעליק געטראָפן זאַשען אין מאַנטל מיטן פאַר־פּאַקטן רענצל גרייט אַוועקצוגיין. פון זיין אומגעריכטן אַהיימקומען האָט זיך זאַשע אַביסל פאַרלוירן, אים געבעטן, ער זאָל נישט בייז זיין, וואָס זי מוז אויף אַ געוויסער צייט צופאָרן אין דאָרף אַריין, ווייל זי האָט גרוסן אַז איר מאַמע איז קראַנק. זי איז צופרידן, האָט זי געזאָגט, וואָס ער איז געקומען, וועט ער איר פאַרשפּאָרן אַן אַרבעט אים צו שרייבן אַ בריוו, וואָס זי האָט בדעה געהאַט אים איבערצולאָזן. ווען ער האָט פאַר־געלייגט זי צו באַגלייטן צום וואָקזאַל, האָט זי עפּעס ווי אַ ציטער געטאָן, מיט היץ גענומען אים איבערצייגן, אַז ס'איז נישט נויטיק, אַז זי האָט שוין באַשטעלט אַ טאַקסי און וויפל וועגט דען איר רענצל? זי האָט אים אומ־געלומפּערט אַ קוש געטאָן ערגעץ צווישן האַלדז און אויער, אַ כאַפּ גע־טאָן דאָס רענצל און שנעל אַרויסגעגאַנגען. זעליק האָט מיט זאָרג אַ קלער געטאָן, צי האָט זי כאָטש אויף רייזע־הוצאות? און אפשר האָט זי אין

גרויס איילעניש וועגן דעם פארגעסן צו טראכטן. ער איז צוגעגאנגען צום פענצטער זען, אויב די טאקסי איז נאך נישט אפגעפארן. אבער ווען זאשע האט זיך באוויזן ביי דער ארויסגאנגס־טיר, איז איר באלד אנטקעגן געקומען א בלאנדער שלאנקער יונג, צוגענומען ביי איר דאס רענצל, גענומען זי אונטערן ארעם און ביידע האבן זיי זיך געלאזט גיין צופוס לענג אויס דער אלעיע.

זעליק איז שווער אראפגעזונקען אין א פאטעל און מיט ביטערניש א טראכט געטאן, אז אויך דא האט מען אים אפגענארט און באשווינדלט.

.4

זעליק האט זיך אזוי שטארק דערפרייט מיטן בריוו פון יידישן קלוב, אז עס האט אים גארנישט געוווּנדערט, פארוואס גראד איצט? פארוואס, ווען ער איז געווען, אזוי צו זאגן, „אין דער מאדע", ווען זיין נאמען און בילד האט מען אפט באגעגנט אין די פראגראמען פון די קאנצערט־עסטראדעס, אין די צייטונגען און זשורנאלן, איז דעם קלוב קיינמאל נישט איינגעפאלן אים צו פארבעטן און היינט, ווען ער איז פאראיינזאמט...

יא, פאראיינזאמט, פאראיינזאמט איז ער זינט יענעם טאג ווען מען האט אים באפרייט פון זיין פאסטן אין מיניסטעריום, יענעם טאג ווען זאשע האט אים פארלאזן. ווי אונטער דער ווירקונג פון א כישוף־שטעקעלע איז זיין מוזיק פארשוווּנדן פון די קאנצערטן, זיין נאמען — פון אלע ביולעטינען, שוין אפגערעדט פון דער פרעסע, ראדיא און טעלעוויזיע. פריערדיקע פריינד און באקאנטע זיינען ווי אויסגעשטארבן אלע. דער טעלעפאן קלינגט קיינמאל נישט. קיינעם איז ער נישט נויטיק. לעבט ער שוין אזוי וויפל צייט אליין, דרייט זיך ארום איבער דער שיינער וווינונג נישט אנגעטאן, נישט ראזירט. ער כאפט זיך ארויס אפעסן א מיטאג אין א שטילן געסל, קויפט פאראיינוועגס אויך איין שפייז פאר פרישטיקס און אוונטברויטס און קערט זיך באלד צוריק אום אהיים.

די ערשטע צייט פלעגט ער פרוּוון זיך זעצן צום קלאוויר, האפנדיק דורך מוזיק־קלאנגען צו פארשרייען דעם פארדרוס וואס פרעסט אים אזוי אויפן הארצן, אבער וואס מער ער האט געשפילט אלץ מער האבן געפלייצט נאכטראכטענישן אין זיין מוח. ער האט באשיינפערלעך געהערט, ווי די קלאווישן רייצן זיך מיט אים: „וואס אייגנטלעך פארדריסט דיך מער? וואס מען האט באעוולט דיין יידישקייט, אדער וואס מען האט פון דיר אראפגענומען די קרוין? און ווען מען וואלט דיר לאזן ווייטער אנגיין

ווי דער בארימטער זון פון פוילישן פאלק, וואלט די שטיקעלע עוולה, וואס האט דיך אויף א רגע אויפגערעגט, זיך גיך אויסגעוועבט ווי נישט איינמאל ביז אצינד און דו וואלסט ווידער געשיינט און געגלאנצט..."

א שוויס באגיסט אים. ער רייסט זיך אפ פון קלאוויר און שרייט הויך אויף א קול, ווי וועלנדיק איבערשרייען די אייגענע געדאנקען:

— ניין ניין, נישט אמת! איך בין א ייד, א ייד!

א ייד?... זינט ער האט אין דער יוגנט זיך אפגעריסן פון דער היים, וואס האט ער געהאט צו טאן מיט יידן און יידישקייט? אפילו אין די גרויל־יארן האט ער נישט געטיילט דעם גורל מיט זיין שטאם, נאר זיך דורכגעשלייכט פארביי דורך זייטיקע וועגן, און שפעטער, ווען זיין שטערן האט אויפגעשיינט, האט ער כאטש אויף א רגע זיך פארטראכט וועגן גורל פון זיינע ברידער?...

אזוי פייניקט ער זיך טאג־איין טאג־אויס. ער זעצט זיך ווידער צום קלאוויר און פרווט דורך קלאנגען אויפלעבן אלטע, לאנג פארגעסענע זכרונות פון זיינע קינדער און יוגנט יארן. אט גיט ער א שפיל דעם „למנצח בנגינות", וואס פלעגט זיך אזוי אומעטיק־מתיקותדיק צעגיסן אי־בערן קלייזל אין דער פינצטער שבת בין השמשות פאר מעריב דאווענען; און אט זיינען ניגונים וואס פלעגן אונטערן אקאמפאנימענט פון קלאפנדיקע האמערס זיך צעטראגן אין ארטשיק דעם שוסטערס ווארשטאט; און אט איז גאר דעס געלן אבטשעס „מאראליש" ליד וועגן קעשענעווער פא־גראם...

איז עס דעריבער פאר אים געווען א גרויסע פרייד צו דערהאלטן דעם בריוו פון יידישן קלוב. ער האט עס געלייענט און איבערגעלייענט נאכאמאל און נאכאמאל, ווי זוכנדיק אין דעם בריוו א בארויקונג צו זיין פארפייניקטן געמיט, און כאטש דער בריוו איז געווען געשריבן מיט קאל־טער העפלעכקייט, האט עס זעליקן אויפגערורערט. דאס איז געווען אן איינלאדונג זיך צו באגעגענען מיט די מיטגלידער פון קלוב און דערציילן זיי וועגן זיין שעפערישן וועג אדער אויף אן אנדער טעמע לויט זיין אייגענעם אויסוואל, זעליק אבער האט אין דעם געזען א מין פארענטפע־רונג אויף ספיקות וואס האבן אים לעצטנס אזוי געמאטערט. ער האט גע־נומען ציילן די טעג, וואס זיינען פארבליבן ביז דער באגעגעניש, ער האט זיך געגרייט צו דעם, זיך איינגעחזרט וואס ער וועט ריידן. ער האט פעסט באשלאסן צו ריידן אויף מאמע־לשון, אויף יידיש און ווענדן וועט ער זיך צו זיי ווי א מגיד אמאליקע יארן אין זייער קלייזל: „רבותי", וועט ער זיי זאגן, „רבותי, דא שטייט פאר אייך א ייד, ווען דער גורל האט

אויסגעהיט פון געטא, אויסזידלונג, קאנצענטראציע-לאגער און גאז־קא־מער, אבער ווען מען עס פייניקן עד היום די קאשמארן אין די נעכט נישט נאר פון די געשעענע גרוילן נאר אויך פון ווען זיך דערגרונטעווען צו דעם נשמה־צושטאנד פון די יעניקע וואס האבן די גרוילן דורכגעמאכט. און די דאזיקע קאשמארן האב איך ארייגעזונגען אין מיין מוזיק...״

אבער ווען מען האט אים געבראכט אין קלוב איז שוין דארטן געווען א פארשטייער פון אינערן־מיניסטעריום. און ווען יענער האט זעליקן העפלעך געדריקט די האנט, אנקוקנדיק אים דורכדרינגלעך מיט זיינע קאלטע גרויע אויגן, האט זעליק פארשטאנען, אז דער קלוב האט אים איינ־געלאדן לויט עמעצנס אויפטראג. אן אומפארענטפערטע פראגע האט אים געעקבערט: וואס זיינען זיי אויסן דערמיט? און ווען מען האט דעם פארשטייער אוועקגעזעצט אין פרעזידיום נעבן זעליקן און דער פארזיצער האט אויף פויליש געמאלדן וועגן „דעם גרויסן כבוד וואס אונדזער קלוב איז צוגעטיילט געווארן צו האבן אזא חשובן גאסט, דעם בארימטן פוילישן קאמפאזיטאר פון אונדזער הייניצייטיקייט, זביגניעוו קארפאוויטש״, האט זעליק דערשפירט און פארשטאנען, אז זיין מאמע-לשון און זיין „רבותי״ וועט דא פאסן ווי א פינפטע ראד צום וואגן... אים איז אויך געווארן איבערדריסיק צו ריידן די אלע צוגעגרייטע ווערטער, האט ער פארגעלייגט צו באריכטן וועגן דער ארבעט וואס ווערט געפירט אין לאנד ביים געבן מוזיקאלישע אויסבילדונג דער יוגנט און דערנאך וועט ער ענטפערן אויף פראגן. די פראגן קאנען זיין נישט דווקא אויף דער רעפערירטער טעמע. ריידנדיק האט ער דורכדרינגלעך באטראכט די אנוועזנדיקע עטלעכע צענדליק מענטשן, די גרויע און פליכעוואטע קעפ. ער האט זיי ארייגעג־קוקט אין די אויגן, ווי ווערלנדיק פון זיי ארויסלייענען דעם באשייד, די אייגנטלעכע סיבה פון זיין הייניטיקן צענויפקום מיט זיי. אבער אים האט זיך ניט איינגעגעבן צו פארהאלטן לענגער עמעצנס א בליק. עס פלעגט באלד אפגעווענדט ווערן פון אים, גלייך יענער זאל וועלן עפעס אויסבאהאלטן, עפעס א לאסט וואס דריקט אויפן געמיט און מען וויל נישט א זייטיקער זאל דאס באמערקן. בלאנדזשנדיק אזוי מיט די אויגן איבערן זאל האבן פלוצלונג פאר אים א בליץ געטאן צוויי אויגן... ער האט אנגעשטרענגט זיין בליק אין יענער ריכטונג און... יא, יא, דאס זיינען דאך... די ברוינע ווארעמקייט וואס גיסט זיך פון זיי... ווער זאל זי זיין די דיקלעכע פארעלטערטע פרוי מיט די אים אזוי באקאנטע אויגן? די איינציקע פאר אויגן וואס ווענדן נישט אפ פון אים דעם בליק... דאס איז דאך דינה.... געוויס נישט קיין אנדערע ווי דינה...

ער האט זיך קוים דערוואַרט, דער פּאַרזיצער זאָל באַדאַנקען „דעם חשובן גאַסט פאַר זיין גייסטרייכן רעפעראַט" און נאָך די שיטערע אַפּלאָ־דיסמענטן האָט ער אָראָפּגעשפּרייזט פון דער טריבונע גלייך אין זאַל אַריין און זיך געלאָזט גיין אין יענער ריכטונג. ער איז געבליבן שטיין וואַקלענדיק זיך: צוגיין, צי נישט און ער האָט פּלוצלונג דערהערט דעם אים אַזוי גוט באַקאַנטן מעלאַדישן קול:

— יאָ, דאָס בין איך טאַקע, איר האָט נישט קיין טעות — און זי איז אים אַנטקעגן געקומען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט — דינה...

און אַ ווייַז טוענדיק מיט דער האַנט אויף אַן עלטערן גרויען מאַן מיט ברענענדיקע אויגן, האָט זי צוגעגעבן:

— זייט באַקאַנט, דאָס איז מיין מאַן.

און צום מאַן:

— באַקען זיך מיטן באַרימטן פאַן קאַרפּאָוויטש.

דער „פאַן קאַרפּאָוויטש" האָט זעליקן אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן: צי מאַכט זי עס פון אים חוזק אָדער עס פּאַסט אַזוי צו ריידן אין דער סיטואַציע? אָבער דינה האָט שוין ווידער גערעדט:

— מיר ווייסן וועגן אייך זייער פיל. מיר מיינען — אַז אַלץ. אָבער אויב אייך אינטערעסירט אויך צו וויסן וועגן אונדז, קומט מאָרגן צו אונדז אַהיים, וועלן מיר זיך דורכשמועסן — און אַ ווענד טוענדיק זיך צום מאַן — שרייב אים אָן אונדזער אַדרעס.

און ווען דער מאַן האָט זי אַנגעקוקט פאַרוווּנדערט, האָט זי צוגע־געבן:

— ס'מאַכט נישט אויס. זעליק איז סוף כל סוף אַן אייגענער מענטש און ער וועט קיין פאַריבל נישט האָבן.

— אַהאַ, שוין „זעליק"! — האָט זעליק אַ טראַכט געטאָן מיט אַ גע־פיל פון פאַרלייכטערונג.

ווען זעליק איז צומאָרגנס געקומען, האָט אים דינה אַליין געעפנט די טיר. זי האָט אים אַריינגעפירט אין אַ צימער, געהייסן אים זיך צוזעצן ערגעץ אין אַ ווינקל, ווו ס'זיינען געשטאַנען אַ קליין טישל מיט צוויי בענקלעך. זי האָט געזאָגט, אַז זי קומט באַלד אַריין. זי וועט נאָר צוגרייטן קאַווע און זי האָט אים געוואָרנט, ער זאָל אַכטונג געבן ווי ער זיצט, וואָרום דאָס טישל איז צעבראָכן און די בענקלעך זיינען הינקעדיק.

דאָס צימער איז געווען פּוסט, אָן אַ שפּור פון מעבל. ביי די ווענט זיינען בלויז געשטאַנען קאַסטנס, וואַליזעס און אַנדערע מינים געפּעק.

זעליק האט נישט געהאט צופיל צייט זיך צו חידושן, דינה איז באלד געקומען מיטן קאווע, זיך צוגעזעצט צו זעליקן און באלד גענומען ריידן:

— ווי ער קאן זען, פארן מיר אוועק. מיר פארלאזן דאס לאנד. אין שייכות מיט דעם האט טאקע איר מאן געמוזט איצט אוועקגיין דערליידיקן געוויסע פארמאליטעטן. זעליק האט אים שוין אמאל געזען איר מאן. אויב ער דערמאנט זיך יענעם פראצעס, ווען מען האט דערשאסן דעם פראווא-קאטאר, וועגן וואס זעליק האט דאן אזוי שיין געשפילט אויף זיין פידל ביי דער תפיסה־וואנט, נו, איז איר מאן טאקע איינער פון יענע וואס זיינען דאן געזעסן אויף דער באשולדיקונגס־באנק. ער איז דאן פארמשפט געווארן אויף לעבנסלענגלעכע תפיסה, איז אפגעזעסן ביזן קריג. אין צייט פון דער מלחמה האט זי זיך מיט אים געטראפן אין וואלד ביי די פארטי־זאנער. דארט האבן זיי זיך פארבונדן און צוזאמען געקעמפט מיטן דייט־שישן אקופאנט. נאך דער באפרייאונג האט מען זיי און זייערס גלייכן אויסגענוצט אפצוטאן די „שווארצע ארבעט" ביים אויפבויען און באפעס-טיקן די יונגע רעפובליק... זייער ווייניק פאליאקן זיינען דאן געווען ווילִיק אין דעם זיך צו באטייליקן... אבער היינט, ווען ס'איז אויפגע-קומען א נייער דור און א צווייטער קומט אונטער, ווען מען האט דער־גרייכט א געוויסע עקאנאמישע און פאליטישע סטאביליזירונג, זיינען זיי און זייערס גלייכן געווארן איבעריק... נו, האט מען, אונטער פארשידענע אויסריידן, גענומען פון זיי פטור ווערן... נו, פארט מען אוועק... אויב זעליק וויל עס גענויער באנעמען, קאן ער צוקומען צום וואקזאל, יעדן אוונט צום אפגאנג פון אויסלענדישן צוג, וועט ער אליין זען און באגרייפן דעם פארנעם און די קוואליטעט פון די ארויספארער... אן אמתע פעל-קער־וואנדערונג...

א לענגערע ווײַלע האבן זיי געזופט זייער קאווע אין שטילשווייגן, ביז דינה האט זיך ווידער צערעדט:

— און טאמער איז דאס נאך ווייניק, מאכן זיי דעם אנשטעל, אז דאס זיינען מיר די אומטרייע, אז מיר זיינען קיינמאל נישט געווען מיט שטארקע פעדעם צוגעבונדן צום לאנד וואס האט אונדז דערצויגן און גע־נערט, אז צייטווייליק זיינען מיר מיטגעלאפן צוליב ענגהארציקע אדער גאר נאציאנאליסטישע מאטיוון... אין דעם זין פאדערט מען פון אונדז אפילו שריפטלעכע דערקלערונגען פארן פרייז פון דער דערלויבעניש אריבערצופארן די גרענעץ...

ווידער האט זי א ווײַלע געשוויגן און פארגעזעצט:

— נו, און ער, זעליק, וועט אוודאי נישט ארויספארן... ער איז זיי נאך אויף עפעס נויטיק.

און ווען ער האט זי פארחידושט אנגעקוקט, האט זי געגומען שטיל, מיט היץ אין אים אריינריידן:

— ווי איך זע, ביסטו אפגעריסן פון אלץ און פון אלעמען — איז זי, אליין דאס נישט באמערקנדיק, איבערגעגאנגען אויף „דו" — מיינסט אוודאי, אז דיין נעכטיקער אויפטריט אין יידישן קלוב איז א צופעליקער? און דאס...

זי איז ארויסגעלאפן פון צימער, איז שנעל צוריקגעקומען מיט א צייטונג:

— לייען דעם מארגנדיקן ראדיא־פראגראם.

זעליק האט מיט גרויס פארוואונדערונג דערזען זיין נאמען צווישן די קאמפאזיטארן וועמענס מוזיק עס וועט מארגן טראנסמיטירט ווערן פון דער מלוכישער פילהארמאניע.

דינה האט אים באטראכט און א שאקל געטאן מיטן קאפ.

— ביסט פארבליבן ווי געווען — א גרויס אומבאהאלפן קינד. האסט געמיינט, אז דיין ספאנטאנער פראטעסט אין מוזיי איז א גאנצע רעוואלוציע, אבער עס ווייזט אויס אז דעם נוצן וואס זיי ווילן און ועלן וואַרשיינלעך נאך האבן פון דיר, וועגט ביי זיי אריבער... כ׳מיין, אז ס׳וועט זיין עפעס געווענדעט קעגן אונדז, די ארויספארער. איבעריקנס, כ׳בין איבערצייגט, אז דער באשייד וועט נישט לאזן לאנג אויף זיך ווארטן...

יא, עס האט טאקע נישט געלאזט אויף זיך לאנג ווארטן. נאך דעם זעלבן טאג האט מען צו זעליקן טעלעפאנירט, אז דער מיניסטער בעט אים העפלעך אריינקומען וועגן זייער א וויכטיקן ענין.

דער מיניסטער האט אים איבערגענומען מיט איבערטריבענער פריינדשאפט, זיך נאכגעפרעגט וועגן זעליקס געזונט, אויסגעדריקט טיפסטע איבערצייגונג, אז פאר דער צייט האט ער זיכער באריי כערט אונדזער מוזיקאלישע קולטור מיט נייע וואונדערבארע שאפונגען, אזעלכע, ווי דאס פאלק דערווארט פון זיין באליבטן שעפער, און ענדלעך צוגעקומען צום עיקר:

— איר וועט עס זיכער באשטעטיקן — האט ער גערעדט, קוקנדיק זעליקן שארף אין די אויגן אריין — אז אונדזער רעגירונג שאצט ווי געהעריק אפ זיינע דערגרייכונגען. ווי אן איבעריקער באווייז דערצו איז דער לעצטער באשלוס אים צו דעקארירן מט א הויכן מלוכישן ארדער. די בעסטע געלעגנהייט דערצו איז א יובליי. אונדזערע ארכיוויסטן האבן

אויסגעפונען, אז פונקט מיט פינף און דרייסיק יאר צוריק איז באקאנט געווארן זיינס א מוזיקאלישע שאפונג, געווידמעט א העלד וואס האט דערשאסן א פראוואקאטאר. פינף און דרייסיק יאר איז א גוטע דאטע פאר א יובילי. איז דא א באשלוס עס צו פארווירקלעכן, אויב, פארשטייט זיך, ער האט נישט דאגעגן.

דער מיניסטער האט איבערגעריסן זיינע רייד אין דערוואַרטונג אויף אן ענטפער, אבער זעליק איז געזעסן אומבאוועגלעך, פון אומגעריכטקייט נישט געוווּסט וואס צו ענטפערן.

— נו זיכער! — האט זעליק ווידער דערהערט דעם מיניסטערס קול

— איך גלויב, איר וועט אויך נישט האבן דאגעגן, איך זאל שטיין אין שפיץ פון דעם ערן־קאמיטעט. איך וועל עס האלטן פאר א באזונדערן כבוד... אבער דאס בלייבט אייך אליין צו באשליסן. מיר האבן דא אנ־געווארפן א פראיעקט פון אן ערן-קאמיטעט, אבער דאס וועט איר, פאר־שטייט זיך, אליין דעצידירן...

ער האט אוועקגעלייגט פאר זעליקן א רשימה, זעליק האט ארייננגע־קוקט אין דעם און דערזען צווישן די ערשטע אויך פעלעקס נאמען. אים האט א רעג געטאן צו פראטעסטירן, אבער א גלייכגילטיקייט האט אים באהערשט, ער האט זיך מיט קיין ווארט נישט אנגערופן און טעמפ געקוקט אין דער רשימה אריין.

אין קאבינעט איז פלוצלונג אריין דער שעף פון מוזיק־דעפארטאמענט. ער איז כלומרשט איבערראשט געווארן פון זעליקס אנוועזנהייט, זיך ווא־רעם מיט אים באגריסט און געבעטן, ווען זעליק וועט פריי ווערן, זאל ער אויך צו אים אריינקומען, וועט אים זיין אנגעלייגט צו כאפן א חברישן שמועס.

נאך זייער א קורצן געשפרעך מיטן שעף האט זעליק באקומען דעם באשייד פאר זיין פלוצלומדיקן אויפטריט אין יידישן קלוב, פאר זיין ווי־דערדערשיינען אויף די מוזיק-קאנצערטן און פאר זיין געפלאנטן יובילי. דער שעף, נאך א קורצן אויסטויש פון העפלעכקייטס־אויסדרוקן, האט גענומען ריידן, ווי זעליקן האט זיך עס אויסגעוויזן, מיט בייזקייט און פארוורף:

— אים איז אוודאי באקאנט, אז געוויסע חברים פון יידישן אפשטאם פארלאזן דאס לאנד. מילא. אונדזער רעגירונג איז טאלעראנט. מען שטערט קיינעם נישט זיך אויסצוקלייבן א ווינארט לויט זיין אייגענעם אויסוואל. אבער געוויסע אומפאראנטווארטלעכע עלעמענטן, נאכן אריבערגיין די גרענעץ, גיבן אינטערוויוען צו אונדזערע שונאים, שרייבן ארטיקלען אין וועל־

כע זיי באשמוצן אונדזער לאנד און אונדזער פאלק. ווארפן אונדז פאר לעכערלעכע חטאים, וועלכע מיר אליין דא באקעמפן סיי אידעאלאגיש און סיי טאקע אין דער פראקטיק, ווי א שטייגער אנטיסעמיטיזם. א לענגערע צייט האבן מיר נישט געלייגט קיין באזונדערע אכט דערויף און מיר האבן עס געדולדעט, אבער אלץ האט א גרענעץ — עס איז נויטיק א קעגנאנגריף. מיינען מיר, אז קיין בעסערע אפלייקענונג פון זייערע בלבולים קאן נישט זיין ווי אן אויפריכטיקע דערקלערונג פון אים, דעם געאכטעטן און אנערקענטן זון פון אונדזער פאלק, וועלכער איז אליין א ייד. מיר פארלאנגען פון אייך נישט קיין אונטערשריפט. מיר ווילן נאר, איר זאלט איבערלייענען די דערקלערונג, איידער זי וועט פארעפנטלעכט ווערן און זי מונדלעך באשטעטיקן, אין וואס מיר זיינען פעסט איבערצייגט, ווארום איר האט דאך נישט קיין שום סיבה צו דערווידערן...

ער האט פאר זעליקן אוועקגעלייגט א בויגן פאפיר, ווו מיט מאשינשריפט איז געווען געדרוקט:

„דערקלערונג פון דעם פויליש־יידישן קאמפאזיטאר זביגניעוו קארפאוויטש (זעליק פישמאן).

„אין שייכות מיט געוויסע דערקלערונגען פון געוועזענע פוילישע בירגער פון יידישן אפשטאם וועגן כלומרשטער פארפאלגונג און דיסקרימינאציע פון דער יידישער מינדערהייט ביי אונדז אין לאנד האלט איך פאר מיין חוב, ווי א ייד און א פאטריאט פון מיין פאטערלאנד, קאטעגאריש צו דערקלערן, אז דאס זיינען אלץ בלבולים, אינסינואציעס, נישט געשטיצטע אויף קיין שום ווירקלעכקייט... די בעסטע אפלייקענונג פון די דאזיקע שקרים בין איך אליין, דער איבערן גאנצן לאנד אנערקענטער..."

זעליק האט שוין מער נישט געלייענט. אין קאפ האט אים געשווינדלט, פאר די אויגן זיינען געשפרונגען די ווערטער „פויליש־יידישער קאמפאזיטאר" און די קלאמערן מיטן אויפשריפט „זעליק פישמאן". ער איז אינגאנצן מבולבל געווארן, זיך פארלארן, זיך געפילט אריינגעצויגן אין א נעץ פון וועלכער ער קאן זיך בשום אופן נישט ארויספלאנטערן... וואס זאל ער טאן? ער האט קיינמאל דורך זיין גאנצן לעבן פאר זיך אליין גארנישט באשלאסן, אלעמאל האט עמעצער פאר אים דאס געטאן... ווען עמעצער זאל אצינד קומען, אים נעמען פאר דער האנט און ארויספירן פון דאנען...

ער האט פארגעסן ווו ער געפינט זיך. פאר זיינע אויגן האט פלוצלונג אויפגעטויכט דער פארק מיט דער וועווערקע וואס שטייט אויף די

הינטערשטע לאפקעס און קוקט אויס, מען זאל איר צוווארפן א ניסל...

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

ווי אין א כישוף-ראד מינערן זיך די קאלירטע שיינען פון דער קעגנ־איבערדיקער נעאן־רעקלאמע און דרינגען אריין דורך די שטארן: רויט, בלוי, גרין און געל און ווידעראמאל — רויט, בלוי, גרין און געל, און אזוי אן אויפהער...

האשה נקנית

.1

צוויי שטיב־שטראלן האבן אריינגעלויכטן דורכן רונדיקן פענצטער — די איינציקע עדות פונעם הייסן זוניקן, זומערדיקן דרויסן. זיי האבן א שאס געטאן צום עמוד, זיך א שפיל געטאן מיט די כרובים, גלייך זיי וואלטן זיך רייצן מיטן צאנקנדיקן פלעמל פונעם גוססדיקן יארצייט־ליכט. א געפרעסטע שטילקייט האט געהערשט אין קלייזל. בלויז פון דער מעריב וואנט האט זיך געטראגן דאס אייגטאניקע קאפען פון עקשנותדיקע טראפנס ארויסגעריסענע מיט כוח פונעם מעשענעם כיור. צוזעט זיך אנגעשפילט מיטן עמוד, מיטן ארון קודש, מיט אלע רערלעך פון דער מנורה, מיט אלע פרענדזלעך פונעם פרוכת, האבן די שטיב־שטראלן אין געיעג נאך נייע שפילצייג, זיך א לאז געטאן טיפער אין קלייזל אריין. באטאפט די מזרח-וואנט, באלעקט אלע „יחוסדיקע" שטעט, האבן זיי לסוף, אין ווינקל, זיך אנגעשטויסן אויף א לעבעדיקן נפש. א בלייך, באבערדלט פנים, איינגערעמט אין דארע הענט אנגעלענט אויף א שטענדער, האט מיט עצבותדיקע אויגן געקוקט אין דער ווייט און מיט פארשמאכטע ליפן געמורמעלט: האשה נקנית בשלוש דרכים...

באלד נאך שחרית, נאכן בחיפזונדיק באשפייטן „עלינו" האבן אלע מתפללים אויף שנעל צענויפגעלייגט טלית און תפילין און אוועקגעאיילט ווער אין געוועלב אריין און ווער — צו האמער און שער, זיך געזעגענענדיק מיט גאטס הויז דורך א קוש טאן די מזוזה. בלויז איינער, גבריאל דער קלויזניק, האט זיך אין ערגעץ נישט געאיילט. ער האט פון ספרים־שאנק ארויסגעצויגן א גמרא, זי אוועקגעטראגן אין זיין ווינקל, אוועקגעלייגט אויפן שטענדער, אן עפן געטאן און פאר זיינע אויגן האבן, גלייך צום ערשטן מאל, א בליץ געטאן די ווערטער פון דער ערשטער משנה: האשה נקנית...

גבריאל שמט שוין יארנלאנג פאר אן עלוי, קען אויסנווייניק עטלעכע מסכתות מיט רש"י און פוסקים, קען זאגן אויסנווייניק אין דער באליביקסטער גמרא מיט וועלכן ווארט יעדער דף הייבט זיך אן און מיט וועלכן ער ענדיקט זיך. דעריבער האט ער זיך איינגעשטעלט אזא סדר

פון לערנען: וועלכע גמרא עס וועט אים מיט פארמאכטע אויגן אריינפאלן אין דער האנט אריין, די וועט ער דעם טאג לערנען. היינט איז אים אריינגעפאלן די מסכתא קדושין... די שטויב־שטראלן האבן זיך שוין לאנג ארומגעהאלדזט מיט די ויילן פון דער בימה, זיך צוגעלייגט אפרוען אויפן שולחן און גבריאל האלט נאך אלץ ביי די ערשטע ווערטער פון דער משנה: האשה נקנית, האשה נקנית... גלייך א פייערזייל וואלט אויסגעוואקסן פאר זיינע אויגן און פארשטעלט פאר אים די משנה, די גמרא, אלע פשטלעך און קל וחומרס. אפילו דער פירוש המילות איז ווי אין א נעפל פארהילט. שטאט זיי וואקסן אויס בילדער פון זיין קינדהייט, יוגנט און פון די לעצטע טעג...

...הינטערן שטיבל פון זיין טאטן, דעם דארפס־שניידער, שפרייט זיך אויס א ברייטע לאנקע, וואס גרייכט ביז צום טייכל. שטייענדיק ביים פענצטער פון זייער אלקער זעט מען דאס טייכל אויף א גרויסער לענג. פון רעכטס — ווי עס פליסט ארויס פון אונטערן בריקל און פון לינקס — ווי עס פארשווינדט צווישן הושענה און ניס־ביימלעך. גבריאל געדענקט עס ווי היינט, אין א הארבסטיקן בין הזמנים איז ער געשטאנען ביים פענצטער, געקוקט אין דער ווייט און איינגעזאפט אין זיך דאס שטילע מורמלען פון פליסנדיקן וואסער, באגלייט עס מיט די אויגן פון בריקל ביז צו די קוסטעס, זיך אליין נישט אפגעבנדיק קיין חשבון, וואס עס האט אים צוגעשמידט צום פענצטער. פלוצלונג האט עפעס ווי א בליץ געטאן פאר זיינע אויגן... פון צווישן די ניס־ביימלעך האט אויפגעטויכט א לע־בעדיק קניילכל, זיך אויסגעגלייכט, מיט איין האנט א פיר געטאן איבער די צעשויבערטע פעך־שווארצע האר און מיט דער צווייטער — געהאלטן דאס פארשארצטע קליידל, וואס האט פון פארנט עפעס מאדנע אויסגעשטארצט. דאס מיידל איז א רגע געבליבן שטיין ביים טייכל, א דריי געטאן דאס קעפל אויף רעכטס, אויף לינקס. פלוצלונג האט זי, געשיקט, די ניס נישט אויסצושיטן, מיט א פלינקער באוועגונג אראפגעצויגן פון זיך דאס קליידל. צוויי שלאנקע מיידלשע פיס, אנטבלויזט הויך איבער די קני, האבן גברי־אלן צוגענאגלט צו דער פענצטער־שויב. ביידע הענט איבערן קאפ, צו־האלטנדיק דאס קליידל מיט די ניס, האט דאס מיידל אריבערגעשפרייזט מיטן בראד דאס טייכל. אויפן אנדערן ברעג זיך פון וואסער אפגעטרייסלט, מיט דער זעלבער געשיקטער באוועגונג דאס קליידל אנגעטאן און שנעל פארשווונדן הינטערן וועלדל.

...א צווייטער בין הזמנים. ערב פסח. דער טאטע האט אים גע־שיקט צו גרונם דעם פאכטער נאך חרוסת. צו דער פאכט איז ער געגאנ־

געז מיט דער לאנקע באלכסון צום בריקל און פון בריקל — באלכסון צו יענער זייט וועלדל. פון צארטן פרישן גראז האבן דא און דארט ארויס־געקוקט די ערשטע לופט-בלימעלעך, ממזריש געוווּנקען צו אים מיט זייערע געלע קעפלעך. מיט א געטשוויטשער האבן זיך איבער זיין קאפ פארבייגעטראגן צוויי שוואלבן, זיך עטלעכע מאל אומגעקרייזט איבערן הימל און ראש אראפגענידערט אין די קוסטעס אריין צו זייער ניי־אויפגעבויטער נעסט. א מעריבדיק ווינטל האט ווייך געגלעט זיין פנים, געמורמלט אים אין אויער אריין עפעס אומפארשטענדלעכעס, אבער צארטס און אנגענעמעס. פון הימל ראנד האבן צו אים געשמייכלט פוכיקע וואלקנדלעך און אליין האט ער זיך דערפילט לייכט ווי א וואלקנדל וואס קאן שוועבן ווייט, ווייט... א צופ פארן פוס האט אים אויפגעוועקט פון זיין פארטראכטקייט. א שורה גענדז האט אים מקבל פנים געווען מיט א האלדערן און דער פארויסגייער, דער גאנער, האט אים אין פוס א פיק געטאן. פון אומגעריכטער שרעק האט אים ארויסגעריסן א פלוצלומדיק הילכיק מיידלש געלעכטער. גבריאל האט זיך מיט שטוינונג אומגעקוקט און דערזען פאר זיך א פאר בלישטשענדיקע, מיט טרערן פארצויגענע, שווארצע, לאכנדיקע קארשן־אויגן. דאס מיידל האט זיך געהאלטן פאר די זייטן, קאטשענדיק זיך פון געלעכטער. גבריאל איז אן איבערראשטער געבליבן שטיין ווי צוגעקאוועט צום ארט, נישט געקאנט אפרייסן זיינע אויגן פון דעם לאכנדיקן מיידל. דערביי איז זיין בליק געפאלן אויף איר אפגעברענטן האלדז און דורכן אויפגעשניטענעם קאפטל האט ער דערזען אירע צאפלדיקע יונג־מיידלשע ברוסטן. א הייסער שטראם האט זיך צע־גאסן איבער זיין קערפער. ער איז געווארן בלייך ווי א טוט, געבליבן שטיין אומגעלומפערט מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ניט קאנענדיק זיך רירן פון ארט. דאס מיידל, דערפילנדיק זיין בליק, האט זיך פלוצלונג א לאז געטאן הינטערן פלויט, די גענדז — מיט א געפילדער — נאך איר. פון גאניק האבן נאך אויף אים א בלינצל געטאן אירע שניי ווייסע ציינדלעך, און פארדעקנדיק מיט די הענט דאס פנים איז זי, שטיקנדיק זיך פון גע־לעכטער, פארשוואונדן אין שטיבל אריין.

...די אפטע צופעליקע — נישט צופעליקע טרעפענישן פון גבריאלן דעם ישיבה־בחור מיט ריינדלען דעם פאכטערס זיינען בארעדט געווארן אויף אלע פריזבעס. אלטווארג האט געקוועטשט מיט די פלייצעס פאר שטוי־נונג: „וואס פארא מחותן איז גבריאל מיט ריינדלען? וואס האט צו טאן אזא איידעלער בחור, אזא ווילערנער מיט דער צעלאזענער ווילדער מויד?" יונגווארג האט זיך געסודעט, נישט אן קנאה דערציילט שטוינענ־

דיקע געשיכטעס ווו און ווען מען האט דאס פארל צוזאמען געטראפן...
טאטע־מאמע האבן ביי גבריאלס אנקומען שנעל איבערגעריסן א נישט פארענדיקטן שמועס, געקוקט אויף אים מיט רחמנותדיקע בליקן און אונ־טערגעזיפצט... אבער איינס איז פאר אלעמען קלאר געווען: קיין שידוך איז עס נישט — צוויי קבצנים... צוויי מתים גייען נישט טאנצן...

...עטלעכע יאר שוין פארביי, ווי גבריאל האט נישט געזען נישט דאס טייכל, נישט די הושענה־ביימלעך און נישט ברייגדלען. דער טאטע איז פלוצלונג געשטארבן, די מאמע איז אריבערגעפארן לעבן צו זיין עלטערער שוועסטער, וואס האט חתונה געהאט פאר א באקינדלטן אלמן. די יינגערע צוויי שוועסטער האבן זיך אוועקגעלאזן זוכן זייער גליק אין דער גרויסער שטאט. פארברייינגט ער, גבריאל, די בין הזמנים, ווי א גאנץ יאר, אין קלייזל, לערנט תורה און עסט „טעג״. היינט איז מאנטיק האט ער נישט ווו צו עסן. נעכטן האט ער געגעסן ביים רייכן תבואה-סוחר ר׳ זרחן. איבער א חודש האט ער קיין „זונטיק״ אויך ניט געהאט, מחמת ר׳ זרח איז פארבליבן אן אלמן נאכן אומגעריכטן טויט פון זיין צווייטן ווייב. קאן מען דען גיין עסן צו אן אבל? פלעגט גבריאל איבערקומען מיט די רעשטלעך פון די מלוה־מלכהס. אבער אייערנעכטן שבת איז ר׳ זרח געקומען צום דאווענען אן אויפגעלייגטער, געקויפט „מפטיר״, מיט א לייטזעליקן שמייכל אויפגענומען די מזל-טובס פון די געמיינערע לייט און מיט א פרום זיפצעלע — פון זיינס גלייכן. א געמורמל איז אדורך איבערן שטעטל: ר׳ זרח האט שוין מיט מזל ווידער חתונה געהאט... שוין צום דריטן מאל... דאסמאל, זאגט מען, מיט גאר א יונג מיידל... א יפת תואר... אז מען האט געלט... גבריאלן איז דאן געקומען אויפן געדאנק די משנה: האשה נקנית... בכסף... מיט געלט..., ארויסגייענדיק פון קלייזל נאכן דאווענען האט זיך ר׳ זרח אפגעשטעלט נעבן גבריאלן און מיט א תרעומתדיק פנים אים פארגעווארפן, הלמאי ער קומט נישט זונטיק עסן און אנגעזאגט אים למען השם מארגן קומען...

...דאס טיקען פון זייגער האט גבריאלן שוין כמעט איינגעשלעפערט. דער גרויסער ווייזער האט שוין געמאכט א גאנצע הקפה ארום דעם ציפערבלאט און איבערגערוקט דעם קליינעם ווייזער א טראט פארויס. די געוויכטן זיינען זיך פאנאנדערגעפארן: איינס — אינדערהויך, דאס צוויי־טע — אין דער נידער. גבריאל זיצט אויף זיין געוויינלעכן ארט ווי דאן, ווען ס׳האט נאך געלעבט ר׳ זרחס צווייטע ווייב. היימיש פלעגט ער זיך שוין דא פילן, געווען צוגעוווינט צו דער אלטער באלעבאסטע און זי — צו אים. זי פלעגט זיך אפילו מיט אים שאפן: הייסן ארויסדרייען אן עמער

וואסער פונעם ברונעם, אנרייבן כריין אדער ארייַנברענגען א בינטל האלץ פון הויף. הייַנט פילט ער זיך עפּעס נישט היימלעך; ער וואלט שוין גע־וואלט איבערקומען דאס עסן און גייַן צוריק אין קלייזל אריין. אבער ווי אויף צו להכעיס איילט מען זיך הייַנט נישט מיטן עסן. ר׳ זרח איז אין צווייטן חדר. צו גבריאלס אויערן דערטראגן זיך אומדייטלעכע, פאר־שטיקטע קלאנגען, עפּעס א פאַרסקען זיך. איינמאל דוכט זיך אים, ער הערט א מיאוקען פון א קעצל, איינמאל — א קינדעריש געלעכטער... באלד דערהערט ער ר׳ זרחס קול ווי ער וואלט ריידן מיט עמעצן... אבער ניין, ער רעדט נישט, ער העשעט, ער סאפּעט, גלייך ער זאל זיך מיט עמעצן ראנגלען... א רגע בלייבט שטיל... דאס טיקען פון זייגער ווערט שטארקער. דער גרויסער ווייזער קלייבט זיך שוין ווידער דעריאגן דעם קליינעם. ענדלעך דערשיינט אין דער טיר ר׳ זרח. אין וועסטל, מיט א צעכראסטעטע העמד, די גרוילעך־ברוינע באַרד צעשויבערט. איין פאה פארשארצט הינטערן אויער, די צווייטע קריכט אין אויג אריין. די דיקע ציצית פונעם טלית־קטן הענגען שווער אראפּ, ווי זיי וואלטן זיך רייסן צו דער ערד, דאס קאפּל ווייט פאררוקט. די דיקע רויטלעכע ליפּן מיט א פייכטקייט באדעקט, פון אונדער די געדיכט־גרויע ברעמען קוקן ארויס צוויי פארגלייזטע, מתיקותדיקע אייגעלעך, באטראכטן גבריאלן ווי זיי וואלטן אים צום ערשן מאל געזען. א רגע, ווי ער וואלט זיך אפּגעטרייסלט פון א נאר וואס געזעענעם זיסן חלום, גיט זיך ר׳ זרח א גלעט די באַרד, גלייכט אויס די פאות, פאַרשפּילעט דאס העמד, זעצט זיך אויבנאן ביים טיש און טוט א מורמל:

— ביסט דא, בחור, ווויל. באלד וועלן מיר עסן.

און א קער טוענדיק דעם קאפּ צו דער טיר:

— בריינדל, וועסט זיך מטריח זיין, הייסן דערלאַנגען צום טיש.

גבריאל זיצט מיט אראפּגעלאזענע אויגן. ער דערפילט זיך נישטיק און איבעריק אין דעם רחבותדיקן, שפּיגלדיקן חדר. ער וואלט שוין גערן מוחל געווען דעם „טאג״, אבי זיין וואס ווייטער פון ר׳ זרחס אויפגע־רוימטקייט, פון דער זעט און צופרידנקייט, וואס רוט איבער דעם הויז. עס ווילט זיך וואס שנעלער אין קלייזל אריין, זיך פאררוקן אין א ווינקל, זיך פארטיפן אין זיינע מחשבות...

עפּעס האט פּלוצלונג א ברי געטאן זיין פּנים און געצווונגען אים דעם קאפּ אויפצוהויבן... וואס איז געשען? ווו איז ער? איז עס נישט יענער אקאציע־בוים הינטערן מילעכל? אט הערט ער דייטלעך דאס פּליסטערן פון טייכל הינטערן בריקל, זיין אייגן קול וואס דערציילט שיינע מעשיות

פון דער אגדתא, פון ספר הישר. און צוויי קארשן־אויגן קוקן אים אין מויל אריין און הארכן, הארכן דורשטיק. מיט א פארכאפטן אטעם באוועגן זיך אויף און אפ צוויי מיידלשע ברוסטן. א קאלטער שווייס באדעקט זיין שטערן. עס ווערט אים טונקל אין די אויגן. דאס צימער פארשווינדט. בלויז צוויי פלעמלעך העלן אין חלל, זיי ווינקען צו אים, ציען אים צו זיך, רופן אן א קול: „דאס בין איך דאך, ברײַנדל, דעם פאכטערס, דאס צעלאזענע ווילדע מיידל...״

די שטויב־שטראלן זיינען שוין לאנג ארויסגעשפרונגען דורכן פענצ־טער צוריק אין דרויסן ארויס. א חשכות האט פארצויגן דאס קלייזל און די שטילקייט איז נאך געדיכטער געווארן. אפילו די טראפנס פון כיור זיינען מיד געווארן אין זייער געראנגל און אויפגעהערט זיך צו רייסן אויף דער פריי, און גבריאל שטייט נאך אלץ אין זיין ווינקל, דעם קאפ אויפן שטענדער געזונקען און פון זיינע ליפן רייסן זיך ווערטער אן א קול: האשה נקנית, האשה נקנית...

2.

צוויי העל באלויכטענע פענצטער האבן געקוקט אין דער פינצטערער נאכט און מיט א פריילעכן געפילדער געוועקט דאס שלאפנדיקע געסל. און אינעווייניק, ביי א לאנגן געדעקטן טיש האבן זיך געלאזט ווילגיין מחותנים, מחותנתטעס, כלי קודש און כלי־זמרים. אויבנאן זיינען געזעסן חתן־כלה... גבריאל, דער חתן, האט מיט האלב פארמאכטע אויגן געקוקט אין טעלער אריין, געוועזן טויב צו דער ארומיקער הייטערקייט. בלויז פון צייט צו צייט האט צו זיין אויער דערגרייכט דאס אפטע שמארען מיטן רויטלעך שפיציקן נעזל פון זיין כלה, לאה, א פארעלטערט מיידל מיט שמאלע אקסלען, האט געזופט די גילדענע יוך, געטראגן צום מויל דאס לעפל פארזיכטיק, נישט צו פארפלעקן דאס געבארגטע ווייסע חופה־קלייד. נאך יעדן זופ האט זי אפגעלייגט דאס לעפל, צענויפגעלייגט די הענט און א שמארע געטאן מיטן נעזל. מיט צעשראקענע אויגן האט זי באטראכט די ארומיקע. ווי דורך א נעפל האבן אויפגעטויכט פאר איר באקאנטע און אומבאקאנטע פנימער. אירע צוויי באבערדיקטע ברידער מיט פארזארגטע פנימער האבן עפעס ארייננגעטענהט מיט צוויי קלעזמער. די מאמע, אין איר אלטער טערקישער שאל, האט מיט א ים קנייטשעלעך צוגעשמייכלט צו צוויי דערבייזיצנדיקע, לאהן אומבאקאנטע מחותנתטעס. קעגנאיבער זיי איז געזעסן ר׳ נחמן. זיין ברייטער פקחותדיקער שמייכל האט זיך ארייג־

געגאסן אין זיין שיינער בארד. לאה דערמאנט זיך, ווי א מגיד האט שבת תשובה געזאגט, אז דער רבונו של עולם האט פאר יעדן מענטשן גרייט א מלאך, דורך וועלכן ער דערפילט דעם מענטשנס פארלאנגען. איר מלאך איז זיכער ר׳ נחמן...

געדולדיק האט זי יארנלאנג געווארט און אויף קיין רגע די האפענונג נישט פארלארן, אז איר שעה וועט קומען; געדולדיק איז זי געזעסן אויפן מארק-פלאץ ביי איר שאפקעלע מיט צעלניק סחורה. פון יעדן שפיגעלע, קעמעלע, נאדל־פאדעם וואס פויערטעס האבן ביי איר געקויפט אין א מארקטאג אדער אין א חגא האט ארויסגעקוקט א שטיקל האפענונג, אז גאט וועט זיך אן איר דערמאנען און זי וועט אויפגעריכט ווערן. יעדן אונט האט זי אין א פארבארגענעם קניפל אפגעלייגט פון טאג פדיון א דרייער, א זעקסער, א צענער... חדשים, יארן זיינען פאר׳ביי. די מטבעות אין קניפל האבן זיך געמערט און בייגאנד מיט זיי — די גרויע האר אויף לאהס שלייפן און די קנייטשן ארום אירע אויגן. פון זיצן שעהנלאנג אויף איין ארט האבן זיך אירע פלייצעס פארקיילעכיקט און די ברוסט איז איינגעפאלן. פון פראסט און פון פייערטאפ זיינען אירע הענט פארגרעבט געווארן. אן אייביקע פארקילונג האט זי געפייניקט און איבערגעלאזט א געוווינהייט: דאס אפטע שמארען מיט דער נאז...

ר׳ נחמן, זייערער א ווייטער קרוב, איר טאטנס עליו השלום א גרויסער ידיד, פלעגט שטענדיק צו זיי אין שטוב אריינקומען ווען נאר ער איז צו זיי אין שטעטל פארפארן. פון צווייטן חדר פלעגט צו לאהס אויערן דערגרייכן ר׳ נחמנס סאמעטענער קול, דער מאמעס אפטע זיפ־צעלעך. ארויסגייענדיק פלעגט נחמן באטראכטן לאהן מיט זיינע קלוגע ליבהארציקע אויגן, טרויעריק א שמייכל טאן צו איר און אוועקגיין. דאס לעצטע מאל האט זיך ר׳ נחמן פארהאלטן לענגער ווי תמיד, געזעסן מיט דער מאמען און מיט די עקסטרא ארויסגערופענע ברידער און זיך לאנג געסודעט. לאה איז געזעסן אין דערבייאיקן חדר, די הענט אויפן שויס צענויפגעלייגט און מיט א פארכאפטן אטעם געווארט. זי האט געגלויבט, אז אירע טרערן, פארגאסענע אין די אנצאליקע נעכט אויף איר מיידלשן געלעגער, זיינען נישט לאיבוד געגאנגען: גאט האט געשיקט איר מלאך אירע פארלאנגען צו דערפילן. דאסמאל האט איר בטחון זי נישט פאר־פירט. די טיר האט זיך געעפנט, מען האט זי א רוף געטאן, געהייסן אריינטראגן דאס קניפל. לאה איז געשטאנען אן א זייט, פון צערודערונג געקייט אן עק פון איר קאפטיכל. מיט פייכטע אויגן האט זי נאכגעפאלגט, ווי דריי מאנצבילן ציילן דאס געלט. מיט געשיקטע באוועגונגען האבן זיי

פאנאנדערגעלייגט אין קופקעלעך דרייערס, זעקסערס, צענערס און גריי־וועניקעס. דער קלאנג פון די מטבעות האט לאהן פארוויגט אין האלב דרימל. עלף יאר פון איר לעבן האבן אויפגעוואכט אין איר זכרון. עלף יאר מארק־פלאץ, ניבול־פה פון די צושטייענדיקע פויערים, זידלערייען, פרייד פון פדיון, אפטע אנטוישונגען, איינזאמקייט... אלע אירע חברטעס זיינען שוין ווייבער פון מענער און מאמעס פון קינדער, באלעבאסטעס. יונגע מיידלעך, וואס זי געדענקט זייער געבורט, זיינען שוין כלות געווארן. און זי זיצט טאג־איין, טאג־אויס, זיצט און ווארט, ווארט און האפט... אין איר פארטראכטקייט האט זי נישט באמערקט, ווי ס׳האט זיך פארענדיקט דאס ציילן, נישט געהערט דעם גאנצן משא־ומתן וועגן חתונה־הוצאות, דרשה־געשאנק. נישט געהערט דאס אומצופרידענע ווארטשען פון אירע ברידער, די זיפצעלעך פון דער אלטער מאמען... ווי פון הינערפלעט האט זי אויפגעוואכט, ווען ר׳ נחמן האט זי אנגענומען פארן עלנבויגן. ער האט ווי תמיד ליבלעך צו איר א שמייכל געטאן און הארציק א זאג געטאן: „מזל טוב דיר, לאהלע, דו ווערסט א כלה״...

די חופה־וועטשערע איז שוין לאנג פארענדיקט. די געסט האבן זיך רעדלעכווייז צעשאטן איבערן צימער. די כלי זמרים אין זייער ווינקל גרימפלען עפעס א ניגון. צוויי יידענעס אין קופקעס נעמען אן לאהן פאר ביידע ארעמס, שעפטשען איר אין די אויערן זיסלעך אומפארשעמטע רייד. לאה האט א געפיל, ווי מען זאל זי אויסטאן נאקעט פאר אלעמען אין די אויגן. עס נאגט איר אונטערן לעפעלע, א קאלטער שווייס באגיסט איר, די קניען ברעכן זיך אונטער. די יידענעס פירן זי צו צום חדר מיוחד, פארענדיקן זייערע זאגעכצן, גיבן זי א שטויס אריין און פארמאכן הינטער זיך די טיר...

גבריאל געדענקט נישט, ווען ער איז אריינגעצויגן געווארן אין דעם רעדל. עמעץ האט פארלייגט א האנט אויף זיין אקסל און אים געדרייט הין און צוריק. א טופען פון פיס האט אפגעהילכט אין זיין מוח, א ריח פון אויסגעאטעמטן וויין האט געקיצלט זיין נאז. אין זיינע אויערן איז געשטאנען א גערויש פון פידל, קאנטראבאס און קעסלפויק. צו זיין באַוווסטזיין האבן נישט דערגרייכט די ליצנותלעך פון באבערדיקטע יידן, וואס האבן זיך באמיט איינער דעם צווייטן איבערשטייגן מיט זייערע המצאות. ווי דורך א חלום געדענקט ער, ווי ר׳ נחמן מיט לאהס עלטערן ברודער האבן אים אויסגעלייזט פון די צעהוליעטע יידן און אפגעפירט אין א זייט. ר׳ נחמן האט אים אריינגעשטופט אין קעשענע עפעס א פעקל

און א מורמל געטאן "האלט עס, חתן, דאס איז דיין נדן", צוגעפירט צום חדר מיוחד און פארמאכט הינטער אים די טיר...

— — — — — — — — — — — —

גבריאל האט געעפנט די אויגן. לאנג האט ער זיך נישט געקאנט דערמאַנען ווו ער געפינט זיך. דורך די שפאלטן פון די פארמאכטע לאדנס האט זיך אריינגעריסן דער פרימארגן. א פאס שיין האט באלויכטן א ווייס קלייד, וואס איז געהאנגען איבערגעווארפן איבער א שטול-אנלען. דערביי זיינען געשטאנען ווייבערשע שיך, אין זיי — ווייסע זאקן אריינגעשטעקט. נעבנ־טער צום בעט, נעבן זיינע בגדים, צעווארפענע אן א סדר אויף א צווייטער שטול, האט ער באמערקט אויפן דיל א רויט פעקעלע. אין זיין זכרון איז פלוצלונג אויפגעשווומען די חתונה, ר׳ נחמן, לאהס ברודער — דער נדן. ער האט אויסגעשטרעקט די רעכטע האנט, אויפגעהויבן פון דיל דאס פעקל. גענומען עס מיט נייגיר באטראכטן. ער האט זיך איבערגעדרייט אויפן רוקן און מיט ביידע הענט באטאפט דאס פאפיר־געלט און מינץ פארבונדענע אין רויטן טיכל. צו זיין נאז האט פלוצלונג דערגרייכט א שארפער זויערלעכער ריח פון שווייס. ער האט א קער געטאן דעם קאפ אויף לינקס און דערזען די דערביילינגדיקע לאה. זי איז געשלאפן מיט א האלב געעפנטן מויל. א שטילער שנארכן האט זיך געטראגן פון איר שפיציקן נעזל, די אויגן צוגעשלאסן. אויסגעלאשענע צוויי טרערן האבן ווי צוויי אינדזולעך געשטארצט אויף די פאררויטלטע באקן. די שיטערע האר צע־פלאסן. איין פאסמע — צוגעקלעפט צום שווייס פון שטערן. איין האנט הינטערן קאפ פארלייגט, איין ברוסט — א מאגער שיטער טארבעלע — אנטבלויזט. גבריאלן איז פלוצלונג אויפן זינען געקומען א קליין קעצל, וואס האט אין א ווינטער־נאכט פארבלאנקעט אין קלייזל און מיט זיין יאמערנדיקן מיאוקען ארויסגערופן ביי אים א רחמנות-געפיל. ער האט עס אין קלייזל אריינגענומען, עס דערוואַרעמט, זיך געטיילט מיט דעם מיט די שיריים פון דער מלוה מלכה. ביינאכט גענומען עס צו זיך אויפן גע־לעגער — אויפן באנק הינטערן אויוון, געטוליעט עס צו זיך, געפילט דאס צאפל פון קעצלס הערצל... גבריאל האט פלוצלונג באמערקט, אז ער גלעט לאהס אנטבלויזטע ברוסט. ער האט זיך ווי פארלוירן, פארזיכטיק די ברוסט אין איר העמד פארשטעקט, ביזן האלדז זי מיט דער קאלדרע פארדעקט, געוואלט זיך פארזיכטיק אפרוקן זי פון שלאף נישט צו וועקן. אבער דאס שנארכען האט זיך פלוצלונג איבערגעריסן. לאה האט די אויגן געעפנט, א פינטל געטאן מיט זיי און זיך פלוצלונג דערשראקן פארן באַ־

בערדלטן פנים וואס ליגט אזוי נאענט צו איר נאקעטקייט. זי האט א פראל אפּ געטאָן אויף היִנטערווייִלעכץ און, ווי וועלנדיק זיך שיצן פון אן אומגעריכטן אנגריף, האט זי אויסגעשטרעקט די האנט פאָרויס. גבריאל האט גענומען איר האנט אין זייִן לינקער האנט, מיט דער רעכטער אריינגעלייגט אין איר דלאָניע דאס רויטע קניפּל און פאַרקוועטשט ארום דעם אירע פינגער. לאה, באַהערשט פון א שווידערדיקער שרעק, האט גע־וואלט איר האנט אפּרייסן, פון קניפּל זיך באפרייען. אבער גבריאל האט איר האנט פעסט געהאלטן און צושמייכלענדיק געמורמלט: „נעם, נאַרע־לע, נעם עס, ס׳איז דייִנס״. דערביי האט ער כיטרע א זשמורע געטאָן די אויגן, ער האט א קנייטש געטאָן מיטן שטערן, ווי א חריפותדיק פּשטל וואלט אים אויפן זינען געקומען: די גמרא זאגט, האט ער שטיל געפּליס־טערט, האשה נקנית... אבער איך בין דאך אן איש, א מאַנצביל...

דריי עבירות

א קארגע שיין פון שטיי־לאמפ האט באלויכטן איר גרויען קאפ אויפן ווייסן קישן. זי איז געלעגן מיט האלב־פארמאכטע אויגן, האט נישט געקוקט אויף די ארומזיצנדיקע, נאר געווען פארטיפט אין אירע אייגענע מחשבות.

די עטליכע פריינד, וואס זיינען געקומען מבקר־חולה זיין די אלטע קראנקן־שוועסטער זענען געזעסן ארום איר בעט. די קעפ גע־בויגן, איינגעהאלטן דעם אטעם און אין טיפסטער שפאנונג זיך צוגעהערט צו איר שטילן מורמלען, וואס איז פון צייט צו צייט איבערגעריסן געווארן דורך א שטארקן הוסט און איבער־געגאנגען אין א כארכלען. די שאטנס פון די זיצנדיקע מענטשן האבן זיך געדיכט אויסגעשפרייט אויף דער קעגנאיבערדיקער וואנט. אומבאוועגלעך ווי די מענטשן גופא, האבן די שווארצע שאטנס ווי געשאפן א סודות־פולן פאַן צו דעם ארום. די קראנקע האט זיך אפגערוט פונעם לעצטן הוסט־אנפאל, איר אטעם איז געווארן רויקער, זי האט ברייטער די אויגן געעפנט, באטראכט די פריינד, זיך עטוואס אונטערגעהויבן אויפן קישן און זיך ווידער צערעדט:

— באמיט זיך נישט מיך צו טרייסטן, דאס איז איבעריק. איך ווייס געגוי מיין צושטאנד. איך שרעק זיך נישט פארן טויט. נישט איינמאל בין איך געווען אן עדות פון טויט־פאלן. נישט איין מענטשן האב איך, קאן מען זאגן, געהאלפן אויסהויכן די נשמה... פארשידענע זענען געווען די שטארבנדיקע. אבער איינס האט זיי אלעמען ענלעך געמאכט: דער ווילן זיך אויסצורעדן פארן טויט. טייל פלעגן עס טאן פארן גלח, טייל — פארן דערביילינגדיקן שכן און א גרויסער טייל האט זיך מתוודה געווען פאר מיר. איך האב קיינמאל געגוי נישט פארשטאנען דעם דאזיקן פארלאנג און, דעם אמת זאגנדיק, זיך קיינמאל נישט פארטראכט דערויף... היינט ווען איך שטיי אויפן ראנד פון לעבן בין איך אליין אומגעריכט באהערשט געווארן פון א מוראדיקן באגער זיך אויסצורעדן, צו עפענען פאר עמעצן מיין הארץ.

זי האט אפגעווישט מיטן טיכל די ווינקלען פון מויל, זיך א רגע פארטראכט און ווייטער גערעדט:

— נישט באדייטנדיק איז געווען מיין לעבן. במילא נישט באדייטנ־דיק די עוולות, וואס איך בין, ווי אלע מענטשן, באגאנגען. אויב איך וויל זיך מתוודה זיין, איז עס צוליב דריי עבירות, וואס איך בין באוווסט־זיניק באגאנגען און פאר וועלכע איך טראג די פולסטע פאראנטווארט־לעכקייט...

זי האט זיך ווידער פארהוסט, געהוסט לאנג, שפעטער א רגע גע־כארכלט. איר קאפ איז מאכטלאז געפאלן אויפן קישן. זי איז לאנג גע־לעגן מיט פארמאכטע אויגן. דאס פנים געל ווי וואקס. בלויז דאס קוים באמערקבארע באוועגן זיך פון איר ברוסט האט עדות געזאגט, אז איר נשמה ראנגלט זיך נאך מיטן אויסגעשעפטן גוף.

— געווען איז עס שוין זייער לאנג — האט זי נאך א לענגערן שווייגן ווידער אנגעהויבן — נאך בעתן ערשטן וועלט־קריג. איך האב דאן געדינט אין א פעלד־לאזארעט. געווען בין איך נאך זייער יונג. מיטגעליטן מיט די ליידן פון די פארוואונדעטע, זיך אויפריכטיק געפרייט מיט יעדן געלינדערטן ווייטיק. מיטן גאנצן ברען פון מיין יוגנטלעכער נשמה געווען איבערגעגעבן מיין ארבעט, אז ס'איז נישט פארבליבן קיין פרייע רגע פאר מיין פערזענלעכן לעבן. מיין מאן, מיט וועלכן כ'האב נישט לאנג חתונה געהאט — אן אינזשיניער — איז אויך געווען אויף מיליטערישער דינסט. מיר האבן זעלטן געהאט די מעגלעכקייט זיך צו טרעפן און מחמת קריגס־צייט — נישט רעגולער באקומען בריוו איינער פון צווייטן. טאג־טעגלעך זענען צו אונדז אין לאזארעט געבראכט געווארן פרישע פארוואונדעטע פונעם שלאכט־פעלד. טייל פלעגן נאך א קורצער היילונג ווידער געשיקט ווערן אויפן פראנט, טייל — מיט שפיטאל צוגן אין הינטער־לאנד.

...יענעם פארוואונדעטן האט מען אונדז געבראכט עפעס שפעט אין דער נאכט. דאס איז געווען נאך גאר א יונגער זעלנער. זיין פנים ווייס, אן א טראפן בלוט, די אויגן געשלאסן, זיין אטעם — קוים, קוים צו דערהערן. ביי אים איז געווען דורכגעשאסן איין לונג און ער האט זייער פיל בלוט פארלוירן. דער כירורג האט זיך מיט אים לאנג געעסקט. געמאכט א בלוט־טראנספוזיע, דורכגעפירט א זייער קאמפליצירטע אפעראציע און אויפן פרי־מארגן אים אוועקגעלייגט אין א באזונדערער פאלאטע אונטער מיין אויפ־זיכט. איך בין גאנצע מעת־לעתן נישט אפגעטראטן פון זיין בעט. גע־שפייזט און געריייניקט, איבערגעבונדן די ווונדן, געמאסטן די טעמפערא־טור און געמאכט איינשפריצונגען. ער האט לאנג געפיבערט, גערעדט און געשריען פון היץ. אפגעריסענע, אומלאגיש־געבויטע פראזן האבן דער־

ציילט וועגן א סטאנציע אינעם ברייטן סטעפ ביים דאָן, וועגן א מיידל מיטן נאמען דוניאשא, וואס האט לאנגע שווארצע צעפ און א ווייסן שלאנקן האלדז; וועגן א ציטערדיקן אומרו, צי וועט זי ווארטן, צי וועט זי נישט פאראטן?... איך האב קיינמאל נישט געהאט קיין קינד. אבער איך בין זיכער, אז מיינע געפילן צו דעם יונגן ליידנדיקן בחור זענען געווען עכט מוטערלעכע. ווי גרויס איז געווען מיין פרייד, ווען נאך א לאנגער צייט פון טיפן באוווסטלאזן צושטאנד איז ענדלעך זיין אטעם געווארן רויקער, די טעמפעראטור איז געפאלן און ער האט צום ערשטן מאל געעפנט די אויגן. ער האט זיך לאנג ארומגעקוקט, ווי ער וואלט זיך וועלן דערמאנען, ווו ער געפינט זיך. זיין בליק איז געפאלן אויף מיר, ער האט מיך לאנג אנגעקוקט, זיין פנים האט זיך אנגעשטרענגט, א קרים געטאן אין א שמייכל און די פארמאכטע ליפן האבן קוים צו דערהערן א שעפטשע געטאן: „שוועסטערל"... איך האב געפילט, גלייב איך, דאס זעלבע וואס א מוטער, ווען זי דערהערט צום ערשטן מאל פון איר קינד ארויסרעדן: „מאמע"... ער האט שנעל גענומען קומען צו זיך. איך בין אפט געזעסן ביי זיין בעט. איך פלעג אים פארלייענען א ביכל, אדער אזוי עפעס דערציילן און ער פלעגט נעמען מיין האנט, דריקן זי צו זיין שטערן און קוקן, קוקן אויף מיר מיט זיינע גרויע טיף געזעצטע אויגן. שפעטער האב איך אנגעהויבן ארויספירן אים אויף שפאציר. צו־ערשט אים בלויז אוועקגעזעצט אויף א בענקל ביים ארייגאנג אין לאזארעט, שפעטער געמאכט מיט אים קורצע שפאצירן, דער־נאך שפאצירט מיט אים אין דערבייאיקן וועלדל. טעג און וואכן זענען אריבער. דער בחור האט זיך שנעל אומגעקערט צו זיין געזונט. ווי די ארומיקע נאטור אין שפעטן פרילינג, איז ער אנגעגאסן געווארן מיט זאפט, מיט שפרודלדיקן לעבן. פאר מיר אבער איז ער פארבליבן דער זעלבער ליידנדיקער אומבאהאלפענער, וואס נויטיקט זיך אין מיין הילף, וועמענס ליידן צו לינדערן איך טאר אין קיין זאך נישט אפזאגן... מיר זענען געזעסן אין שאטן פון א געדיכטן בוים. דער שארפער דופט פון סאסנע־וואלד האט גערייצט די נאזלעכער. צו די אויערן האט דערגרייכט א סודותפולע מוזיק פון א פויגל, געטשוויטשעריי און זשומען פון גרילן. אלץ האט גערופן צום לעבן, צו פרייד, צו גענוס... דער בחור האט זיך פלוצלונג אויסגעצויגן אויף דער הוילער ערד. איך האב אים אויפגעפא־דערט זיך אויפצוזעצן, ווייל ליגן אויף דער הוילער ערד קאן אים שאדן. ער האט מיר נישט געענטפערט און פון ארט זיך נישט גערירט. איך האב זיך איבער אים איבערגעבויגן, גענומען אים אונטער די ארעמס,

באמיענדיק זיך אים אויפצוזעצן. ער האט מיך פלוצלונג אנגעקוקט, אן אומבאקאנט פייערל האט א בלינצל געטאן אין זיינע אויגן: באגער, דורשט, אומגעזעטיקטקייט האט פון זיי ארויסגעשריען. פלוצלונג האט ער זיין פנים איינגעהילט אין מיין ברוסט, זיינע פעסטע ארעמס האבן מיך ארומגעקלאמערט, זיין אטעם איז געווארן קורץ און הייס... מיך האט באהערשט א רחמנות־געפיל: ער ליידט און איך מוז לינדערן זיינע ליידן. און כ'האב זיי געלינדערט...

זי איז ווידער אנטשוויגן געווארן, מיט אויסגעלאשענע אויגן באַ־טראכט די ארומיקע, איר בליק איז געפאלן אויף דער קעגנאיבערדיקער וואנט, דערזען די שאטנס. זיי האבן זיך נאך ענגער צונויפגעפרעסט. איר האט זיך אויסגעוויזן, אז שטרענגע ריכטער האבן זיך פארזאמלט זי צו משפטן. זי האט אין שרעק צוגעשלאסן די אויגן און לאנג געלעגן אן באוועגונג. די פריינד האבן שוין געהאט די האפענונג פארלוירן נאך עפעס פון איר צו הערן, ווען אירע ליפן האבן זיך פלוצלונג א ריר געטאן און זי האט ווידער פארגעזעצט איר ווידוי:

— איך האב דאן געארבעט אין אן אפטיילונג פאר געווינערינס. אין זעלבן טאג זענען זיי ביידע צו אונדז געקומען: איינע — א שווארצע מיט א זיכערן, כמעט חוצפהדיקן בליק, די צווייטע — א בלאנדע מיט אראפּ־געלאזטע אויגן. די שווארצע איז געקומען אין דער באגלייטונג פון מאן, מוטער און שוועסטער. זי האט זיך מיט זיי לאנג געזעגנט, געקושט זיך. די פרויען האבן געוויינט די אויגן און געווונטשן, געווונטשן איר אן א סוף. דער מאן האט זי לאנג געהאלטן אין זיינע ארעמס, געצערטלט, אנגעקוקט מיט א פארלוירענעם בליק, זיך באמיט זי צו מוטיקן און אליין געפינטלט מיט די אויגן. ער האט לאנג נישט געקאנט זיך מיט איר צע־שיידן, צוגעפירט זי הארט ביז צו דער אריינגאנגס־טיר, מיט דער גרעס־טער אנשטרענגונג זיך באמיט צו שפאסן. „דו גייסט אהין אליין און צוריק וועסטו... וועט איר קומען זאלבעצווייט״...

די בלאנדע האט קיינער נישט באגלייט. זי האט זיך שטיל ארײַנגע־שלייכט ווי וועלנדיק קיינער זאל זי נישט באמערקן. ביים רעגיסטרירן האבן מיר זיך דערוווסט, אז זי לעבט דא אין שטאט איינזאם, שטודירט אין היגן אוניווערסיטעט. אירע עלטערן וווינען אין א ווייטער פראווינץ־שטאט און ווייסן גארנישט פון איר לאגע. ביים געדאנק, אז זיי וועלן זיך דערוויסן, האט זי זיך שטארק צעוויינט, לאנג געהאלטן דעם קאפ געזונקען אין די ארעמס און אירע אקסלען האבן געציטערט. מען האט זיך באמיט זי צו בארויקן, איר דערקלערט, אז אויפרעגן זיך אין דעם

מאמענט איז שעדלעך פארן געזונט און קאן פאטאל ווירקן אויפן קינד, וואס זי דארף ברענגען אויף דער וועלט. דאס האט ביי איר ארויסגערופן א ניי ספאזמאטיש געוויין און זי האט היסטעריש אויסגעשריגן: „ניין דאס טאר נישט געשען... איך וויל נישט... איך דארף נישט!....״.

כמעט אין איין און דער זעלבער שעה האבן זיי ביידע געבוירן. די שווארצע האט געוואלדיק געשריען, זיך געריסן, געכאפט בייסן די הענט פון די סאניטארינס, וואס האבן זי געהאלטן, מיד געמאכט זיך און דעם מעדיציניש פערסאנאל, וואס האט זיך ארום איר געפארעט, ביז זי האט ענדלעך געבוירן א ייִנגעלע, וואס האט געלעבט עטלעכע שעה. די בלאנדע איז געלעגן שטיל מיט פארביסענע ליפן. קיינעם נישט באומרואיקט און שנעל געבוירן א געזונט קינד. ביידע געווינערינס האט מען אוועקגעלייגט אין איין פאלאטע. די נומערן פון זייערע בעטן האט מען געבראכט צו מיר — איך האב געארבעט אין דער קינדער־אפטיילונג — איך זאל זיי צובינדן צו די אנטשפרעכיקע קינדער. ווען איך בין שפעטער א ביסל געקומען איבערוויקלען די קינדער, איז שוין דער שווארצערס געלעגן טויט. אויף מענטשן פון אונדזער פאך מאכט נישט קיין באזונדערן איינדרוק דאס געבוירן ווערן פון טויטע אדער דער טויט פון נייגעבוירענע קינדער. דאס אומאנגענעמסטע און שווערסטע דערביי איז — מיטטיילן וועגן דעם דער מוטער. איך האב געטראכט ווי מאדנע עס לייגן זיך צונויף די מענטשלעכע גורלות. די שווארצע לעבנסלוסטיקע פרוי, וועמענס לעבן איז ביז הײַנט, ווי עס שיינט, געווען א בלומען־וועג, וועמענס אלע באגערן זײַנען זיכער תמיד דערפילט געווארן, פריער דורך איבערגעגעבענע עלטערן און דערנאך דורך א הייס געליבטן מאן, זי דארף הײַנט איבערלעבן צום ערשטן מאל א טיפן ווייטיק און אן אומגעהויערן צער. געקומען איז זי אהער געלאדן מיט פריידיקער האפענונג און אוועקגיין וועט זי אן אנטוישטע. אירע נאענטע וועלן זי באגעגענען מיט געזונקענע קעפּ און לאנג וועט הערשן טרויער אין זייער הויז. און די בלאנדע? זי וועט ארויס מיט א קינד אויף דער האנט, א קינד, וואס קיינערווארט נישט און וואס וועט פארשאפן בלויז עגמת נפש. א שרעקלעכער געדאנק האט א בליץ געטאן אין מיין מוח — ווען עס זאל זיין פארקערט... וויפל מענטשלעכע ליידן וואלטן פארמיטן געווארן. איך האב דערהערט די טריט פון אנקומענדיקן דאקטאר. ער גייט באטראכטן די קינדער. דאס בלוט האט מיר א שלאג געטאן אין קאפּ. נאך א רגע און ס׳וועט ווערן אוממעגלעך עפּעס צו ענדערן. נאך קאן מען אויסמיידן אזויפיל מענטשלעכע ליידן, פארשאפן אזויפיל פרייד און גליק. איך האב שנעל פארביטן

די נומערן פון די קינדער... די בלאנדע האט פארלאזן דאס שפיטאל מיט א טאג פריער פאר דער שווארצער. זי איז ארויס אזוי שטיל און אומבאמערקט ווי זי איז אריין. אבער קיין שפור פון אומרואיקן ציטער איז אויף איר פנים פארבליבן. זי האט זיך געזעגנט מיט א זעלבסטזיכערן בליק און שנעל אוועקגעשפרייזט צום נאענטסטן טראמוויי-אפשטעל. צו־מארגנס האט דאס שפיטאל פארלאזן די שווארצע. אירע נאענטסטע האבן אנגעפילט דעם ווארט־זאל מיט הילכיקן, פריידיקן געפילדער. א שארפער ריח פון רויזן האט זיך געטראגן אין דער לופט. ווען דאס קינד איז ארויסגעטראגן געווארן האבן זיך פיר פאר הענט צו דעם א צי געטאן. די געווינערין האט זיך לאנג מיט אלעמען געקושט, געלאכט און פריידיק געפלוידערט אן אויפהער. א באלאדענע מיט בלומען האט זי מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ און מיט שטאלצע טריט אוועקגעשפרייזט צום ארויסגאנג. איך בין געשטאנען ביים פענצטער און לאנג געקוקט אין דער ריכטונג פון דער אפפארנדיקער טאקסי. מיין הארץ איז צענויפגעפרעסט געווארן פון שרעקלעכן צווייפל: ווער האט מיר געגעבן רעכט צו ענדערן די ריכטונג אין לעבן פון דעם נייגעבוירענעם מענטש? צי האב איך געהאט רעכט אפצונארן די עלטערן? צי האב איך געהאט רעכט?...

די קראנקע איז ווידער געפאלן אויפן קישן, געמאטערט פון א נייעם הוסט־אנפאל. ווידער זענען אירע פריינד געזעסן אין לאנגער דערוואר־טונג, ביז עס האט זיך ענדלעך דערהערט איר געפליסטער:

— אויגן... מיר מעדיקער, זענען געוויינט פון זייער ארויסצולייענען ווי גרויס איז דער ווייטיק ביים קראנקן. די אויגן פון קראנקן קוקן אויף אונדז מיט געבעט, מיט האפענונג, מיט גלויבן אין אונדזער אלמעכטיקייט. פארשידן איז דער בליק ביי פארשידענע קראנקע, ווי פארשידן עס זענען זייערע כאראקטער־אייגנשאפטן. אבער איינס מאכט זיי אלע ענלעך: דער דראנג צום לעבן, די שטרענגע פאדערונג מען זאל זיי דאס געזונט אויפ־שטעלן, אפרייסן פון קראנקן־בעט און אומקערן זיי צו די נאענטסטע, עלטערן, קינדער אדער געליבטע. ווי אנדערש האבן געקוקט די אויגן פון יענער קראנקער. די אלטע לערערין איז געבראכט געווארן אין שפיטאל אריין נישט דורך א מאן און נישט דורך קינדער און נישט דורך קיין שום נאענטן מענטשן. די „גיכע הילף" האט זי געבראכט פון איר איינזאמער וווינונג. די שכנים האבן זיך צופעליק דערוווסט אז זי ליגט צוגעשמידט צום געלעגער שוין דעם דריטן טאג. זיי האבן וועגן דעם אליארמירט, זיך באמיט מען זאל זי אריבערפירן אין שפיטאל אריין און דערמיט אייגנט־

לעך דערפילט זייער מענטשלעכע פּליכט. זי איז געלעגן אויפן בעט אומ־באַוועגלעך, געקוקט אין דער ווייט. אין אירע אויגן איז נישט געווען צו באַמערקן נישט קיין אויסדרוק פון ווייטיק, נישט קיין פונק פון האָפע־נונג. זיי האָבן נישט געבעטן, נאָר מיט טעמפּער עקשנות געקוקט אין איין פּינטל אַריין. זי האָט זיך נישט צוגעהערט צום עסן, וואָס מען האָט נעבן איר אַוועקגעשטעלט. און ווען מען האָט זי געפּרוּווט קאַרמען מיטן לעפל, האָט זי זיך נישט געוועהרט, אָבער ביי יעדן שלונג האָט זי קאַנוואָלסיוו אויפגעציטערט. די דאָקטוירים האָבן פעסטגעשטעלט אַז זי האָט אַ ראַק אין האַלדז און אַז די קראַנקהייט פּראָגרעסירט שנעל. טרויעריק איז די ראָל פון מעדיקער אין אַזעלכע פאַלן: זיין איבערצייגט אין דער אייגענער אָוממעכטיקייט, מאַכן דעם אָנשטעל פון געבן הילף און אייגנטלעך גע־דולדיק וואַרטן אויף דעם קראַנקנס טויט. איך בין באַאויפטראַגט געוואָרן צו מאַכן דער קראַנקער פון צייט צו צייט איינשפּריצונגען פון מאָרפיום, כדי צו לינדערן אירע אומבאַשרייבלעכע ווייטיקן. די איינשפּריצונגען טאָרן נישט זיין צו אָפט און נישט אין קיין גרויסע דאָזעס, ווייל דאָס קען פאַרשנעלערן דעם סוף. נאָך דער ערשטער איינשפּריצונג האָט די קראַנקע געווענדעט איר בליק אויף מיר. שווער איז געווען אַרויסצולייענען פון אירע אויגן דאַנקבאַרקייט, פאַרוואָרף אָדער געבעט. בלויז דער אויס־דרוק פון טעמפּער עקשנות איז פון זיי פאַרשוואונדן. פון דאַן אָן האָט זי מער נישט געקוקט אין דער אומבאַשטימטער ווייטקייט, נאָר ביי מיין יעדן דערשיינען האָט זי שאַרף, דורכדרינגלעך מיך באַטראַכט. ווי מיט שאַרפע נאָדלען האָבן אירע אויגן דורכגעשטאָכן מיינע הענט. די דאָקטוי־רים האָבן דערקלערט, אַז אירע יסורים זענען אומגעהויער, און נאָר אַ קאָלאָסאַל שטאַרקער ווילן איז בכוח צו אַזאַ מעכטיקער באַהערשונג און אַז אַזאַ האַרץ וועט נאָך זיכער לאַנג אויסהאַלטן. איך האָב פאַרלוירן מיין רו. די אויגן פון דער קראַנקער האָבן מיך פאַרפאָלגט אומעטום. ביינאַכט האָב איך לאַנג נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן און ביים ערשטן דרימל האָבן שרעקלעכע קאָשמאַרן מיך געפּייניקט. שווידערלעכע מחשבות האָבן מיך באַהערשט: ווער גיט אונדז רעכט אין אונדזער אומבאַהאָלפנקייט צו פאַר־לענגערן מענטשלעכע ליידן און פּיין? ווען איך בין דאָס לעצטע מאָל אַריינגעקומען צו דער קראַנקער, האָט זי מיך לכתחילה נישט באַמערקט. איר קאָפּ איז געווען טיף געזונקען אין קישן, דער קערפּער אונטערגע־הויבן און מיט די פויסטן האָט זי זיך געקלאַמערט אין איר געלעגער. און אירע אויגן... די שוואַרצאַפּלען פאַררוקט טיף אין שטערן אַריין און די ווייסלען פאַרריסן צום סופית. אַ הייסער שטראָם האָט זיך דורכגעריסן

איבער מיין קערפער. מיין הארץ האט געקלאפט ווי מיט האמערס, אין די שלייפן איז מיר געווארן ענג. כ'האב פארלוירן די געוויינלעכע באהערשט־קייט, כ'האב אומבאוווסטזיניק אנגעפילט דעם גרויסן שפריץ, זיך דערנענטערט צו דער קראנקער, אריינגעשטאכן און געפאלן אין חלשות. ווען איך בין צו זיך געקומען, בין איך געשטאנען אויף די קני ביי איר בעט, דער שפריץ איז געלעגן דערנעבן אויפן דיל. די קראנקע איז געלעגן אן באוועגונג, מיט אפענע אויגן געווענדעט אויף מיר. פון זיי האט ארויס־געקוקט א מאדנע רויקייט און לייטזעליקייט. איך האב מיך שטארק דער־שראקן און אינסטינקטיוו מיט מיין האנט אירע אויגן געשלאסן...

זי איז אנטשוויגן געווארן. ביסלעכווייז איז אויפגעגאנגען דער פרי־מארגן, די שאטנס אויף דער קעגנאיבערדיקער וואנט זענען צערונען גע־ווארן אין מארגנשיין און אויף זייער ארט איז געפאלן א שטראל פון דער אויפגייענדיקער זון.

פארברעכער

דאסמאל האט זיך ביי ארקע דעם שוסטער צענויפגעזאמלט די גאנצע חבריה: לייזערקע דער בעקער, אבקע דער בלעכער, „ס׳איידעמל״ און שלמה דער גלעזער. בערקע דעם רימער האבן די חברים משנה שם געווען אויף „ס׳איידעמל״, זינט ער האט חתונה געהאט מיט אברהם שענקערס טאכטער, אוועקגעווארפן ס׳פאך און זיך ארייגעלאזט אין זיין שווערס געשעפטן.

אלע זיינען זיי געבוירענע אויף דער „ראגאטקע״. געלערנט ביי איין רבין און נישט אויפגעהערט זיך צו חברן אפילו נאך דער חתונה. קיינער פון זיי האט נישט באמערקט, ווי זיינע חברים האבן זיך געעלטערט. ס׳האט זיי געצויגן איינער צום צווייטן ווי אמאל, יינגלווייז, ווען מען האט זיך געשפילט אין „יאגעניש״, אין „באהעלטערלעך״, אין מלחמות און ענלעכע שפילן. קיינער פון זיי האט אייגנטלעך נישט באמערקט, אז עפעס האט זיך געענדערט, אז די שפילערייען זיינען היינט אנדערע ווי אמאל: נישט לאזן אויפרופן אין שול, ביז מען וועט נישט באזארגן די ארעמע־לייט מיט מצה אויף פסח; ארייגפירן אן ארעמען דורכגייער צו ר׳ וועלוו־לען דעם גבאי פרייטיק צו נאכטס און אין איין קול שטיפעריש אויס-שרייען: „גוט שבת, ר׳ וועלוועל! אט האט איר אן אורח אויף שבת״; אפשלאגן שיכורים אין א מארק-טאג, ווען זיי זיינען צוגעשטאנען צו דבורה דער אלמנה...

קיינער האט זיי נישט געהייסן, קיינער האט זיי נישט געבעטן, קיי־נער האט זיי נישט אויסגעקליבן — אבער יעדער באוולטער אויף דער „ראגאטקע״ האט געוווסט, אז ביי דער חבריה וועט ער גיכער קריגן שוץ ווי ביי מלך דעם נגיד, ביי זכריה דעם מלווה און אפילו ביים רב...

דאסמאל איז געגאנגען א שמועס איבער גבריאלן.

— א גאנץ געזינדל גייט אויס פון הונגער פאר אונדזערע אויגן — האט לייזערקע אנגעהויבן און א וויש געטאן מיטן ארבל דעם שטערן, ווי ער וואלט געשטאנען ביים געהייצטן אויוון.

ארקע האט א שפיי געטאן אין די דלאניעס — א סימן אז ער איז אויפגערעגט.

— כ׳וואלט זיי ארייגעשיקט א ברייטל — האט לייזערקע פארגע־

זעצט — ס׳איז אפילו שווערלעך... היינטיקע צייטן... איידער מען שלעפט צענויף די פאר פודלעך מעל אויפן געבעקס... אבער מילא... נאר ער וועט דען נעמען גבריאל?

שלמה דער גלעזער האט, ווי זיין שטייגער איז, א קרים געטאן מיט די ליפן אין א פילאזאפישן שמייכל:

— מען זאל קאנען מיט א שטיקל ברויט פארקלעפן די קישקעס, וואלט אפשר דיין ברייטל, לייזערקע, געהאט א פעולה...

„ס׳איידעמל" האט זיך אויפגעקאכט:

— זאל ער טראגן „קאמפרעסלעך" ווי אנדערע, וועלן זיי נישט דארפן שטארבן פון הונגער...

„קאמפרעסלעך" — דעם „איידעמלס" דערפינדונג — בלעכענע אויס־געהוילטע ווארעם-פלעשער, וואס מען בינדט צו מיט רימענס ארום בויך, האט אבקע דער בלעכער אויסגעמייסטרעוועט. אין זיי האט מען איבער־געטראגן בראנפן פונעם געהיימען ברייזל צו אברהמען אין שענק און פון דארט צו די פויערים אין די ארומיקע דערפער.

— נישקשה — האט זיך „ס׳איידעמל" געהיצט — גאנץ פיינע באלע־באטים טוען עס און אים, גבריאלן, זעט איר, שטייט עס נישט אן!...

שלמה האט ווידער א קרים געטאן מיט די ליפן:

— דו, „איידעמל", פארגעסט אפנים, אז יעדע סחורה, האט זיך איר מאס. בראנפן מעסט מען מיט א קווארט און שויבן, אשטייגער, מעסט מען מיט אן ארשין...

ניין, גבריאל האט נישט איינגעשטימט צו טראגן „קאמפרעסלעך" און אויך זיין ווייב און קינדער האט ער עס נישט דערלויבט צו טאן.

א פארמלחמהדיקער פיינער באלעבאס, נישט צוליב רייכקייט, נאר צוליב זיין למדנות, האט ער, אומקערנדיק זיך פון פראנט, געטראפן ווייב און קינדער פארחושכטע, אויסגעהונגערטע, אן א מקור פרנסה. ער האט זיך צו קיינעם נישט געווענדט נאך הילף. גענומען א שליטעלע און צו־זאמען מיט לאהן, זיין ווייב, געפירט זעק און קאסטנס פון און אויף דער אכסניה. נאך א שווערן טאג ארבעט פלעגן זיי אהיים קומען מיט א ברויט, אביסל קארטאפל און א בינטל האלץ. ער פלעגט איינהייצן דאס אייזערנע אייוועלע און לאה פלעגט זיך שטעלן מאכן א געקעכטס צו אנקארמען און דערווארעמען די דריי קינדערלעך: דעם צוועלפיעריקן מאטעלע, די צענ־יעריקע אלטעלע און דעם אכטיעריקן יאנקעלע. די קינדער פלעגן גיריק כאפן פון טאפ די הייסע נאר וואס אפגעזייטע קארטאפל און גבריאל פלעגט זיי מיט א טרויעריקן שמייכל אונטערמונטערן:

— עסט, קינדערלעך, עסט! נישט געזארגט! גאט וועט העלפן און עס וועלן קומען בעסערע צייטן.

אבער די „בעסערע צייטן״ האבן לאנג געלאזט אויף זיך ווארטן. דעם זומער איז מען ווי עס איז איבערגעקומען און פלוצלונג — אן אומגליק: אויף דער גאנצער וועלט האט זיך די מלחמה שוין לאנג געענדיקט און דא, אין זייער שטאט, זעט מען קיין סוף און קיין עק נישט... אלע מאנטיק און דאנערשטיק בייט זיך די „מאכט״... יעדע נאכט שיסערייען, בהלות. אין דער אכסניה קומט קיינער נישט, קיין פעק און קאסטנס שלעפן דארף מען נישט... נישטא מער קיין ברויט, קיין קארטאפל, קיין בינטל האלץ און דער ווינטער רוקט זיך אן...

גבריאל שטייט מיטן פנים צום פענצטער. א שווערער קנויל דריקט אים אויפן הארצן. ער פילט הינטער זיינע פלייצעס די הונגעריקע, מא־נענדיקע בליקן פון די קינדער. לאהס שווייגן דערדריקט זיין געמיט. ער הארכט זיך צו, ווי זי שפאנט ארום פון ווינקל צו ווינקל מיט פארברא־כענע הענט...

— רבונו של עולם! — רעדט ער אן א קול — האסט אפגעהיט מיין לעבן, ווען דעם שונאס קוילן האבן געפייפט איבער מיין קאפ. פארנעם זשע אויך אצינד מיין תפילה און מאך, איך זאל נישט דארפן אויסשטרעקן א האנט...

די טיר האט זיך פלוצלונג אן עפן געטאן, אויף דער שוועל האט זיך באוויזן א ווייבל. זי האט אויפן דיל א שטעל געטאן א קיישל, אין איילע־ניש א זאג געטאן:

— נאט, שטעלט טשאלנט!

און איז שנעל פארשוונדן.

גבריאל האט זיך דערפילט ווי אפגעגאסן מיט א הייס טעפל וואסער. ער האט זיך א דריי אויס געטאן. אינמיטן צימער איז געשטאנען דאס קיישל. גבריאל האט דערויף געקוקט ווי אויף א שרץ, וואס מען וויל פאריאגן אבער ס׳עקלט זיך צו דעם צוצורירן... לאה, דערזעענדיק דעם טיפן צער אין איר מאנס אויגן, האט נישט אויסגעהאלטן און צום ערשטן מאל זיך צעכליפעט. די קינדער, אויף איר קוקנדיק, האבן זיך צעיאמערט אויפן קול.

גבריאל האט איינגענומען די קינדער, זיי ארומגעווישט די טרערן, די נעזלעך און זיך מיט זיי אוועקגעזעצט אויפן עק טאפטשאן.

— וויינט נישט, קינדערלעך, איך וועל אייך דערציילן א מעשה. — ער האט גערעדט מער צו זיך אליין ווי צו די קינדער. — מיין טאטע און

אייער זיידע, עליו השלום, איז געווען א דארפס־שניידער. ס׳גאנצע לעבן האט ער שווער געהארעוועט... אליין געווען א פראסטער מענטש, האט ער שטארק געוואלט זיין זון זאל זיין א שיינער ייד, געשפארט פון זיך און געשיקט מיך לערנען די תורה... „א שיינער ייד״ — ער האט ביי־טער א שמייכל געטאן — א שיינער ייד איז ער געווען... האט קיינעם נישט באעוולט און נישט אנגעקומען צו קיינעמס לאסקע.. זיך מפרנס געווען פון דער נאדל און אדאנק די פויערים...

ער האט זיך א רגע פארטיפט אין זיינע מחשבות. פלוצלונג האט ער אויפגעשטראלט. מיט גליקלעכע אויגן האט ער זיך געווענדט צום ווייב:

— לאה! ווי אזוי איז עס מיר ביז איצט נישט איינגעפאלן? ס׳איז דאך אזוי פשוט. מירן גיין אין דארף אריין... נישט מיט דער נאדל ווי מיין טאטע, אבער אויך נישט מיט זייערע „קאמפרעסלעך״.. ניין, ניין, מירן גיין מיט אונדזערע הענט...

ער איז געווארן אויפגערוימט, א גלעט געטאן איבערן קעפל ס׳עלסטע יינגל — דו, מאטעלע, ווייסט דאך וואס ס׳באטייט „יגיע כפיים״, הא? יא, יא, אם ירצה השם, מוצאי שבת לאזן מיר זיך אלע אין דארף אריין...

פינף טעג האבן גבריאל, לאה מיט אלע דריי קינדער געגראבן קאר־טאפל ביי מיכאילא טזשיזן אין פעלד. מיכאילא, א באקאנטער פויער, האט לכתחילה באטראכט מיט אומצוטרוי דאס געזינדל. ער האט זיך גע־קראצט אין פאטילניצע, און נישט גערן איינגעשטימט אויף זייער מיט־הילף אין דער ווירטשאפט. אבער וואס א טאג ווייטער, אלץ מער ערנסט האט ער גענומען זייער ארבעט. אונטעריאגנדיק דאס פערד ביים אקער האט ער אריבערגעשריען צום ווייב:

— מאלווינע, זע, די מענטשן זאלן נישט זיין הונגעריק... ארבעטן דאך שווער...

— איך קארג זיי דען? — האט זיך די פויערטע ווי פארענטפערט — אבער זיי עסן דאך נישט פון אונדזער געקעכטס...

גבריאל איז געווען פארטיפט אין דער ארבעט ווי אין א שווערע הלכה, זיך געפרייט מיט יעדן פולן זאק ווי מיט א שווער געלייזטער חרי־פה. אויך לאה מיט די עלטערע צוויי קינדער האבן פלייסיק געגראבן און אפילו דער קליינער יאנקעלע איז מיט א קיישל נאכגעגאנגען הינטערן אקער און מיט פולע קיישלעך געלאפן צום זאק אויסשיטן.

גבריאל האט מיט פרייד באטראכט זיינע קינדער. געזען, ווי די הארבסטיקע זון האט צערויטלט זייערע בעקלעך, ווי זייערע אייגעלעך האבן געגלאנצט.

פינף טעג האבן זיי געלעבט אין דארף. בייטאג געארבעט אין פעלד, ביינאכט געשלאפן אין שייער אויפן פרישן שמעקעדיקן היי, זיך געשפייזט מיט ברויט, קארטאפל און מילך. פון געדאנק האבן זיך אויסגעוועבט אלע זארגן. אמת, אלע גלידער האבן ווי געטאן פון בויגן זיך א גאנצן טאג, אבער אויפן הארצן איז געווען לייכט און מחיהדיק.. . גראבנדיק אין דער ערד האט פון גבריאלס זכרון זיך אינגאנצן אויסגעמעקט זיין פריערדיק לעבן, די היים און די „ראגאטקע" מיט אלע אירע מענטשן...

אויף דער „ראגאטקע" אבער האט זיך געטאן חושך. אין איינער א נאכט, נאך א שטארקער שיסעריי, איז פלוצלונג געווארן אומגעווײנלעך שטיל. אויפשטייענדיק פארטאג האבן די מענטשן באמערקט, אז מען איז געבליבן אן א „מאכט". נישטא נישט קיי „לעגיאנען" און נישט קיין „ברידערלעך". ביז האלבן טאג האט מען זיך ארומגעדרייט ווי שאטנס. די הענט האבן זיך נישט געהויבן עפעס צו טאן. די קראמען זיינען גע-ליבן געשלאסן. באלמעלאכעס און קרעמער האבן זיך ארומגעדרייט שלינג און שלאנג. אלע האבן אויף עפעס געווארט, געזוכט איינער ביים צווייטן א באשייד. אבער נאכמיטאג האט אלץ אויפגעלעבט. עמעצער האט בא-מערקט, אז אויף דער באן־סטאנציע שטייט א פארווארלאזטער פראכט-צוג און אז ער איז אנגעלאדן מיט כל טוב... א גאנצן נאכמיטאג און א גאנצע נאכט האבן מחנות מיט זעק און קוישן געשלעפט פון צוג מעל און צוקער, קאנסערוון און הערינג. יעדער האט זיך געאיילט, איינער האט געוואלט איבערשטייגן דעם צווייטן. א מין שדים־טאנץ איז אנגעגאנגען אין דער פינצטער ביים שיין פון איינזאמע גוססדיקע לאמטערנס...

עס האט קוים געגומען שאריען אויף טאג, ווען עמעצער האט פלוצ-לונג אויסגעשריען:

— די „לעגיאנען" זיינען דא!

זעקלעך, קיישלעך, פעסלעך זיינען געשליידערט געווארן אויף דער ערד און די מענטשן האבן אין איילעניש גענומען זיך אויסבאהאלטן, שנעל, שנעל, ווי מייז אין די נארעס. אבער עמעצער האט אונטערגע-געשעפטשעט, עמעצער האט אנגעוויזן מיטן פינגער און ס'האבן זיך אנ-געהויבן רעוויזיעס. ביי וועמען מען האט צוגענומען די אנגעשלעפטע פראדוקטן און וועמען מען האט אפגעפירט אין דער קאמענדאנטור ארײַן...

גבריאל האט פון דעם אלעם נישט געוווסט. פרייטיק פארטאג האט ער מיט זיינע בני בית זיך געלאזט פון דארף צו זיך אהיים. מיכאילא האט זיי אלעמען אנגעלאדן מיט קארטאפל, געגעבן אביסל מעל און גרויפן — יעדער לויט זיינע כוחות. אפילו דער קליינער יאנקעלע האט גע-

טראגן א האלבן פודל קארטאפל אין אן איבערגעבונדן זעקל ווי צוויי הויקערט פון פארנט און פון הינטן...

לאנגזאם האבן זיי זיך גערוקט פאראויס, אפט זיך אפגעשטעלט רוען. גבריאל איז געווען אויפגעלעבט, זיך באמיט אויף די קינדער אריבער־טראגן זיין פריילעכן געמיט. ער האט זיי באוויזן, ווי א גרויסער דרייעק פייגל פליט אוועק אין די ווארעמע לענדער. ער האט דערביי געטראכט, אז אויך די פייגל ווארטן נישט אויף עמעצנס חסד און לאזן זיך אין דער וועלט אריין זוכן א מקור פרנסה. ער האט אנגעוויזן די קינדער אויף הושענה־ביימלעך און צוגעזאגט זיי חול המועד סוכות פירן זיי אהער שניידן הושענות. ער האט זיך געוויצלט, דערציילט פריילעכע מעשיות כדי די קינדער זאלן נישט אזוי שפירן די מידקייט, כדי עס זאל זיי אויסזען קירצער דער וועג...

ביי דער קוזשניע אויפן עק „ראגאטקע" זיינען פלוצלונג, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואקסן באוואפנטע לעגיאנערן. גבריאל, לאה און די קינדער האבן נישט פארשטאנען וואס מען פארלאנגט פון זיי. איבער־געשראקענע האבן זיי זיך, מידע, קוים שלעפנדיק די פיס, געלאזט פירן.

לענגאויס דער גאס האבן מענטשן מיט גרויס חידוש באטראכט די פראצעסיע: צוויי זעלנער מיט די ביקסן פאראויס האבן קאנוואירט פינף פארברעכער: א מאן, א פרוי און דריי קליינע קינדער. אלע מיט זעק אויף די פלייצעס, מיט פארצווייפלונג אין די אויגן אויף די פארשמירטע, אויסגעחושכטע פנימער.

אין געזעמל מענטשן איז אויך געשטאנען די גאנצע חבריה. ארקע האט פון אויפרעגונג געשפיגן אין די דלאניעס, לייזערקע האט מיטן ארבל געווישט דעם שטערן און „ס'איידעמל" האט געשיפעט:

— אהא! „קאמפרעסלעך" איז אייך נישט אנגעשטאנען צו טראגן, איז — אט האט איר!

אבער דער דערנעבנשטייענדיקער שלמה דער גלעזער האט אים מיט כעס א שטורך געטאן אין זייט אריין.

— שווייג, דו „איידעמל"... דו ווייסט עס נישט, אז א לופטשיק קאן מען נישט פארגלאזן מיט א גאנצער שויב... מען מוז זי צוערשט צעשניידן...

געלע בלעטער

ער האט מיט רוגזה פארקלאפט הינטער זיך די ארײַנגאַנגס־טיר, א שליידער געטאן דעם הוט אויפן טואַלעט־טישל אינעם פאדערהויז און אן אויפגערעגטער ארײַנגעשפּרײַזט אין צימער.

אויף דער סאפע איז איבער א בוך געזעסן זײַן פרוי, פייגעלע, אדער פעני — ווי מען האט זי צווישן מענטשן גערופן — א צארט וועזן מיט אן אויסגעמאגערט, לײַכט געמאַלט פּנים און טלענירטע האר· שפּורן פון אמאליקן יוגנטלעכן רייץ זענען פארבליבן אין אירע אויגן און אינעם הויכן אפענעם שטערן. א רגע האט זי באַטראַכט איר אויפגערעגטן, ארום־שפרײַזנדיקן מאן.

— וואס איז ? זיי האבן דיר שוין ווידער עפּעס בייז געטאן ?

פייגעלע האט שוין לאַנג אויפגעהערט לעבן איר אייגן לעבן, געווארן א שאטן פון איר מאן דעם באַרימטן שוישפּילער. אירע אייגענע אמביציעס זענען שוין זינט יארן אויסגעוועפּט געווארן אינעם שײַן פון איר מאנס פּאפּולאַריטעט, פון זײַנע בינע־נצחונות, פון זײַן אלגעמיינער אנערקענט־קייט· זי האט שוין לאַנג פארגעסן אירע נישט געלונגענע פּרוּוון אויף דער בינע. איר גאַנץ וועזן איז פול מיט זאָרג וועגן איר מאן, וועגן זײַנע ליידן און פרייד, וועגן זײַנע גוטע און שלעכטע שטימונגען. שוין לאנג האבן זיך בײַ איר אין הארצן און זכרון אויסגעלאָשן די אלע עוולות, וואס זי איז פון אים אויסגעשטאַנען אין דער יוגנט, ווען ער איז געווען ארומגע־רינגלט פון מחנות פאַרערערינס...

אויף ראָוטן. באַנקעטן, גלעזלעך טיי, אײַנגעאָרדנט צוליב זײַן כבוד וועגן, פלעגט זי זיצן פאררוקט אין א ווינקל, פון קיינעם נישט באַמערקט, זיך פילן איבעריק, איזאלירט פונעם הייטערן געפּילדער און יום־טובדי־קייט, וואס האט געהערשט ארום איר. ער, דאקעגען, איז תמיד געווען דער צענטער. זײַן יעדעס וואָרט איז אויפגעכאַפּט געווארן ווי אן אבן־טוב. ער האט בשפע געטיילט שמייכלען, אונטערשריפטן, האַנטדרוקן, קושן... די ערשטע צײַט פלעגט בײַ פייגעלען דאס הארץ פארקלעמט ווערן פון צער, וואס קיין אײנציק מאל פארבלאַנדזשעט נישט זײַן בליק אין איר ריכטונג, קיין איין שמייכל זײַנער איז צו איר נישט געצילט. שפּעטער, מיט יארן, האט זי זיך צו דעם צוגעוווינט.

נאך זייענדיק יונג און שיין — האט זי נישט איינמאל געפילט איר צוציאונגס־קראפט פאר מענער, נישט איינמאל דערשפירט די קרייצונג פון זייערע נישט גלייכגילטיקע בליקן, אבער קיינמאל האט קיינער נישט גע־וואגט אויף מער ווי אויף העפלעכע שמייכלען, גארנישט זאגנדיקע פראזן. איר גרויסער בארימטער מאן איז תמיד ווי א כינעזישע וואנט געשטאנען צווישן איר און דעם ארום.

טיילמאל האט זי געפרווט פאר אים אנטפלעקן איר אומצופרידנקייט, דערציילן פון איר קוועלונג, זוכן ביי אים דערוואַרעמונג, אבער קיינמאל איז עס איר נישט געראטן. ער, פארשלונגען אין די כוואליעס פון זיין אינערלעכן ברויז, פארפאנצערט אין אנערקענונג, שבחים און חניפה, איז פארבליבן טויב צו איר צאפלדיקער נשמה, בלינד צו איר ווייַ.

לכתחילה איז צו איר געקומען די רעזיגנאציע עפעס אייגנס צו דע־ראבערן, שפעטער איז געקומען די געוווינהייט מיט דער לאגע פון א נעבנזאך, א צולאג צום עיקרדיקן, און דערנאך — די באפרידיקונג.

שוין יארן ווי צווישן זיי הערשט א פולקאמע הארמאניע. ער — ברויזנדיק, אייפערדיק אין זיין שאפן, קליינלעך אין אינטריגעס, שארפזי־ניק ווי א מיטשמועסער, אומברחמנותדיק צו קלענערע, הכנעהדיק אין באצוג צו איינפלוסרייכע — טראגט מיט זיך שטורעם, דראנג; זי — בא־זאכט, פול מיט אנטציקונג פאר זיין געניאַליטעט, אבער מיט א פראקטישער לעבנס־חכמה — גלייכט אויס, אומבאמערקט פאר אים, זיינע נישט בא־רעכנטע, אומטאקטישע שריט, זינלאזע אויפברויזן, אומגערעכטע עוולות, מילדערט זיינע אויסדרוקן פון אונטערטעניקייט לגבי מעכטיקערע פון אים. ער גיט זיך נישט אפ קיין חשבון פון די סיבות, אבער ער פילט שוין פון לאנג, אז ס׳איז אים גוט מיט איר, אז זי פארלייכטערט אים אין שווערע מינוטן פון זיין לעבן... ער האט זי ליב, ליב אויף זיין שטייגער. ער האט ליב פאר איר פארצולייגענען זיינע ראלן, פארטראגן פאר איר זיין עקספאזע וועגן ביי־געשאפענע געשטאלטן און סצענעס. אנגענעם קלינגט אים איר קול, ווען זי לייענט אים פאר די רעצענזיעס וועגן זיין שפילן. מלא חן זעט זי אים אויס, ווען זי סיסטעמאַטיזירט מיט פיעטעט די צַיי־טונגס־אויסשניטן, גראטולאציע־טעלעגראמעס, אדרעסן, מתנות, הענגט פאנאנדער מיט קענטעניש די בילדער פון זיינע קרעאציעס, שטעלט פא־נאנדער און פלעגט די בלומען־קוישן. און זי? זי האט אים ליב מער ווי א פרוי קאן ליב האבן איר מאן, נאר ווי א מוטער איר איינציק קינד... מיט הארצקלאפעניש נעמט זי אויף, זיצנדיק אין זאל, זיין יעדע דערשיי־

נוגג אויף דער בינע. כמעט ביזן פארלירן דעם באוווסטזיין ווירקן אויף איר די אוואציעס ביים סוף פון דער פארשטעלונג...

צענדליקער יארן איז זי געווען באהערשט פון דעם צושטאנד. אבער זינט א געוויסער צייט פילט זי מיט צער אין הארצן, ווי עס וואקלט זיך איר מאנס רום, זיין ארעאל ווערט פארבלאסט... די צושויער ארום אים ווערן פון טאג צו טאג שיטערער, די אפלאדיסמענטן — קילער. אמת, אויסערלעך זעט אלץ אויס ווי געווען: בלומען, באגייסטערטע קריטיק, חניפה־שמייכלען, אבער זי זעט באשיינפערלעך, אז דאס איז נישט עכט.

און ער באמערקט גארנישט, איז פארבליבן נישט געענדערט אין זיין זעלבסטזיכערקייט. דאס דינט איר פארן שטרויעלע אים אפצוצוימען פון דער טרויעריקער ווירקלעכקייט.

און אט שטייט ער פאר איר אן אויפגערעגטער, שפריצט מיט פייער, אויסערלעך מעכטיק ווי געווען. אבער זי באמערקט זיינע אויסגעלאשענע אויגן, די שטריכן פון מידקייט אין די ווינקלען פון זיין מויל. עס פארקלעמט איר דאס הארץ, זי טוליעט זיך צו אים.

— בארויק זיך, אלעקסאנדער, און דערצייל: וואס פאר אן עוולה זענען זיי שוין ווידער קעגן דיר באגאנגען?

— כא — שטורעמט ער — "זיי"... ווער זענען די „זיי"? אין נארמאלע צייטן וואלט אזוינס נישט געוואגט אין מיינע ד' אמות צו שטיין... זענען נאך אין די ווינדעלעך געלעגן, ווען אלעקסאנדער מערין האט די וועלט באהערשט... די נעז רייניקט אויס, צוציקעס, ווען איר וואגט צו מיר זיך צו דערנענטערן! — האט ער זיך מיט כעס צעשריען.

— רעג זיך נישט אויף, דערצייל וואס האט פאסירט.

— אויסגעוואקסן... ווי שוועמלעך נאך א רעגן... א רעזשיסער — כא! כא! נאר וואס פון דער שול־באנק אראפ און גייט מיך לערנען... מיך — לערנען! ער מיינט, ער האט פאר זיך א חדר־ייִנגל: „קמץ אלף — אָ, קמץ בית — באָ"... מיט דיין קמץ אלף, טייערער, קאנסטו דעם עולם בלויז מאכן גענעצן. אבער מיטרייסן אים, פארכאפן — דערצו דארף מען האבן הארץ, טאלאנט, און דאס, מיינע ליבע, קויפט מען נישט אין געשעפט, קריגט מען נישט אויף דער שול־באנק... אזוי איז עס, מיינע האכגעשעצטע...

זיינע ליפן האבן זיך אויסגעקרימט אין א חוזק־גרימאסע...

— אבער איך האב זיי געלאזן שטיין... איבערגעריסן אינמיטן און אוועק... זאלן זיי שפילן אן מיר...

זי האט דערפילט א ציטער אין די קני.

— איבערגעריסן אינמיטן דער פראבע?

— געוויס. אלעקסאנדער מערין האט פיינט צופיל מחזקות. אהין אדער אהער. אדער קוקט, לערנט זיך ביי אים, לאזט אים שפינען דעם גאלדע־נעם פאדעם, וועט ער אייך וויייזן, ווי מען צעפלאקערט מענטשלעכע הערצער, ווי מען צעברויזט מענטשלעכע נשמות, אדער... — ער האט זיך פלוצלונג צעלאכט — כא! כא! כא! איך שטעל מיר פאר, ווי זיי לויפן איצט ארום ווי די צעפלאשעטע גענדז...

ער האט פארוויכערט א פאפיראס. א לענגערע ווײַלע האט ער פאר־טראכטערהייט נאכגעקוקט די רויך־רינגען און זיך ווידער צערעדט:

— מיינען, איך פארשטיי נישט, אז דאס זענען אלץ זיינע, מינדינס אינטריגעלעך... האלט זיך שוין פאר עפעס רעכטס... א פאר פע־דער־קריצער האבן אים באשאנקען מיט עטלעכע לויב-ווערטער, מיינט ער, אז ער האט שוין איינגענומען די וועלט...

ער האט פלוצלונג באמערקט איר פארזארגט פנים.

— נו, נו — האט ער זי צוגעצויגן צו זיך — מאך נישט אזא זויערע מינע. דו ווייסט — האט ער זיך באמיט צו שפאסן — ווערסט האבן א שווערע ארבעט אלעמאל אויסצוטראכטן אן אנדער תירוץ, פארוואס איך קאן נישט צוגיין צום טעלעפאן.

אבער קיינער האט נישט געקלונגען. נאך מיטאג האט ער ווי גע־ווינלעך זיך צוגעלייגט שלאפן. ווען ער האט אויפגעוואכט האט זי אים באלד אריינגעבראכט זיין קאווע. ער האט איר נאכגעקוקט מיט א דער־ווארטנדיקן בליק. אין צימער איז שוין געווען האלב טונקל און ער האט נישט באמערקט, ווי זי מיידט אים אויס צו קוקן אין די אויגן אריין, נישט באמערקט דעם נערוועזן צוק פון אירע קינבאקן. זיי האבן שווייגנ־דיק אויסגעטרונקען, זי האט צוגערוימט, ארויסגעטראגן די שעלכלעך, פארבייגייענדיק אנגעצונדן דאס ליכט; ער האט איינגעשלאסן דעם ראדיא, פארוויכערט, זיך אריינגעזעצט אין פאטעל מיט א בוך, זי איז אריינגע־קומען מיט איר האנט־ארבעט. פיינלעך האבן זיך געצויגן די מינוטן.

חוצפהדיק האט זיך צעשריען דער טעלעפאן. זי האט א שליידער גע־טאן איר האנט־ארבעט און אין איין אטעם ארויסגעלאפן אין קארידאר. ער האט זי באגעגנט שטייענדיק אינמיטן צימער מיט אפענע ברענעדיקע אויגן.

— א טעות — האט זי שולדיק אראפגעלאזט דעם קאפ.

* * *

— דזי־י־ן! דזי־י־ן! דזי־י־ן!

קאנדעליאברעס... קאנדעליאברעס... און א שיעור ליכט... ער זיצט אויף א הויכן טראָן... פון אויבן אראָפּ אויף די מירמלנע טרעפּ אין צוויי לאַנגע רייען — די לייב־וואַך מיט האַלעבאַרדעס אין די הענט. און אונטן, ווי מילבן — דאָס פאָלק. אַלע ציִען זיך צו אים, שטרעקן די הענט, פאַלן אויף די קני, פויזען ווי ווערעם צו אים, צו אים... די האַלעבאַרדעס קרייצן זיך. א רגע ווערט אַלץ פאַרגליווערט... טויזנטער אויגן זענען געווענדעט צו אים... ער דאַרף רעדן... אויף דער צונג לייגן זיך שוין די ווערטער פון דעם באַרימטן מאָנאָלאָג... אָבער וואָס איז עס? ער קאָן קיין מויל נישט עפענען... דאָס ליכט שטעכט אין די אויגן, פאַר־בלענדט... וואָס פאַרא רעפלעקטאָר וואַרפן זיי אויף זיין פּנים, די אי־דיאָטן?... די שווערע קרוין דריקט אויפן קאָפּ, פונעם סצעפּטער חלשט אַפּ די האַנט און אין די אויערן קלינגלט דער איינעסנדיקער „דזין, דזין"! אהא, דאָס קלינגט אַזוי דער לץ, דער שוטה, מיט די גלעקלעך פון זיין מיצל... ער שלענגלט זיך ביי זיינע פיס. דאָס נאַרישע פּנים — מינדינס פּנים — אויסגעקרימט אין אַן איראָנישער גרימאַסע. די פאַרזשמורעטע איי־געלעך — מינדינס אויגן — קוקן אויף אים פון אונטן אַרויף מיט ביטול, מיט חוזק... ער ווערט באַהערשט פון א ווילדן צאָרן, טוט א שטויס מיט דעם פוס דעם לץ אין הינטן. יענער קוילערט זיך פון אַלע טרעפּ און זיינע גלעקלעך צעשיטן זיך:

— דזי־י־ן! דזי־ין! דזי־י־ן!

ער האָט אויפגעריסן די אויגן. אויף זיין קישן איז געפאַלן א שטיפע־רישער זונענשטראַל...

א גאַנצן טאָג האָט אים פייגעלע נאָכגעקוקט מיט אומרו אין האַרצן. ער איז געווען אויסערלעך אויפגעלייגט, האָט זיך גימנאַסטיקירט, גלאַט אָפּגעראַזירט, מאַסאַזשירט דאָס פּנים, צוגעפּאַרבט די האָר. ביים פרישטיק האָט ער פריילעך געשפּאַסט, זי האָט אָבער דייטלעך אַרויסגעפילט זיין אינערלעכע אויפרעגונג, זיין אָנגעשטרענגטע אויפמערקזאַמקייט צו יעדן שאָרך אין פאָדערצימער. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגיין שפּאַצירן. געזאָגט, אַז ער האָט עפּעס וויכטיקעס דורכצושטודירן. פון דער קיך האָט זי אים אָבסערווירט, ווי ער זיצט מיט אויג און אויער געווענדעט צו דער טיר. א פּאָר מאָל איז ער אויפגעשפּרונגען ווי פון עפּעס געוועקט, גע־מאַכט א פּאָר טריט צום אַרויסגאַנג, אָבער באַלד אַן אַנטוישטער זיך צו־ריקגעקערט צום פאָטעל.

דער טעלעפאָן האָט עקשנותדיק געשוויגן...

מיטאג האבן זיי געגעסן אין שטיל־שווייגן. נאכן געוויינלעכן נאכ־מיטאג־אפרו האט ער זיך אפגעזאגט אויפצושטיין, ער האט זיך אויך נישט צוגערירט צום אונטברויט, וואס פייגעלע האט אים דערלאנגט צום געלעגער.

א גאנצע נאכט האט פייגעלע מיט קיין אויג נישט צוגעמאכט. שעהנ־לאנג איז זי געשטאנען הינטער זיין טיר, געהערט ווי ער ווארפט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער. עטלעכע מאָל האט ער אויסגעשריען פון שלאף. איינמאל האט ער זיך צעשלוכצט. זי איז אריינגעלאפן צו אים. ער איז געלעגן מיט פארמאכטע אויגן, אבער זי האט גוט באמערקט, אז ער שלאפט נישט... זי האט ארויפגעלייגט איר האנט אויף זיין שטערן און געשטאנען אזוי לאנג, ביז זי האט דערפילט, אז ער איז אויף אן אמת איינגעשלאפן...

ווען זי האט זיך אינדערפרי אומגעקערט פונעם געוועלב, האט זי זיך דערשראקן פאר זיין אויסזען: דאס פנים געל, די האר צעשויבערט, אונ־טער די אויסגעלאָשענע אויגן צוויי אראפהענגענדיקע קישעלעך. צום ערשטן מאל אין זייער לאנגיעריקן צוזאמענלעבן האט זי זיך דערפילט מאכטלאז. זי איז אייליק ארויסגעלאפן פון שטוב.

דער דירעקטאר האט זי אויפגענומען העפלעך, געבעטן זיצן. דערביי האט ער אויף איין ווײלע נישט איבערגעריסן זיין באשעפטיקונג: דורכ־געקוקט און אונטערגעשריבן פאפירן, גערעדט אין טעלעפאן, ארויסגערופן דעם און יענעם, געגעבן פאראָרדנונגען און גלייכצייטיק צו איר געווארפן אפגעריסענע פראזן:

— אזוי, אזוי... קראנק געווארן אונדזער אלעקסאנדער... געוויס, געוויס — דאס געזונט דארף מען היטן. כ'בין אזוי באשעפטיקט, איר זעט דאך... כ'וול אבער זיכער אפרייסן א פאר פרייע מינוט אים מבקר חולה צו זיין. דער עיקר — נישט אויפרעגן זיך... דאס געזונט איז טיי־ערער...

זי האט זיך שטיל ארויסגעשלייכט פון קאבינעט. אין קארידאר האט זי זיך אנגעשטויסן אויף א מחנה אקטיארן, וועלכע האבן, ווייזט אויס, נאר וואס פארענדיקט די פראבע. פארויס איז געגאנגען דער יונגער רעזשיסער. מינדין האט אים געהאלטן אונטערן ארעם און עפעס הייס אריינגעטענהט. הינטער זיי אויף א געהעריקער דיסטאנץ, איז נאכגעגאנגען די „וואנסע־לעך". זיינע בוימלדיקע אייגעלעך האבן זיך א גליטש געטאן איבער פיי־געלעס פנים. ער האט זיך אבער גלייך אפגעקערט, זיך געמאכט נישט בא־

מערקנדיק זי. אן אקטריסע, אירע א יוגנט־חברטע, האט זיך אויף איר ארויפגעוואָרפן קושן:

— א, פעני, וואס מאכט מען עפעס?...

אבער באלד, ווי זי וואלט זיך וואס דערמאנט, איז זי אומגעביטן געוואָרן, גענומען זיך אייליק געזעגענען, זיך פארענטפערנדיק דערביי:

— מארגן איז די פרעמיערע... מען דארף נאך אזויפיל באזארגן...

זי האט א קוש געטאן פייגעלען אין באק און איז שנעל פארשוואונדן.

שנעל האט פייגעלע פארלאזט דעם טעאטער־בנין. זי האט מורא געהאט צו טראכטן, זיך אפגעבן א חשבון פון דער ווירקלעכקייט. אין די אויערן האט געקלונגען: „מארגן איז די פרעמיערע... מארגן איז די פרעמיערע" זי האט זיך דערמאנט אלעקסאנדערס בעטנדיקן בליק, זיין קינדערשע פארצווייפלונג, זיין האפנונגסלאזע דערוואַרטונג... זי איז אריין אין א טעלעפאן־ביידל און אנגעדרייט דעם נומער...

— דאס בין איך, עלא... די סעקרעטארין... דער דירעקטאר איז זייער באאומרויקט פון אייער אפוועזנהייט, געבעטן זייער, איר זאלט קומען אין טעאטער אריין...

פייגעלע האט שוין פון הינטער דער טיר דערהערט ווי ער דעקלאמירט מיט א הייטער קול:

> אין גרינעם גרין, אין גרינעם נרין
> מיין לעבנס־אטעם איך געפין...

זי האט אים געטראפן שוין מיטן הוט און שטעקן גרייט צום ארויסגיין.

— וווהין? — זי האט מורא געהאט די אויגן אויפצוהייבן.

— די פליכטן, טייערע, די פליכטן רופן... ווילסט קום מיט, וועסטו זיין אן עדות, ווי זיי וועלן ביי מיר פלאטערן, די עפיגאנען... זיי וועלן פון מיר אזוינס הערן, ס'וועט זיי אין דער זיבעטער ריפ פארגיין...

פייגעלע האט דערפילט, אז די קאטאסטראפע דערנענטערט זיך און אז ענדערן זי איז זי נישט אומשטאנד. זי איז מיטגעגאנגען, געפירט אים דורכן פארק. איר מוח האט געארבעט אנגעשטרענגט, געזוכט מיטלען ווי אפצוווענדן אים פון דעם באשלוס צו גיין אין טעאטער. זי האט דערקלערט, אז זי איז מיד, געבעטן זיך א ווײַלע צוזעצן אויף א באנק. ער האט נישט גערן נאכגעגעבן. זי האט גוט געפילט, ווי זיין גאנץ וועזן רייסט זיך צו גיין אהין וואס שנעלער... פלוצלונג איז ער אויפגעשפרונגען ווי פון עפעס געטראפן... פון קעגנאיבערדיקן אפישן־קיאסק האט אראפגעשריען א שמאלער קווער־געקלעפטער אויפשריפט: „דער אויסגעטראכטער קעניג. אין דער טיטל־ראל — דער ארטיסט **מינדין**"... דער

הוט מיטן שטעקן זענען אים פון דער האנט ארויסגעפאלן און מיט א קרעכץ איז ער געזונקען אויף דער באנק... פייגעלע האט פארגראבן איר קאפ אין זיין ברוסט און צום ערשטן מאל אין לעבן זיך צעוויינט אין זיין אנוועזנהייט. ער האט שטאר געקוקט פאר זיך, פירנדיק מיט דער האנט איבער איר קאפ...

זיי זענען אזוי לאנג געזעסן אן א ווארט ארויסצורעדן. דער ווינט האט זיי אין זיין שפיל ארייגענומען, באשאטן זייערע אקסלען און קעפ מיט געלע בלעטער.

דער „נייער“

א לענגערע צייט האט דער קלאס זיך „געבראכן דעם קאפ" וועגן דעם נייעם לערער פון מאטעמאטיק. וואס איז ער? באלד פון אנהייב האט מען באשטימט, אז ער איז נישט ענלעך צו קיינעם פון די ביז איצטיקע לערער: נישט אזא צוגעלאזטער ווי דער „הארציקער", דער לערער פון געשיכטע; נישט ענלעך צו דער „מכשפה" — דער לערערין פון כעמיע, ווי אויך נישט צום „קרבנדל" — דעם לערער פון לאטיין.

דער „נייער" — ווי מען האט אים באלד באטיטלט — איז געווען נישט שטרענג און נישט צוגעלאזן; נישט אויפגערעגט זיך, אבער נישט נאכלעסיק. ער האט נישט געפאדערט, נישט געדראט, אבער מעטאדיש זיך דערשלאגן אכטונג צו זיך און באציאונג צו זיין קעגנשטאנד. די „שדים־גרופע" איז געקראכן פון דער הויט אים צו קאמפראמיטירן, דערפירן צו לעכערלעכקייט, אבער דער „נייער" איז קונציק דורכגעגאנגען דעם קרייץ־פייער. ער האט ווי נישט באמערקט די אלע פאר אים אויס־געשפרייטע נעצן. האט מען פארבונדן די טיר, ער זאל זי נישט קאנען פארמאכן, פלעגט ער תמיד אומגעריכט אריינקומען אין קלאס נישט דער לעצטער און עמעצער פון די שילער איז געווען געצווונגען „אויסצושיטן" דאס שפיצל; האט מען אריינגעשטעקט א טשוואק אינעם געזעס פון זיין שטול, פלעגט ער די גאנצע לעקציע זיך קיינמאל נישט צוזעצן. צום טיש האט ער זיך קיינמאל נישט צוגערירט, אויפן טאוול אליין נישט געשריבן, נאר אלעמאל עמעצן דיקטירט. זיין אויסערלעכקייט האט אויך קיינמאל נישט געגעבן קיין מאטעריאל פאר שפאט: שטענדיק גלאט געראזירט, זיין האלב־מיליטעריש רעקל — ציכטיק, די הויזן — פריש געפרעסט, זיינע באוועגונגען — קארגע, געמאסטענע; זיין שטים — נישט טיף און נישט קלינגענדיק, פריי פון כאראקטעריסטישע טענער, וואס לאזן זיך נאכקרימען. זיינע רייד — פשוטע, לאגישע, אן ספעציפישע פאר אים בלויז ווערטלעך אדער אויסדרוקן. גאר גיך האט זיך געלאזט מערקן, אז דער אינטערעס צו זיינע לעקציעס איז אין קלאס געשטיגן און אז די באוויוז־לעכקייט וואקסט.

די „שדים" פון קלאס האבן באקומען זויערע פנימער און ביסלעכווייז געגומען רעזיגנירן פון דער מעגלעכקייט דעם „נייעם" צו דערנידעריקן. בלויז איין אירקע די שווארצע האט זיך נישט אונטערגעגעבן. זי האט פארזיכערט, אז זי וועט סוף־כל־סוף דעם „נייעם" ארויספירן אויפן ריינעם

וואסער, אז זי וועט דערטאפן זיין שוואכן פונקט. זי האט זיך געזעצט אויף דער ערשטער באנק, אויף זיינע לעקציעס אויסגעטאן פון זיך דאס שווארצע כאלאטל, געבליבן אין א דעקאלטירט קאפטל, געזעסן מיט די הענט געקרייצט אונטער דער ברוסט, די פיס ווייט ארויסגעשטעקט פארויס פון אונטער דער באנק און „געפרעסן" דעם לערער מיט אירע גרויסע אונטער־געפירטע אויגן. דער „נייער" אבער האט קיין זאך נישט באמערקט... חברה האט גענומען פון אירקען אפחוזקן, אבער זי איז איינגעשפארט געשטאנען אויף אירס, זיך געוועט, אז זי וועט אים „צעווארעמען" דעם „נייעם" אלטן...

אבער אומגעריכט — גראד דאן, ווען דער ענין האט שוין כמעט געהאט פארלוירן דעם אינטערעס און אפילו אירקעס אמביציע האט זיך גענומען אפקילן — גראד דאן איז עס געשען...

אין קלאס איז צוגעקומען א נייע שילערין.

ווען דער „נייער" האט אויף דער לעקציע געעפנט דעם זשורנאל צו קאנטראלירן די אנוועזנהייט פון די שילער, האט ער באמערקט א פריש־צוגעשריבענעם נאמען. ער האט א ווענד געטאן זיין בליק אין קלאס אריין און איז אויף א רגע פארגליווערט געווארן — — —

— — — א פארקראטעוועטער פראכט־וואגאן... דערנאך אן אויפ־געפראלטער הייסער זומער־טאג... כוואליעס מענטשן: מענער, פרויען, יינגלעך און מיידלעך מיט געפעק... ס. ס.־לייט מיט רציחותדיקע הינט... פיראמידן פון געפעק... גרוי־ברוינלעכע באראקן... א לאנגער פאבריק־קוימען מיט א געדיכטן שווארצן רויך... זיין פופצניעריק טעכטערל, לאהלע, איז צוגעטוליעט צו זיין ארעם, א בינטל האר פון איר ברוינלעכן קאפ קלעפט צו איר פארשוויצטן שטערן... אירע מאנדל־אויגן צערטלען אים מיט זייער מילדן בליק... מען דערנענטערט זיך צו א שמאלן דורכ־גאנג אויף א בריקל... עטלעכע דייטשישע אפיצירן מיט וואסערדיקע אויגן באטראכטן יעדן פון די דורכגייער... און פלוצעם... מיט א פארוואָרפענעם שטעקן ארום האלדז ווערט לאהלע געשלעפט ווי א הונט דורך היצלעס... ער טוט זיך א ריס און ווערט גלייך אפגעווארפן דורך א האגל פון קלעפ... פון צווישן יונגע פארצערטע פנימער קוקט ארויס צו אים איין קאפ מיט צעשויבערטע האר, מיט א פאר מאנדל־אויגן און מיט א קינדערש איבערגעשראקענעם, אבער גלייכצייטיק תמימותדיקן בליק — — —

— — — איר בליק... איר בליק...

דאס האט געדויערט בלויז א צוויי־דריי רגעס, אבער פאר אירקען איז דאס געווען גענוג. זי האט אויפגעלעבט, זיך גענומען סודען מיט די

דערבייזיצנדיקע, געשריבן און איבערגעשיקט צעטעלעך אויף די הינטערשטע בענק. צום ערשטן מאל האט דער „נייער" נישט באהערשט דעם קלאס און די לעקציע איז אדורך אין אומרויקן גערודער, כמעט אזוי, ווי ביים „קרבנדל".

אין זיין איינזאמען חדרל איז דער „נייער" געזעסן און קאנטראלירט די העפטן. פון יעדן העפט האט צו אים ארויסגעקוקט א לעבעדיק נפש... אט איז דאס העפט פון יענעם לאנגן בחור מיט די פינטלדיקע אויגן און צוקנדיקן האלדז. ער קען דעם מאטעריאל, אבער צוליב נערוועזיטעט באמערקט ער נישט, ווי ער פארבייט צייכנס און דערגייענדיק דורך דעם צו אבסורדן, פארלירט ער זיך צוליב מאנגל אין צייט און אין פארצווייפלונג שרייבט ער אין נארישקייט נאך דער צווייטער; אט איז אירקעס העפט. פון איר שריפט, רעגלמעסיקייט פון די שורות, שרייט ארויס איר זעלבסט־זיכערקייט. זי האט זיך פאלש איינגעחזרט געוויסע פארמולעס און באנוצט זיי מיט דער איבערצייגונג, אז זיי זיינען אמתע; אט איז דאס העפט פון יענעם בלאסן דיקלעכן מיידל מיט די העל־בלויע מלאכישע אויגן — זי ווייסט שוין, ווייזט אויס, קיינמאל נישט באגרייפן דעם זין פון מאטעמאטישע כללים. אזוי לייגט ער איבער העפט נאך העפט, שטרייכט אונטער טעותים, שטעלט מיינונגען, שרייבט אונטער, ביז עס קומט אים אין דער האנט אריין דאס העפט פון דער נייער שילערין...

ער פארווארפט דעם קאפ אויפן אנלען פון דער שטול, די באשאטנטע ווענט־הילן אים איין אין זייער סודותפולקייט און ער ווערט פארזונקען אין א וועלט פון דערינערונגען...

זיין לאהלע קומט צולויפן פון דער שול. די בעקלעך צעפלאמט, די אייגעלעך גלאנצן. איין צעפל הענגט איר איבער דער ברוסט, דאס צווייטע — פארווארפן אהינטער. זי טוט א שליידער די ביכער־טעקע אוןווארפט זיך אים אויפן האלדז. זיי זעצן זיך ביידע אויף דער סאפע. זי — ביי אים אויף די קני — דערציילט אים און דערציילט אלע פאסירונגען פון היינטיקן טאג: ווי זי האט געקראגן א „צוויי" פאר אונטערזאגן, ווי קאמיש צוויי יינגלעך האבן אויפן טאוול אנגעצייכנט דעם גראבן פיזיקער, ווי זיי האבן נישט באוויזן עס אפצומעקן איידער יענער איז אריין, ווי קיינער אין קלאס האט נישט דערציילט, ווער דאס האט געטאן, ווי דער גראבער האט פאר כעס היינט געשטעלט שלעכטע צייכנס, ווי א יינגל האט איין מיידל אינמיטן דער לעקציע א שלעפ געטאן פאר א צאפ און זי האט אים דערפאר א זעץ געטאן מיט דער ווירע איבער דער נאז און ווי זיי זיינען דערנאך אלס שטראף געשטאנען ביידע צוזאמען אין ווינקל... אלץ דערציילט זי אים... ווי א קינא־לענטע שלייכן פארביי אין זיין זכרון בילדער פון

לאהלעס פופצניעריק לעבן: איר קינדערשע פרייד מיט א שפּילצייג, מיט א נייעם קליידל; אירע טרויעריקע אויגן אויפן קראנקן־בעט, איר פארוואונדערט שעמעוודיקער בליק ביים רייף ווערן, איר הייסער אטעם און קלאפנדיק הארץ ביים דערציילן וועגן דעם יינגל וואס האט זי געוואלט א קוש טאן... דאן קומען שווערע טונקעלע בילדער פון יענע גרויליקע טעג, ווען יעדער טריט איז געווען באדראט מיט צעשיידונג... זיי איז געלונגען. צוזאמען האט מען זיי געפירט. דער וועג אין ענגן, האלבטונקעלן וואגאן איז געווען א פחדימדיקער, דער ציל — אומבאוווסט, אבער זיי זיינען געווען צוזאמען... זיין קאפּ זינקט אויף דער ברוסט ביים לעצטן שווידערלעכן בילד: מען רייסט זי פון אים, מען רייסט זי אפּ אויף שטענדיק, אויף שטענדיק...

דער קלאס האט פאר נייגעריקייט פארטייעט דעם אטעם. צום טאוול איז ארויסגערופן געווארן די נייע שילערין. דרייסיק פאר אויגן וואנדערן פון איר אויף דעם „נייעם" און פון אים — אויף איר. זי שטייט מיט פינקלענדיקע אויגן, מיט צעפלאמטע בעקלעך, איין צעפּל הענגט איר אויף דער ברוסט, דאס צווייטע פארווארפן אויף הינטער. מיטן שטיקל קרייד אין דער האנט שטייט זי אין שפּאנענדיקער דערווארטונג. און ער? ————

— — — לאנג האט ער עקשנותדיק פארטריבן פון זיך דעם געדאנק, אז זיין לאהלע איז געגאנגען דעם וועג דורך דער באד, פאבריק־קוימען און שווארצן רויך... יענער אונטערגעהערטער געשפּרעך פון די צוויי ס.ס.־לייט... זייער תאוהדיק געלעכטער און פעטע עבירהדיקע אויס־דריקן... יונגע מיידלעך שטייען נאקעט פארזאמלט ביים אריינגאנג אין דער באד... צוויי מעכטיקע רעפלעקטארן ווארפן אויף זיי זייער שיין און די מיידלעך, ארומגערינגלט דורך ס.ס.־לייט, קאפּאס און בייזע הינט, זוכן מיט פארצווייפלטע בליקן א באהעלטעניש אין דער ארומיקער טונקלעניש פון דער הארבסטיקער נאכט... א קאלטער שוויס באדעקט זיין שטערן... זיין לאהלע, א נאקעטע, ציטערט פון קעלט און פון בושה און ער קאן זי ניט באשיצן, פארדעקן, דערווארעמען — — —

— — — דער גאנצער קלאס האט אזש אן אכץ־געטאן פון איבער־ראשונג. דער „נייער" האט פלוצלינג ארומגענומען דאס מיידל ביים טאוול און צערטלעך געטוליעט זי צו זיך... זי האט זיך א ריס געטאן פון זיינע ארעמס, צעטומלט זיך אומגעקוקט אויף די ארומיקע, פארדעקט דאס פּנים מיט די הענט און מיט געוויין ארויסגעלאפן פון קלאס...

ער האט א ווענד געטאן זיין פארווירטן בליק אין קלאס אריין, פארלוירן איבער אים די שליטה... די „שדים גרופּע" האט אויפגעלעבט און אירקע האט טריאומפירט...